STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02553

FUN UNZER ALTEN OYTSER

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פון אונזער אלטען אוצר

(פיערטע זאמלונג)

בעקליבענע פערל פון אונזערע אלטע קוואלען און
כל׳ערליי ספרים, פון די ראשונים און אחרונים,
איינגעטיילט אויף די סדרות פון דער תורה.

געזאמעלט און בעארבייט
פון ב. יאושזאהן

זיעבעטער באנד | בראשית
שמות
ויקרא

וואַרשא תרח״ץ

אַלע רעכט, סיי פון גאַנצען ספר, סיי פון
טיילווייזען איבערדרוקען, אָדער איבער־
זעצען, בעהאַלט דער מחבר פאַר זיך.

Copyright 1938 by M. JUSTMAN, Warszawa, Twarda 16/6

Printed in Poland

B. JEUSZSOHN
FUN UNZER ALTEN OJCER
WARSZAWA 1938.

Druk. „GRAFIA", W-wa, Nowolipki 7. גצזעצט ביי ש. שטיינזאלץ, ווארשא, וואלאווא 8.

ספר בראשית

בְּרֵאשִׁית

בראשית ברא אלקים את השמים ואת הארץ... (א. א.)

„בראשית" — פלעגט זאָגען רבי משה לייב סאסובער — דאָס ערש־טע, וואָס אַ איד דאַרף וויסען, איז — „ברא אלקים את השמים ואת הארץ", אַז דער אויבערשטער האָט בעשאַפען די וועלט, אַז עס איז דאָ אַ מנהיג און עס פיהרט זיך נישט, חלילה, אַליין...

———

והארץ היתה תוהו ובוהו וכו'... (א. ב.)

„והארץ היתה תוהו — זה מעשיהן של רשעים, ויאמר אלקים יהי אור — זה מעשיהן של צדיקים, אבל איני יודע באי זה מהן חפץ, ממה דכתיב וירא אלקים את האור כי טוב — הוי במעשיהן של צדיקים הוא חפץ ואינו חפץ במעשיהן של רשעים".

וועגען דעם זין און בעדייטונג פון דאָזיגען אונפערשטענדליכען מאמר איז שוין אַ סך טינט פערגאָסען געוואָרען, וואָרום ווי געשיקט זיך עס, ווי קאָן דען גאָר זיין אַ הוה אמינא צו מיינען, אַז השי"ת וואָלט בעסער וועלען די מעשים פון די רשעים?

נאָך די גמרא זאָגט: „גדולה הסרת הטבעת יותר ממ"ח נביאים וז' נביאות שנתנבאו לישראל, שכולן לא החזירן למוטב וזו החזירן למוטב" (מגילה י"ד).

אַלזאָ נישט־נור די צדיקים זענען בכח מחזיר למוטב צו זיין די אידען, נאָר אָפט ווערט עס דערגרייכט מיט אַ פיל גרעסערען ערפאָלג דורך די רשעים, וואָס מיט זייער אונגעוועהנליכער רשעות צווינגען זיי די אידען תשובה צו טהון. וועלכער וועג איז בעסער? — „ממה דכתיב וירא אלקים את האור כי טוב, הוי במעשיהן של צדיקים הוא חפץ". אָמבעסטען איז דער ערשטער וועג, אַז די אידען זאָלען תשובה טהון דורך די מעשים

פון די צדיקים, און נישט דורך דעם, וואָס די רשעים וועלען זיי נויטען און צווינגען דערצו...

(דת ודעה)

נעשה אדם... (א. כו.)

„אָדם" איז דער סימבאָל פון אַחדות. דאָס איז דער הויפּט־יסוד און הויפּט־תנאי פאַר דער מענשליכער עקזיסטענץ. נור ביי אַ פרידליכער צו־זאַמענלעבונג וועלען מענשען קענען עקזיסטירען.

דאָס וואָרט „אָדם" האָט נישט קיין לשון־רבים...

(עוללות אפרים)

בשעת־ווערט געזאָגט אין מדרש — עס איז ענטשטאַנען די חלוקי־דעות צווישען „חסד" און „צדק", „שלום" און „אמת", צי מען זאָל יאָ בעשאַפען דעם מענש, אָדער נישט, „מה עשה הקב"ה? — נטל אמת והשליכו לארץ". און דערויף ווערט געפרעגט: פאַרוואָס האָט מען גראד אַראָבגעוואָרפען דעם „אמת", נישט דעם „שלום"?

ווייל — האט געענטפערט דערויף רבי חיים בריסקער — ווען מען וואַרפט אַראָב דעם שלום וואלט ער געווארען צובראכען און עס וואלט געווארען אויס שלום, דאַגעגען דעם אמת קאָן מען נישט צוברעכען, וויפיעל עס זאָל דערפון נישט בלייבען, אַפילו נור אַ שטיקעל אמת — איז עס אַלץ אמת...

און רבי מענדעלי, דער רבי פון קאָצק, האָט געזאָגט דערויף, אַז דערפאַר האָט מען דעם אמת אַראָבגעוואָרפען צו דער ערד, בכדי דערמיט צו וויזען, אַז צום אמת קאָן מען נישט דערגרייכען בקומה זקופה, מיט אַ פערריסענעם קאָפּ, מיט תקיפות און עקשנות פון „קבלו דעתי". — צום אמת דאַרף מען זיך אַראָבבויגען...

רבי מענדעלי קאָצקער און רבי יצחק וואָרקער האָבען צווישען זיך געלעבט אין פריינדשאַפט, בשלום ושלוה, דאַגעגען די הסידים זייערע פלע־

גען זיך כסדר ארומקריגען. איינמאל האבען זיך די צוויי רביים צונויפ־געטראפען, רופט זיך אן דער ווארקער צום קאצקער: כ׳האב פאר אייך, קאצקער רבי, גוטע נייעס: אונזערע חסידים האבען צווישען זיך שלום געמאכט! ווי רבי מעגדעלי האט דאס דערהערט האט ער א געשריי געטהון: אוי וועה, כ׳האב מורא אז דער שקר האט גובר געווען! חידושט זיך רבי יצחק ווארקער: פארוואס עפיס? ווי פאלט איהר אויס? ענטפערט איהם רבי מענדעלי: אין מדרש ווערט דערצעהלט, אז בשעת בריאת־האדם זענען חסד און צדק געווען דערפאר, מען זאל יא בעשאפען דעם מענש, שלום און אמת זענען געווען געגען, „מה עשה הקב״ה? נטל אמת והשליכו לארץ”. איז דאך אין פלוג קשה: מילא פון אמת איז מען טאקי פטור געווארען און ער האט מעהר נישט געשטערט, אבער וואס האט מען גע־טהון מיט׳ן שלום, אויך ער איז דאך געווען פון די געגנער און וואס האט מען אויף זיינע טענות געענטפערט? נאר דער תירוץ איז: יעדע מחלוקה לשם־שמים שטאמט פון מקור האמת, דער אמת דערלאזט נישט צו קיין אונעהרליכען, פאלשען שלום, קוים אבער בעזייטיגט מען דעם אמת, האט מען שוין דאן פאר׳ן שלום נישט וואס מורא צו האבען... און דערפאר, אז איך הער איצט פון אייך, דאס די חסידים אונזערע האבען צווישען זיך שלום געמאכט, האב איך שטארק מורא, צי האבען זיי נישט אמאל אוועקגעווארפען דעם אמת, צי האט נישט אמאל דער שקר, חלילה, גובר געווען...

(אהל יצחק)

ביים בעשאפען אדם׳ן האט זיך השי״ת פריהער מתיעץ געווען מיט די מלאכים, דאגעגען ביי חוה׳ן האט ער זיך מיט קיינעם פריהער נישט בעראטען.

און דערפאר מאכען די פרויען יעדען טאג א ברכה: „שעשני כרצונו” — ער האט מיך בעשאפען לויט זיין אייגענעם רצון...

(ישועות יעקב)

ויפח באפיו נשמת חיים.. (ב. ז.)

א נשמה, וועלכע זאל שטענדיג לעבען, וועלכע שטארבט נישט אב צוזאמען מיט׳ן קערפער...

(חזקוני)

ועץ החיים בתוך הגן... (ב. ט.)

דער מענש, ווערט גיזאָגט אין רמב״ם (הלכות דעות פרק א׳), דאַרף אין אַלע מדות זיך בעמיהען צו דערווייטערען פון עקסטרעמען און צו געהן נור בדרך הממוצע, אין מיטעלוועג, און אַזוי איז אונז אויך מרמז דער פסוק: „ועץ החיים בתוך הגן״, דער לעבענס-בוים געפינט זיך בתוך הגן, אין מיטען פון גאָרטען...

כי ביום אכלך ממנו מות תמות... (ב. יז.)

אמת טאַקי, ער האָט נאָך געלעבט נאָכהער גאַנצע ניין הונדערט און דרייסיג יאָהר, אָבער אַנדערש האָט דאָס דאָזיגע לעבען אויסגעזעהן און א גאַנץ אַנדערען טעם האָט אָדם הראשון אינ׳ם דאָזיגען לעבען געפיהלט פאַר׳ן חטא פון עץ הדעת, בשעת ער איז געווען פערזיכערט מיט אונ-שטערבליכקייט, בשעת דער געדאַנק וועגען טויט האָט גאָר לגמרי נישט עקזיסטירט, און אַנדערש — בעת ער האָט דערהערט די גזירה וועגען אונפערמיידליכען טוידט, זינט דאַן איז „כי ביום אכלך ממנו מות תמות״, איז פונקט ווי ער וואָלט אינ׳ם זעלבען טאָג געווען געשטאָרבען. זינט די דאָזיגע גזירה איז צוגענומען געוואָרען די פרייד און צופרידענהייט פון לעבען, אין וועלכען מען ווערט כסדר פערפאָלגט און עס שוועבט אונ-אויפהערליך פאַר די אויגען דער געדאַנק און פחד פאַר׳ן יום-המיתה.

„כי ביום אכלך ממנו מות תמות״, פונ׳ם דאָזיגען טאָג אָן וועסטו אין דיין לעבען כסדר פיהלען דעם טעם פון טויט...

(בינה לעתים)

וַיְבִאֶהָ אל האדם... (ב. כב.)

בשעת מען האָט רבי חיים צאַנזער, אַלס חתן, געפּרובט אין לערנען, האָט דער פּרובער איהם געפרעגט אַ קשיא: ווי אַזוי האָט אָדם הראשון מקדש געווען חוה׳ן? דער דין איז דאָך, אַז קידושין דאַרפען זיין פאַר עדות, און זיי האָבען דאָך קיין עדות נישט געהאַט, דען אויסער זיי איז דאָך נאָך דאַן קיין שום מענש אויף דער וועלט נישט געווען?

דערויף האָט איהם רבי חיים, וועלכער איז נאָך דאַמאָלס אַ יונג יונגעל געווען, געענטפערט מניה וביה: דעם דין, אַז מען דאַרף מקדש זיין פאַר עדות, ווערט אין דער גמרא געדרונגען דערפון, וואָס עס ווערט

אַרויסגעלערנט „דבר דבר ממון" (קידושין ס"ה), און דערויף פרעגט די גמרא: „אי מה להלן הודאת בעל-דין כמאה עדים דמי, אף כאן הודאת בעל-דין כמאה עדים דמי"? און די גמרא ענטפערט: „התם לא קא חייב לאחריני, הכא קא חייבה לאחריני", דאָרט, ביי דיני ממונות, בשעת דער נתבע איז אַליין מודה, אַז ער איז שולדיג דעם תובע געלד, ברענגט ער דערמיט קיינעם קיין שאָדען נישט און ער איז דעריבער בעגלויבט, דאָ אָבער, בשעת די פרוי ערקלערט, אַז פלוני האָט איהר מקדש גע-ווען, ליידען דערפון אַנדערע, דען איהרע נאָהנטע קרובות וועלען שוין קיינמאָל נישט קענען חתונה האָבען מיט איהם און זיינע קרובים — מיט איהר, און דעריבער איז זי אָהן עדות נישט בעגלויבט, און היות ווי אדם מיט חוה האָבען נאָך דאַמאָלס נישט געהאַט קיין קרובים און עס איז נישט געווען דער חשש פון „הכא קא חייבה לאחריני", איז שוין ממילא נישט בויטיג געווען קיין עדות, דען — „הודאת בעל דין כמאה עדים דמי"...

ותתן גם לאישה עמה ויאכל... (ג. ו.)

וועה איז דעם מאַן — פלעגט זאָגען דער ראַדאָמסקער רבי, דער „תפארת-שלמה" — וואָס דאָס ווייב איז איהם מפרנס! אַן'איינציג מאָל נור איז חוה געווען די שפייזערין פון איהר מאַן און זעהט, צו וואָס דאָס האָט גורם געווען און ווי אומגליקליך דאָס האָט זיך געענדיגט....

והוא ימשל בך... (ג. טז.)

מדה כנגד מדה: פריהער האָט זי איבער איהם געהערשט, זי האָט איהם בעפוילען צו עסען פון עץ-הדעת און ער האָט איהר געפאָלגט און געגעסען, איז דעריבער געקומען דער עונש, אַז פון איצט אָן זאָל נישט זי הערשען איבער איהם, נאָר ער איבער איהר...

(רמב"ן)

והאדם ידע את חוה אשתו... (ד. א.)

פאַרוואָס האָט אָדם נישט געהאַט מיט חוה'ן קיין קינדער פריהער, איידער ער איז פערטריבען געוואָרען פון גן-עדן?

ווייל פריהער, איידער ער האָט זיך פערזינדיגט מיט׳ן חטא פון עץ
הדעת, האָט ער זיך דאָך געריכט אייביג צו לעבען, און ער האָט זיך דעריבער
נישט צוגעאיילט מיט׳ן האָבען קינדער, דען ער האָט צייט, ער וועט נישט
פערשפעטיגען...

איצט אָבער, נאָכ׳ן חטא, ווען עס איז אויף איהם נגזר געוואָרען
מיתה, ערשט דאַן — „והאדם ידע את חוה אשתו״...

(די דאָזיגע מערקווירדיגע ערקלערונג ווערט געבראַכט אין ספר „הגן״
אַ פירוש אויף תורה פון די בעלי התוספות)

ויהי הבל רועה צאן וקין היה עובד אדמה... (ד. ב.)

קין האָט זיך נישט געוואָלט פערנעהמען מיט קיין פיה־צוכט,
וואהרשיינליך צוליעב׳ן מאָטיוו פון „צער בעלי חיים״, נישט וועלענדיג
עקספלואַטירען און מצער זיין גאָט׳ס לעבעדיגע בעשעפענישען, אָבער דאָס
האָט דעם זעלבען צער־בעלי־חיים׳ניק נישט אָבגעהאַלטען פון צו ערמאָרדען
זיין אייגענעם ברודער...

און עד־היום האָבען מיר, ליידער, אַ סך אַזעלכע, וועלכע זענען זעהר
עמפינדליך און זעהר רחמנות׳דיג אין בעצוג צו בהמות, דאַגעגען צו לע־
בעדיגע מענשען און הויפטזעכליך צו אידען זענען זיי פעהיג אויף די
זעלבע אַכזריות׳דיגע מעשים, וואָס זייער אידען־גענאָסע, קין...

(המאור שבתורה)

הלא אם תיטיב שאת... (ד. ז.)

דער דאָזיגער פסוק, ווי עס זאָגען די חז״ל, געהער צו די „חמשה
מקראות שאין להם הכרע״ (יומא כ״ב). דען ס׳איז נישט קלאָר, צי דאָס
וואָרט „שאת״ איז פערבינדען מיט „הלא אם תיטיב״, אָדער מיט׳ן „ואם לא
תיטיב״.

און אויב אַזוי — האָט געזאָגט דערויף רבי מאיר׳ל פרימישלאַנער —
געהער עס סיי צום ערשטען, סיי צום צווייטען האַלבען פסוק, און דער
פשט איז: „הלא אם תיטיב״, אויב די אידען געהען אין גוטען וועג,
„שאת״, דאַרפסטו זיי, רבונו של עולם, מוחל זיין אַלע פריהערדיגע
חטאים, „ואם לא תיטיב״, אָבער חען אפילו זיי געהען נישט אין גוטען

וועג, דערפסטו זיי אויך מוחל זיין, דען „לפתח חטאת רובץ". נישט זיי זענען שולדיג, נאר דער יצר־הרע, דער פגע־רע, וואס טרעט פון זיי נישט אב, און באמת איז „ואליך תשוקתו", גלוסט איטליכער איד צו דיר, „ואתה תמשל בו", און ער וואלט וועלען, אז נישט דער יצר־הרע, נאר דו, רבונו של עולם, זאלסט הערשען איבער איהם...

(מרגניתא דר' מאיר)

ויאמר קין אל הבל אחיו וכו' ויקם קין אל הבל אחיו ויהרגהו... (ד. ח.)

די תורה דערצעהלט נישט, וואס ער האט איהם געזאגט און עס איז נישט וויכטיג צו וויסען, מחמת בשעת דער רוצח וויל וועמען ערמארדען, און דאס זעלבע בשעת איין פאלק וויל אנפאלען אויף א צווייט פאלק, וועט ער תמיד אויסזוכען און געפינען עפיס א טענה צו בערעכטיגען זיין רציחה. „ויאמר קין אל הבל אחיו". וואס האט ער איהם געזאגט? — דאס איז קיין אונטערשיעד נישט, ווארום וואס ער זאל איהם נישט האבען געזאגט, איז עס געווען נישט מעהר ווי אנ'אויסרייד צום אויספיהרען די פון פריהער געפלאנטע רציחה, — צום „ויהי בהיותם בשדה ויקם קין אל הבל אחיו ויהרגהו"...

(לב שמחה)

ויתהלך חנוך את האלקים ואיננו... (ה. כד.)

„ויתהלך חנוך את האלקים", חנוך האט זיך נישט אבגעגעבען מיט קיין מענשען, ער איז בלויז געגאנגען מיט גאט, און דעריבער — „ואיננו" איז פאר די מענשען פון איהם גארנישט געבליבען...

(רבי חיים אלעזר וואקס, קאלישער רב)

ויראו בני האלקים את בנות האדם כי טובות הנה וכו' ויאמר ד' לא ידון רוחי באדם... (ו.ב.)

קוים איז עס שוין דערגאנגען אזוי ווייט, אז אויך די מלאכים האבען

שוין אָנגעהויבען צו זינדיגען, „ויאמר ד׳ לא ידון רוחי באדם לעולם בשגם הוא בשר״, קאָן מען שוין, אויב אזוי, צום מענש, צום נישטיגען בשר־ודם קיין טענות נישט האָבען, קאָן שוין אויף איהם דער כעס נישט זיין אזוי גרויס...

(דובנער מגיד)

נֹחַ

אלה תולדות נח, נח איש צדיק וכו'... (ו. ט.)

דער פסוק רעכענט אויס די דריי הויכע מדרגות, צו וועלכע נח האָט דערגרייכט: פריהער איז ער דערגאַנגען צו דער מדרגה פון „איש צדיק", וואָס טהוט נישט קיין אונרעכטען, וואָס אַלע זיינע מעשים זענען געריכטעט לויט דער מדה פון גערעכטיגקייט; דאַן, א דאַנק זיינע מעשים-טובים, איז ער געשטיגען צו דער העכערער מדרגה פון „תמים היה בדורותיו", וועלכער איז אַ צדיק נישט-נאָר אין זיינע עפענטליכע מעשים, נאָר ער צייכענט זיך אויס אויך מיט דער גאַנצקייט און עהרליכקייט פון זיינע אינערליכע מחשבות, מיט זיין תמימות שבלב, און דאַן איז ער ענדליך צוגעקומען צו דער סאַמע העכסטער מדרגה, די מדרגה פון „את האלקים התהלך נח", זיך מתייחד זיין און צו לעבען רק מיט גאָט, אַ מדרגה צו וועלכער עס זענען זוכה אין פערלויף פון דורות נאָר יחידי סגולה...

(לויט רבינו בחיי)

„אלה תולדות נח–למדך שעיקר תולדותיהם של צדיקים מעשיהם הטובים" (רש"י)

אַ צדיק איז נישט דער, וועלכער איז אַ מיוחס, נישט דער, וועלכער האָט זכות-אבות, וואָס זיין טאַטע איז געווען אַ צדיק און זיין זיידע אַ צדיק, נאָר דער, וועלכער צייכענט זיך אַליין אויס מיט איידעלע גוטע מעשים...

(דגל ישראל)

תמים היה בדורותיו... (ו. ט.)

„יש מרבותינו דורשים אותו לשבח וכו׳ ויש דורשים אותו לגנאי״ (רש״י)

עס שטעהט נישט—האָט געזאָגט דערויף דער אָמשינאָווער רבי — „ויש מרבותינו דורשים אותו לגנאי״. די רבותינו זענען געווען יענע, וועלכע האָבען געטייטשט לשבח, אַז נח איז געווען אַ גרויסער צדיק, דאַגעגען די, וואָס האָבען געדריגגען לגנאי, זענען נישט געווען קיין „רבותינו״, דען שטענדיג דאַרף מען יענעם דן זיין לכף זכות...

ותשחת הארץ לפני האלקים... (ו. יא.)

„לפני האלקים״ — בלויז פאַר גאָט איז מען געווען פערדאָרבען, פאַר מענשען אָבער איז מען געווען אין אָרדנונג, פאַר די מענשען איז דער געגענזייטיגער גזל און רויב געוואָרען אַ גאַנץ נאָרמאַלע זאַך, אין וועלכען עס האָט קיינער קיין שום חטא און פערברעכן נישט געפיהלט...

(רבי אברהם סבא)

כי מלאה הארץ חמס מפניהם... (ו. יג.)

„לא נחתם גזר דינם אלא על הגזל״ (רש״י)

און ביי גזל פועל׳ט נישט קיין תשובה און עס פועל׳ט נישט קיין תפלה, און דערפאַר האָט נח אויף זיי נישט מתפלל געווען, ווי עס האָט געטהון אברהם אין בעצוג צו די אנשי סדום ועמורה. ביי גזל איז דאָ נאָר איין מיטעל און איין תיקון: „והשיב את הגזילה״!...

(בית ישראל)

ויבא נח וכו׳ מפני מי המבול... (ז. ז.)

„אף נח מקטני אמנה היה, מאמין ואינו מאמין שיבא המבול״ (רש״י)

אמונה — האָט געזאָגט דערויף דער „אוהב ישראל״ פון אַפּט — האָט

אין זיך דעם כח, וואָס מען קאָן ז רך איהר ממשיך זיין די זאַך, אין וועלכער מען גלויבט. נח האָט דעריבער נישט געוואָלט גלויבען אינ'ם מבול, כדי ער זאָל מיט זיין גלויבען נישט העלפען דערנעהנטערען דעם מבול...

ומן הבהמה אשר איננה טהורה.. (ז. ח)

„לעולם אל יוציא אדם דבר מגונה מפיו, שהרי עיקם הכתוב שמונה אותיות ולא הוציא דבר מגונה מפיו שנאמר ומן הבהמה אשר איננה טהורה" (פסחים ג'.).

פרעגט מען: מיר געפינען דאָך זעהר פיעל מאָל דאָס וואָרט „טמא" און „טמאה", פאַרוואָס האָט די תורה אין די אַלע ערטער נישט משנה געווען און נישט געשריבען „לא טהורה"?

האָט דער דובנער מגיד געענטפערט דערויף, ווי זיין שטייגער, מיט אַ משל: אין אַ שטאָדט האָט געוואוינט אַ גרויסער תלמיד־חכם, אַ יחסן, און דערצו אויך אַ גרויסער עושר. בשכנות מיט איהם האָט געוואוינט אַנ' אויפגעקומענער גביר, אַ פּראָסטאַק און גראָבער יונג, וועלכען מען האָט גערופען מיט'ן צונאָמען: „יאָסעל פויער." איינמאָל קומט אַריין צום תלמיד־חכם אַ פרעמדער איד און פרעגט, וואו עס וואָהנט ר' יאָסעל? „ווער? יאָסעל פויער?" — שרייט אויס דער משרת — „אין דער צווייטער טהיר, אַנטקעגענאיבער!" דערהערענדיג דעם דאָזיגען ענטפער האָט דער תלמיד־חכם שטאַרק אויסגעמוסר'ט דעם משרת, הלמאי ער איז פאַר פרעמדע מענשען מבזה דעם שכן, אָנרופענדיג איהם מיט'ן בזיונ'דיגען צונאָמען. אין אַ צייט אַרום קומט אַריין צום תלמיד־חכם אַ שדכן און ערקלערט, אז דער שכן יאָסעל האָט איהם געשיקט פאַרלעגען, אַז ער וויל זיך מיט איהם משדך זיין. דער תלמיד־חכם איז פונ'ם דאָזיגען פאָרשלאַג געוואָרען שטאַרק אויפגעבראַכט: וואָס? — איז ער געווען אויסער זיך — איך זאָל מיך משדך זיין מיט יאָסעל פויער? יאָסעל פויער זאָל זיין מיין מחותן? און ער האָט גענומען זידלען דעם שדכן פאַר דער חוצפה צו קומען צו איהם מיט אַזעלכע שידוכים... אַז דער שדכן איז אַוועק, פרעגט דער משרת דעם בעל־הבית: הלמאי, אַז ער האָט אָנגערופען דעם שכן מיט'ן גראָבען וואָרט, האָט ער איהם געמאַכט דערפאַר אַ פאַרוואורף, ולסוף רופט ער איהם אַליין אויך מיט'ן זעלבען צונאָמען? ענטפערט איהם דער בעל־הבית: דאַמאָלס, אַז מען איז סתם אַריינגעקומען פרעגען אויף איהם און עס האָט זיך גע־האַנדעלט וועגען אַ פראַגע, וואָס איז אונז לגמרי נישט נוגע, איז עס נישט

געווען אויפ'ן ארט צו דערצעהלען דעם פרעמדען איד, וואס פאר א צונאמען דער דאזיגער שכן האט, אבער איצט, ווען מען האט שוין די העזה פארצולעגען מיר, כ'זאל זיך מיט איהם משדך זיין, האב איך געמוזט ערקלערען, פארוואס דער דאזיגער שידוך שטעהט מיר נישט אן, אז יאסעל פויער איז נישט פאר מיר קיין מחותן...

דער נמשל איז: דא, אין פרשת נח, ביים אויסרעכענען די בהמות, וואס מען האט אריינגענומען אין דער תיבה, וואו לדינא איז אייגענטליך קיין נפקה מינה נישט, ווער פון זיי עס איז געווען טהור און ווער טמא, האט די תורה מקפיד געווען און גערעדט בלשון נקיה: „ומן הבהמה אשר איננה טהורה". דאגעגען אין אלע אנדערע מקומות, וואו עס האנדעלט זיך וועגען דערוויטערען דעם איד פון אנ'איסור, פון אנ'עבירה, פון מאכלות אסורות, דא דארף מען שוין נישט מקפיד זיין אויף לשון נקיה, נאר פערקעהרט, מען מוז בפירוש ערקלערען און אנווייזען, פארוואס מען דארף זיך פון די דאזיגע בהמות דערוויטערען: זיי זענען נישט פאר דיר, זיי זענען טמא און פון א דבר־טמא דארף מען זיך מתרחק זיין!...

שנים שנים באו אל נח אל התבה... (ז. ט.)

ביי איינעם פון די אלטע העברעאישער דיכטער געפינען מיר דערויף פאלגענדען עפיגראם:

„דוב ופרה, נמר וטלה
בתבת נח כי ישבו
פלא הוא, אך מה יותר יפלא
שם חם ויפת יחד בשלום כי שכבו"...

מכל אשר בחרבה מתו... (ז. כב)

„מכל אשר בחרבה מתו ולא דגים שבים" (זבחים קי"ג)

דעריבער — האט געזאגט דער רבי ר' בונם — האט מען פאר די דגים שבים געמאכט אנ'אויסנאהם און זיי זענען אין מבול נישט אומגעקומען, ווייל ביי בריאת־העולם זענען זיי געווען די ערשטע בעשעפענישען פון צווישען די בעלי־חיים.

און דערמיט — האָט ער צוגעגעבען — ערקלערט זיך אויך דער מנהג וואָס ביי דער שבת'דיגער סעודה עסען מיר צום ערשטען פיש, ווייל זיי זענען געווען די ערשטע לעבעדיגע ברואים אויף דער וועלט...

למשפחותיהם יצאו מן התבה... (ח. יט.)

„אמר רבי יוחנן למשפחותיהם ולא הם" (סנהדרין ק"ח)

עס איז שוין אַ סך טינט פערגאָסען געוואָרען איבער דעם דאָזיגען אונפערשטענדליכען מאַמר, וועלכען די מפרשים בעמיהען זיך אויסטייטשען אויף פערשידענע אופנים און דער „באר שבע" זאָגט בפירוש: „לא ידענא פירושו".

אָבער פון אַלע פירושים זעהט אויס צו זיין אַמלאָגישסטען די ער-קלערונג פון רבי יצחק אליהו לאַנדוי, און נעמליך:

מיר געפינען נישט אין ערגיץ דאָס וואָרט „למשפחותיהם", נאָר „למשפחותם", און דער מאַמר דאָ אין דער גמרא דאַרף נישט געלערנט ווערען בניחותא, נאָר בתמיה: „למשפחותיהם יצאו מן התיבה, אמר רבי יוחנן למשפחותם ולא הם", „למשפחותם" דאַרף דאָך שטעהן, נישט „למשפחותיהם", אָהן דעם „הם" צום סוף? און אַלס ענטפער דערויף קומט די ווייטערע שטעלע פון דער גמרא: „אמר רב חנא בר ביזנא וכו' כתיב למשפחותיהם יצאו מן התבה, אתון היכן הויתון וכו'" און דעם פירוש פון רש"י דאָרט, אַז „משפחות ומשפחות היו שרויין".

כי יצר לב האדם רע מנעוריו... (ח. כא.)

דעריבער „לא אוסיף לקלל עוד את האדמה בעבור האָדם", ווייל — „כי יצר לב האָדם רע", ווייל דאָס, וואָס דער מענש האָט אַזעלכע שלעכ-טע נייגונגען, נעהמט עס זיך „מנעוריו", דערפון, וואָס דער מענשליכער מין איז זעהר יונג, ער עקזיסטירט איצט סך-הכל צעהן דורות און ער האָט נאָכנישט בעוויזען זיך גייסטיג צו ענטוויקלען; מיט דער צייט אָבער וועט ער ווערען רייפער און בעזאָוסטזיניגער, וממילא אויך — בעסער און איידעלער...

(רבי אליעזר אשכנזי)

כירק עשב נתתי לכם את כל... (ט. ג.)

אלע זאכען, וואס איך האב אייך געגעבען צום עסען, זאלט איהר נישט עסען מיט קיין תאוה, נאר „כירק עשב", פון וועלכען דער מענש האט קיין שום הנאה און תענוג נישט, און אויב ער עסט עס, איז עס בלויז בכדי צו ערנעהרען זיך און צו דערהאלטען דאס חיות...

(רבי משה קאברינער)

רבי אברהמ'עלע פאריסאווער האט אמאל, טיילענדיג ביים שבת'דיגען טיש „שיריים", זיך אנגערופען צום עולם בדרך-הלצה, אז ווי עס ווייזט אויס, איז די תאוה פון כבוד פיעל שטארקער, ווי די תאוה פון עסען, והראיה: ער אליין האט גאנץ אפט חשק אויפצועסען די גאנצע פארציע, וואס מען דערלאנגט איהם צום טיש, דאך, צוליב דער תאוה פון כבוד, בכדי צו טיילען „שיריים" און צו זיין געהויבען ביי די חסידים, דהאלט ער זיך איין און עסט נישט... זעהט מען דאך, אז דער תאות-הכבוד איז גרעסער פון דער תאות-האכילה...

בשעת דער גערער רבי האט, קומענדיג צום ערשטען מאל קיין ארץ-ישראל, געמאכט א וויזיט ביי רבי אברהם יצחק קוק, האט הרב קוק איהם אויפגענומען מיט גרויס כבוד און געהייסען צוגרייטען א גרויסארטיגע סעודה.

ביים עסען רופט זיך אן דער גערער רבי צום הרב קוק:

— ביי אונז, חסידים, איז אנגענומען, אז דער צדיק זאל טיילען „שיריים".

— און ביי אונז, מתנגדים — ענטפערט איהם דערויף הרב קוק — איז אנגענומען, אז דער צדיק אליין זאל זיך בעטראכטען ווי „שיריים"...

ואך את דמכם לנפשותיכם אדרוש.. (ט. ה.)

דאס עסען פלייש, ווי עס ערקלערט דער רמב"ם און רמב"ן, פלאנצט איין אינ'ם מענש ווילדקייט און אכזריות, און דעריבער איז נאכדעם, ווי

מען האָט נח'ן מתיר געמאַכט צו עסען פלייש: „כל רמש אשר הוא חי לכם יהיה לאכלה", האָט מען איהם דערביי תיכף אָנגעזאָגט און געוואָרענט געגען רציחה: „ואך את דמכם לנפשותיכם אדרוש"!

(מלאכת מחשבת)

ויקח שם ויפת את השמלה... (ט. כג.)

דער עונש פון חם איז געווען: „עבד עבדים יהיה לאחיו", דאַגעגען דער שכר פון שם: „הואיל והתחיל במצוה זכו בניו לטלית של תכלת".

וואָס פאַר אַ שייכות האָבען צווישען זיך אָט דיביידע זאַכען, דער עונש פון עבד עבדים מיט'ן שכר פון ציצית?

האָט געזאָגט דערויף דער רבי ר' העשיל:

די גמרא זאָגט: „כל הזהיר בציצית זוכה ומשמשין לו ב' אלפים ושמונה מאות עבדים" (שבת ל"ב), וממילא האָבען שוין די דאָזיגע צוויי זאַכען צווישען זיך אַ גאַנץ נאָהנטע שייכות...

לֶךְ לְךָ

ואברכה מברכיך ומקללך אאור... (יב. ג.)

„מברכיך" ווערט געזאָגט בלשון רבים, „ומקללך" – בלשון יחיד, דען גוטע־פריינד, וואָס זאָלען איהם בענשען, האָט אברהם אבינו, מיט זיינע מדות טובות, מיט זיין אונגעווערהנליכער הכנסת־אורחים, זיך ערווארבען אַ סך, דאַגעגען שונאים – זעהר וויניג, געצעהלטע יחידים...

(רלב"ג)

ואברכה מברכיך וכו' ונברכו בך כל משפחות האדמה... (יב. ג.)

קוים וועט זיין „ואברכה מברכיך", אַז די אַלע, וואָס וועלען דיך בענשען, וועלען דערפאַר אַליין ווערען געבענשט, ממילא – „ונברכו בך כל משפחות האדמה", וועלען אַלע האָבען חשק דיך צו בענשען...

(רבי יצחק אלי' לאַנדוי)

ומקללך אאור..

בשעת דער מחלוקת אין ווילנער גאונ'ס צייט ארום חסידות איז אַמאָל איינער פון די פינסקער מתנגדישע גדולים אַריינגעגאַנגען צו רבי שלמה קאַרלינער פרעגען איהם פשט אין אַ שווערע שטעלע אין זהר.

רופט זיך אָן צו איהם רבי שלמה קאַרלינער, אַז ער וועט איהם פריהער נישט זאגען דעם פשט, ביז ער וועט איהם נישט צוליב טהון און שעלטען דעם ווילנער גאון מיט אַ קללה, וואס ער, דער קאַרלינער, וועט איהם דיקטירען.

דער מתנגד איז געוואָרען אויפגעציטערט דערהערענדיג דעם דאזיגען משונה'דיגען פערלאַנג, און איז אַוועק פון דארט מלא-כעס.

עטליכע טעג איז דער מתנגד געזעסען איבער דעם האָרבען זהר, וועלכען ער האט אבער באין-אופן נישט געקענט פערשטעהן. איז ער זיך מיישב: פערפאַלען, ער וועט איהם צוליעב טהון. דעם ווילנער גאון וועט די קללה זיינע סיי-ווי נישט שאדען, בפרט, אַז אין האַרצען וועט ער בשעת מעשה טראַכטען פערקעהרט...

ער איז אַלזא אַוועק צו רבי שלמה קאַרלינער און ערקלערט, אַז ער איז באין-ברירה מסכים אויפ'ן תנאי, און דאַן האט איהם דער קאַרלינער דיקטירט:

— שעלט דעם גאון אין מיין נאמען, אַז צוליעב דעם, וואס ער רודפ'ט אַזוי די חסידים, זאָל ער דערפאַר נענש ווערען און אויך אַליין האבען חסידישע אייניקלעך...

דער מתנגד האט איהם צוליעב געטהון און — די „קללה" איז טאַקי מקוים געוואָרען: די בעריהמטע ליובאַוויטשער חסידים, רבי אלי' צבי פון בריסאָוו און רבי זלמן פון דיסנא זענען געווען אייניקלעך פון ווילנער גאון..

וילך אברם כאשר דבר ד'... (יב. ד.)

ער האט זיך נישט מיישב געווען, נישט געפרעגט ביי קיינעם קיין עצות און קיין איבעריגען טאג נישט געוואַרט, נאָר — „וילך אברם כאשר דבר ד'", ווי נאָר השי"ת האט איהם געזאגט: „לך לך!" האט ער אהן שום שהיות זיך גלייך אויפגעהויבען און איז אַוועק קיין ארץ-ישראל...

(שפתי כהן)

ואברם בן חמש ושבעים שנה בצאתו מחרן... (יב. ד.)

אין א כתב-יד וואס איז געפונען געוואָרען אין איינע פון די אַלטע ביבליאָטעקען אין פאַריז, ווערט געזאגט, אז רבי אברהם אבן עזרא איז נפטר געוואָרען אין חדש אדר שנת ד' אלפים תתקכ"ז, אין עלטער פון פינף און זיבעציג יאהר, און אַז אין די לעצטע מינוטען פאַר דער פטירה האט ער גענומען די פעדער אין האנד און אנגעשריבען פאָלגענדע ווער-טער: „ואברם בן חמש ושבעים שנה בצאתו מחרון אף העולם"...

ויהי רעב בארץ — וילך אברם מצרימה... (יב. י.)

אברהם אליין, אויף וועלכען דער פסוק זאגט עדות: „ואברם כבד מאד במקנה בכסף ובזהב", האט קיין הונגער נישט געליטען, און דאך האט ער זיך געפיהלט געצוואונגען צו פערלאזען דאס לאנד, ווייל ווען ער וואלט געבליבען אין לאנד אין דער צייט פון הונגער, וואלט מען זיכער געהעצט געגען איהם די בעפעלקערונג און אנגעוויזען אויף איהם, אז דאס איז ער איינער פון די הויפטשולדיגע, וואס האבען דערפיהרט צו דער דאזיגער שווערער לאגע. ווארום דער איד, ווי דער שטייגער, איז פעראנטווארטליך פאר אלע צרות...

(דון יצחק אברבנאל)

אמרי נא אחותי את, למען ייטב לי בעבורך... (יב. יג.)

וואונדערען זיך אלע מפרשים און פרעגען: ווי געשיקט זיך עס, אז אברהם אבינו זאל מפקיר זיין שרה'ן פאר די מצריים, בכדי דאדורך זיך זעלבסט צו ראטעווען, און נאך צו וועלען געניסען דערפון — למען ייטב לי בעבורך?

ענטפערט דערויף איינער פון די ספרדישע גדולים אין ספר „פענח נעלמות": אין די לענדער פון די מזרח-פעלקער איז אנגענומען, אז אויב עס פערליעבט זיך ווער אין א מיידעל, שיקט ער דאן מתנות צו איהרע עלטערען, אדער קרובים, אזוי טהוט ער עטליכע מאל, און דאן געהט ער צו זיי בעטען זייער הסכמה אויפ'ן שידוך, און אויב מען ענטזאגט איהם, וועט ער זיך דאן נישט אבשטעלען אפילו פאר שפיכות-דמים. ווען, אלזא, אברהם וואלט געוועזען געזאגט דעם אמת: „אשתי היא", דאן וואלט דער יעניגער, וועמען שרה וואלט געפעלען, זיכער איהם געוועזען דער'הרגעט, ווארום ער וואלט דאך נישט געקומען צו אברהם'ן בעטען די האנד פון זיין ווייב, דעריבער האט ער געזאגט: „אחותי היא" און דערביי צוגעגע-בען: „למען ייטב לי בעבורך", און ווי רש"י בעמערקט דערויף: „יתנו לי מתנות". דאס הייסט, דער יעניגער, וועלכער וועט אויף איהר ווארפען אנ'אויג, וועט, ווי עס איז דער שטייגער אין די דאזיגע לענדער, זיך בע-מיהען וועגען איהר א לענגערע צייט אויפ'ן פריעדליכען אופן און שיקען עטליכע מאל צו אברהם'ן מתנות, וביני לביני וועט מען געווינען צייט און זוכען מיטלען, ווי אזוי אבצוהיטען זיך פאר איהם. צום אומגליק אבער האט פאסירט, אז שרה איז געפעלען געווארען דעם קעניג זעלבסט, און

פאר אַ קעניג איז נישט נויטיג אין אַזעלכע פאַלען צו שיקען פריהער מתנות, און ער האט זי גלייך געלאָזט רופען צו זיך...

כי היה רכושם רב ולא יכלו לשבת יחדיו... (יג. ו.)

נישט די אָרימקייט, נאָר פערקעהרט, דאָס עשירות, דאָס ערווערבענע פערמעגען, האָט צושטערט צווישען זיי דעם שלום. „כי היה רכושם רב — ולא יכלו לשבת יחדיו". דער פירוד און דער אַנטאַגאָניזם צווישען מענשען ענטשטעהט עפ"י רוב דוקא צוליעב'ן „רכושם רב", צוליעב דער קנאה, וואָס יענער האָט מעהר...

(אור תורה)

ויהי ריב בין רועי מקנה אברם ובין רועי מקנה לוט, והכנעני והפרזי אז יושב בארץ... (יג. ז.)

דאָס שמערצליכסטע דערביי איז געווען דאָס, וואָס „והכנעני והפריזי אָז יושב בארץ", די חרפה פאַר די פרעמדע זייטיגע שכנים, וועלכע האָבען זיך צוגעקוקט מיט ערשטוינונג און מיט פעראַכטונג, ווי אַזוי לייבליכע קרובים, וועלכע האָבען זיך נאָכנישט אויסגערוהט פון זייער לאַנגען וואַנדער־וועג, וועלכע פיהלען זיך נאָך דאָ פרעמד און איינזאַם, האַלטען זיך שוין אין איין אַרומקריגען...

(ספורני)

בלעדי רק אשר אכלו הנערים וכו' הם יקחו חלקם... (יד. כד)

בנוגע צו זיך האָט אברהם געהאַנדעלט לפנים משורת הדין און ערקלערט: „אם מחוט ועד שרוך נעל ואם אקח מכל אשר לך" און „בלעדי". וואָס אָנבעלאַנגט אָבער זיינע מיט־מענשען האָט ער פערלאַנגט: „הם יקחו חלקם!" — אַ מחמיר מעג מען זיין בלויז פאַר זיך, אָבער נישט פאַר יענעם...

(פרחי אהרן)

ויוצא אותו החוצה וכו׳ ויאמר לו כה יהיה זרעך... (טו. ה.)

„הוציאו מחללו של עולם והגב׳יהו למעלה מן הכוכבים״ (רש״י)

אברהם אָבינו — האָט געזאָגט דערויף דער שפת אמת — איז אויפ־געהויבען געוואָרען „למעלה מן הכוכבים״, למעלה מן דרך הטבע, און מען האָט איהם דערביי געוויזען: „כה יהיה זרעך״, אַזוי וועלען אויסזעהען דיינע קינדער, אויך די עקזיסטענץ פון די אידען וועט זיין למעלה וחוץ לדרך הטבע...

ויבתר אותם בתוך... (טו. י.)

עס איז דאָן אַנ׳אוראַלטער מנהג געווען, אַז אַלס צייכען פון כריתת ברית זאָל מען נעהמען אַ בעל חי און עס צושניידען אויף צוויי העלפטען און דורכגעהן צווישען זיי. דאָס האָט בעדייט, ערשטענס, אַז דער אָבמאַך, וואָס מען האָט געשלאָסען צווישען זיך, איז ענדגילטיג און לאָזט זיך מעהר נישט אומקעהרען צו זיין פריהערדיגען צושטאַנד — צווייטענס, אַז צווישען די צוויי כורתי הברית הערשט אַ פולשטענדיגער הסכם, אַנ׳איינד־הייטלי־כער רצון, פונקט ווי די טיילען פון די צוויי איבערגעשניטענע העלפטען בילדען צוזאַמען איין גאַנצע זאַך.

(לויט׳ן רמב״ן)

וגם את הגוי אשר יעבודו דן אנכי... (טו. יד.)

אויך דאָס געהער צו דער גזירה: „וגם את הגוי אשר יעבודו דן אנכי״, אויך דאָס פאָלק, ביי וועלכען דיינע קינדער וועלען זיך געפונען אין גלות, וועל איך משפט׳ן, אויך זיי וועט געהן שלעכט, און דאָס וועט זיך ווידעראַמאָל אָברופען אויף אייך. בשעת די גויים אין אַ לאַנד געהט שלעכט — לאָזען זיי אויס קודם־כל דעם כעס צו זייערע אידען...

(אמרי חן)

ותאמר שרי אל אברם חמסי עליך... (טז. ה.)

דערויף ווערט געזאָגט אין תרגום ירושלמי: „עיילית עמך קדם פרעה מלכא דמצרים וקדם אבימלך מלכא דפלישתאי וכו׳״.

די דאָזיגע ווערטער זעהען אויס צו זיין אונפערשטענדליך! שרה איז דאָך געגומען געוואָרען אין בית-אבימלך אַ יאָהר פריהער, איידער יצחק איז געבוירען געוואָרען, אַנדערש וואָלטען דאָך די ליצני הדור נישט געקענט זאגען, אַז „מאבימלך נתעברה שרה". ישמעאל איז געבוירען געוואָרען מיט פיערצעהן יאהר פריהער, טא ווי אַזוי איז עס מעגליך, אַז שרה זאל איצט, נאך פאַר ישמעאל'ס געבורט, דערמאהנען אַברהם'ן די מעשה אַבימלך ?...

(הרב"א ז. בערגשטיין)

והוא יהיה פרא אדם... (טז. יב.)

וועגען דער בעדייטונג פונ'ם אויסדרוק „פרא אדם" געפינען מיר פערשידענע פשטים. נפתלי הירץ ווייזעל (אין „אמרי שפר") טייטשט: „פרא אדם", אַ פרייער מענש, אַ מענש אהן אַנ'עול און אָהן פחד און דאגה, ווי עס ווערט געזאָגט אין פסוק: „מי שלח פרא חפשי ומוסרות פרוד מי פתח" (איוב לט. ה.) – לויט'ן חזקוני בעדייט „פרא אָדם": אַ וואַנדער-סוחר, וועלכער איז שטענדיג אין וועג, אין דער פרעמד, אין זין פון „וְעַיִר פרא אָדם יולד" (איוב יא. יב.) און דאָס ווערט אויך געמיינט מיט די ווערטער „ידו בכל ויד כל בו ועל פני כל אחיו ישכון", אַז ער וועט קומען מיט אַלעמען אין בעריהרונג און איבעראל וועלען זיין פערשפרייט זיינע נחלאות. — דאַגעגען אין „הכתב והקבלה" ווערט געטייטשט „פרא אָדם" אין זין פון „ותשברנה פראותיו" (יחזקאל לא.) און „בין אַחים יפריא" (הושע יג), פון לשון פרו ורבו, אַ גרויס און צאָהלרייך פאָלק, ווי עס ווערט געזאָגט אין אַ ווייטערען פסוק: „ולישמעאל שמעתיך, הנה ברכתי אותו והפריתי אותו והרביתי אותו במאד מאד וכו' ונתתיו לגוי גדול"...

ולא יקרא עוד את שמך אברם... (יז. ה.)

ביי אַברהם ווערט געזאָגט: „ולא יקרא עוד את שמך אַברם, והיה שמך אַברהם", דאַגעגען ביי שרה שטעהט: „שרי אשתך לא תקרא את שמה שרי, כי שרה שמה", פאַרוואָס ווערט אויך דאָרט נישט געזאָגט: „כי שרה יהיה שמה" ?

די דאָזיגע קשיא האָט דער מחבר פון „וצוה הכהן" געפרעגט רבי פנחס קאָריצער, און רבי פנחס האָט איהם דערויף געענטפערט:

אין מדרש אויפ'ן דאזיגען פסוק ווערט ערקלערט, אז די יוד, וועלכע איז אראבגענומען געווארען פון שרי'ן, איז איינגעטיילט געווארען אויף צוויי הא'ען. איין ה' איז צוגעגעבען געווארען אברהם'ן און איין ה' איז געבליבען ביי שרה'ן. און אויב אזוי איז שוין, אלזא, נאכהער איבריג געווען צו זאגען: „כי שרה יהיה שמה", מחמת מיט'ן מאמענט ווען פון „אברם" איז געווארען „אברהם", דאן — „כי שרה שמה", איז שוין פון „שרי" ממילא געווארען „שרה"...

ויאמר אברהם וכו׳ לו ישמעאל יחיה לפניך... (יז. יח.)

„יחיה לפניך—יחיה ביראתך" (רש"י)

פרעגט זיך, אויב אברהם האט געבעטען אויף יראה, טא וואס איז די תשובה: „ולישמעאל שמעתיך הנה ברכתי אותו וכו'", אז ישמעאל וועט זיין גרויס און מעכטיג און רייך. נישט אויף דעם איינענטליך האט ער דאך מתפלל געווען?

נאר — האט געזאגט דערויף רבי ברוך גארליצער — אויף צו האבען יראת-שמים, דערויף פועלט נישט קיין שום תפילה, דען „הכל בידי שמים חוץ מיראת שמים" (ברכות ל"ג), און נישט אויף יראה גופא האט, אלזא, אברהם מתפלל געווען, נאר אויף די מעגליכקייטען און בעדינגונגען דערצו, אויף פרנסה און עשירות, וועלכע זענען נויטיג פאר'ן מענש בכדי צו קאנען דינען דעם אויבערשטען און זיין א ירא-שמים... און דערויף איז געקומען דער ענטפער: „ולישמעאל שמעתיך, הנה ברכתי אותו", כ'וועל דיר צוליעב טהון און איהם געבען די דאזיגע מעגליכקייטען...

וַיֵּרָא

וירא אליו ד׳ באלוני ממרא... (יח. א.)

„וירא אליו—לבקר את החולה״ (רש״י)

דער סלאָנימער רב, רבי אייזיל, איז אַמאָל געגאַנגען מבקר חולה זיין איינעם פון די בעריהמטע סלאָנימער לומדים, אָבער דעם חולה׳ס פרוי האָט איהם נישט אַריינגעלאָזען, ערקלערענדיג, אַז די דאָקטוירים האָבען פעראָרדענט, מען זאָל דעם חולה נישט שטערען. בשעת רבי אייזיל האָט שוין געוואָלט אַוועקגעהן האָט דער חולה פלוצים דערהערט זיין קול און אַריינגעבעטען דעם סלאָנימער רב, פאַר וועלכען ער האָט זיך גענומען פערענטפערען, אַז די פרוי איז חלילה נישט אויסען געווען איהם צו בע־ליידיגען און אַז ער דאַרף אויף איהר קיין פעראיבעל נישט האבען.

— חס ושלום — ענטפערט רבי אייזיל — כ׳האב חלילה קיין פעראיבעל נישט אויף איהר, פערקעהרט, כ׳בין איהר זעהר דאַנקבאַר, מחמת אַדאנק איהר איז מיר פערענטפערט געווארען די גמרא, וואו עס ווערט דערצעהלט אַז די צוויי צדיקים, ישעי׳ און חזקי׳, האבען זיך געשפּאַרט, ווער עס דאַרף געהן צו וועמען: „חזקי׳ אמר ליתי ישעי׳ גבאי וכו׳ ישעי׳ אמר ליתי חזקי׳ גבאי וכו׳ מה עשה הקב״ה? הביא יסורים על חזקי׳ ואמר ליה לישעי׳ לך ובקר את החולה״ (ברכות י׳). איז מיר שטענדיג געווען קשה: וויבאַלד עס איז נישט געווען קיין אַנדערער אויסוועג, נאר אַז איינער פון זיי זאָל קראנק ווערען און דער צווייטער זאָל איהם מוזען קומען מבקר חולה זיין, טא פארוואס עפּעס איז גראד אויסגעפאלען דער גורל, אז דוקא חזקי׳ זאָל ווערען קראנק, פארוואס נישט ישעי׳? איצט אבער האב איך מיך איבערצייגט, אז עס האט אנדערש נישט געקאנט זיין, מחמת ווען ישעי׳ וואלט קראנק געווארען און חזקי׳ וואלט איהם געקומען מבקר־חולה זיין, וואלט געקאנט פאסירען, אז ישעי׳ס ווייב זאל איהם נישט אריינלאזען און די בעגעגעניש צווישען די צוויי צדיקים וואלט ווידעראמאל נישט

צושטאַנד נעקומען, דעריבער איז דער גורל געפאַלען אויף חזקי׳, דען וועגען חזקי׳ זאָגט דאָרט די גמרא, אַז ער האָט נאָך דאַמאָלס קיין ווייב נישט געהאַט, וממילא האָט שוין ישעי׳ גאַנץ דרייסט געקאָנט געהן צו איהם מבקר-חולה זיין...

והוא יושב פתח האוהל... (יח. א.)

„ואמר לו הקב״ה: שב ואני אעמוד, ואתה סימן לבניך שעתיד אני להתיצב בעדת הדיינים״ (רש״י)

צוליב וואָס האָט השי״ת גראָד איצט געגעבען איהם דעם דאָזיגען סימן ?

האָט געזאָגט דערויף רבי יצחק אַמסטערדאַמער (וועלכער איז אַליין געווען אַ גר און צוליב זיין גדלות-בתורה איז ער נאָכהער בעשטימט געוואָרען אַלס מיטגליד פון אַמסטערדאַמער ראַבינאַט): דער דין איז (יורה דעה סי׳ ס״ג), אַז בעת מען איז זיך מגייר, דאַרפען אַלע ענינים, וואָס זענען דערמיט פערבינדען, ווי מילה וטבילה, פאַרקומען פאַר דריי דיינים, און היות ווי ביי דעם ערשטען גר און ערשטען איד, אברהם, זענען נישט געווען און נישט געקאָנט זיין קיין דריי דיינים ביים מל זיין, האָט איהם דעריבער השי״ת אויפמערקזאַם געמאַכט: „ואתה סימן לבניך״, דו זאָלסט איבערגעבען אַ צייכען צו דיינע קינדער, „שעתיד אני להתיצב בעדת הדיינים״, אַז להבא אין אַזעלכע פאַלען זאָלען זיין דערביי „עדת הדיינים״...

ויאמר וכו׳ אל נא תעבור מעל עבדך... (יח. ג.)

„לגדול שבהם אמר״ (רש״י)

פאַרוואָס האָט ער נאָר איהם איינעם געבעטען: „אל נא תעבור״, אין דער צייט, וואָס מיט אַלע אַנדערע בקשות: „ורחצו רגליכם״, „וסעדו לבכם״ א. א. וו. האָט ער זיך געווענדעט צום רבים ?

וויל מיט די אַנדערע צוויי מלאכים, פון וועלכע איינער איז געקומען היילען אברהמ׳ן און דער צווייטער — אַנזאָגען שרה׳ן די בשורת הבנים, איז ער געווען זיכער, אַז זיי וועלען נישט אַוועקגעהן, ביז זיי וועלען נישט ערפילען זייער שליחות. בלויז מיט איינעם איז ער נישט געווען זיכער —

מיט'ן מלאך, וועלכער איז געקומען איבערקעהרען סדום און ער האט דא, ביי אברהמ'ן, גארנישט געהאט וואס צו טהון. פאר איהם האט ער מורא געהאט, ער זאל זיך אמאל נישט אויפהויבען און אוועקגעהן און ער האט איהם דעריבער געבעטען: „אל נא תעבור מעל עבדך"...

(תולדות יצחק)

אל נא תעבור מעל עבדך

„גדולה הכנסת אורחים מקבלת פני שכינה" (שבת קכ"ז)

די שכינה — האט געזאגט דערויף רבי משה לייב סאסובער — איז דא שטענדיג און אומעטום און דו קאנסט זי צו יעדער צייט מקבל פנים זיין, הכנסת-אורחים אבער איז נישט שטענדיג בנמצא, זי געפינט זיך נישט תמיד אונטער דער האנד, און דעריבער — „גדולה הכנסת אורחים"...

איה שרה אשתך... (יח. ט.)

דער „כתב סופר" פלעגט זעהר אפט ריהמען זיין ווייב, די רביצין, וועלכע איז געווען א זעלטענע צדקנית און האט זיך אויסגעצייכענט מיט איהר גוטהארציגקייט און גאסטפריינדליכקייט. רעדענדיג וועגען איהרע גרויסע מעלות האט ער זיך איינמאל אויסגעדריקט בדרך-צחות, אז בשעת די מלאכים זענען געקומען צו אברהמ'ן און דערזעהן, מיט וואס פאר א ברייטע האנד זיי ווערען דורך איהם אויפגענומען, ווי עס ווערט געפראוועט פאר זיי א סעודה אזש פון דריי אקסען, דריי מאס מעהל, א חוץ אנדערע פאטראוועס. האבען זיי זיך געוואונדערט און געפרעגט: „איה שרה אשתך", וואו איז דיין ווייב, שרה? זי מוז אודאי נישט זיין אין דער היים, ווארום ווען יא, וואלט זי זיכער דערצו נישט צוגעלאזט, דען מיר האבען דאך א כלל, אז „אשה עינה צרה באורחים", דערויף האט זיי אברהם געענטפערט: „הנה באהל", זי איז דווקא יא דא אין דער היים, און נישט נאר, וואס זי שטערט מיר נישט, נאר אדרבה, זי איז נאך מעהר גאסטפריינדליכער פון מיר, דען איך האב געזאגט „קמח" און זי האט געגעבען „סולת"...

ותצחק שרה בקרבה... (יח. יב.)

די טאָכטער פון רבי שמואל קאַמינקער איז געווען יאָהרען-לאַנג אַן עקרה. איינמאָל, בשעת דער פאָטער איז נישט געווען אין דער היים, איז געקומען צו פאָהרען קיין קאַמינקא דער בערשאַדער צדיק, רבי רפאל, און זי איז אַוועק צו איהם זיך מרתנצל זיין און בעטען, אַז ער זאָל פאַר איהר מתפלל זיין און איהר בענשען, זי זאָל האָבען קינדער. רבי רפאל האָט אויסגעהערט איהר בקשה און געענטפערט, אַז אַ סגולה צו האָבען קינדער איז — שמחה... בעת איהר פאָטער, רבי שמואל, איז צוריקגעקומען און זי האָט דאָס איהם דערצעהלט, האָט ער זיך אָנגערופען, אַז דער בערשאַדער צדיק האָט די דאָזיגע סגולה גענומען מן התורה, מן הנביאים ומן הכתובים. אין דער תורה שטעהט: „ותצחק שרה", שרה האָט געלאַכט און זיך געפרעהט און בזכות זה איז זי טאַקי אויפגעריכט געוואָרען מיט אַ זוהן; אין די נביאים: „רני עקרה לא ילדה", אויב זי איז אַן עקרה און האט קיין קינדער נישט, זאָל זי זינגען און זיין פרעהליך, וועט זי געהאָלפען ווערען, און אין כתובים: „מושיבי עקרת הבית — אם הבנים שמחה"...

פרעגט איהם די טאָכטער: אויב שרה האָט געלאַכט צוליעב אַ סגולה, טא פאַרוואָס האט השי"ת אויף איהר מתרעם געווען און געפרעגט: „למה זה צחקה שרה"?

— ווייל — האט ער איהר דערויף געענטפערט — מיט אַ סגולה דאַרף מען און מעג מען זיך בענוצען נאָך דער הבטחה פון אַ צדיק, אָבער ווען השי"ת אַליין איז מבטיח, דאַן זענען קיין שום סגולות מעהר נישט נויטיג, און דאס איז געווען איהר חטא...

(ש. י. זעווין: מספורי החסידים)

ויקומו משם האנשים וישקיפו על פני סדום... (יח. טז.)

בשעת זיי האבען זיך אויפגעהויבען צו פערלאזען דאס הויז פון אברהם, וואו זיי האבען גענאסען פון אַזויפיעל גאַסטפריינדשאַפט, וואו אברהם האט זיי קראַנקערהייט בעדיענט — „וישקיפו על פני סדום", האבען זיי, אין פערגלייך מיט'ן דאזיגען הויז, ערשט נאך מעהר און בולט'ער דערזעהן דעם קאנטראַסט פון די סדום-לייט, פון זייער רשעות און אכזריות צו פרעמדע...

(פרחי אהרן)

זעקת סדום ועמורה כי רבה... (יח. כ.)

עס איז די בעקאַנטע טבע פון געוויסע קמצנים און אכזרים, אַז בשעת מען קומט צו זיי נאך אַ נדבה און זיי ווילען נישט געבען, טענה'ן זיי, ראשית, אַז זיי זענען נישט אימשטאַנד צו טיילען אַזוי פיעל צדקה, מחמת מען בעלאַגערט זיי פון אַלע זייטען, שנית שטעלען זיי נאך אן דערביי אַ גאטספארכטיג פנים און זיי ווילען אייך דורכאויס איבערצייגען, אַז ס'איז אַן'עבירה פאַר יענעם, פאַר וועלכען מען איז געקומען בעטען אַ נדבה, אַ גראשען צו געבען: ער איז נישט פרום, ער איז אַזעלכער און אַזעלכער און עס איז אסור לרחם... און אַזוי האבען זיך אויך נוהג געווען די אַנשי-סדום. „זעקת סדום ועמורה", די סדום'ניקעס האבען מאטיווירט זייער קמצנות און האבען געשריגען, אַז ערשטענס: „כי רבה", זענען פאַרהאַן צופיעל ארימע לייט, צופיעל פרעמדע אורחים, און זיי זענען נישט בכח אַלעמען צו פערזארגען. צווייטענס: „וחטאתם כי כבדה מאד", אט די אַלע מקבלים זענען איינער ביי איינעם בעלי-עבירה'ניקעס, פיעל ווי גרויס זיי זענען מיט חטאים און מען דאַרף אויף זיי קיין רחמנות נישט האבען... און דערויף האט השי"ת געזאגט: „ארדה נא ואראה הכצעקתה הבאה אלי עשה כלה", כ'בין אַ בעלן אויף טשיקאַווען אַ קוק צו טהון, צי זיי אַליין טהוען נישט דאס זעלבע, וואס זיי שרייען אויף אַנדערע, צי זיי בעגעהען נישט די זעלבע חטאים, און נאך אַ סך, אַ סך מעהר...

(ילקוט הגרשוני)

אולי יש חמשים צדיקים בתוך העיר... (יח. כד.)

דער רבי ר' בונם איז אַמאָל געווען אין בערלין און שפּאַצירענדיג אין גאַס איז איהם אַנטקעגענגעקומען אַ וואַרשאווער איד, וועלכער האָט איהם דערקענט און אויסגעשריען מיט פערוואונדערונג: סטייטש! דער פּשיסכער צדיק איז אין בערלין און קיינער ווייסט גאָרנישט?...

גענטפערט איהם דער רבי ר' בונם מיט אַ שמייכעל: אין פּסוק ווערט דערצעהלט, אַז אברהם אָבינו האָט געטענה'ט צום אויבערשטען: „אולי יש חמשים צדיקים בתוך העיר". איז דאָך אין פלוג קשה: ווי אַזוי האָט אַברהמ'ן געקאָנט גאָר איינפאַלען, אַז עס זענען פאַרהאַן דאָרט פּופציג צדיקים? ווי אַזוי איז עס מעגליך - האָט ער געדאַרפט אַ קלער טהון — אַז עס זאָלען זיך דאָרט געפונען אַזויפיעל צדיקים און עס זאָל גאָר קיינער נישט וויסען און ער זאָל נישט האָבען געהערט פון זיי? נאָר — האָט ער זיך געטראַכט — מעגליך, אַז עס זענען יאָ דאָרט

דאָ צדיקים, און דאָס, וואָס מען הערט נישט פון זיי, איז דערפאַר, ווייל — אין סדום האָבען זיי נישט קיין חשיבות און עס קוקט זיך קיינעם נישט אום אויף זיי..

ולוט ישב בשער סדום... (יט. א.)

„אותו היום מינוהו שופט עליהם" (רש"י)

צוליב וואָס דערצעהלט דאָס אונז רש"י?

ווייל אין פלוג איז דאָך קשה: לוט איז דאָך געווען דערזעלבער רשע, ווי אַלע אַנדערע בני סדום, טאָ פאַרוואָס איז איהם געקומען, אַז ער איינער גראָד זאָל ניצול ווערען? און דערפאַר בעמעוקט רש"י: „אותו היום מינוהו שופט עליהם" און די חז"ל זאָגען, אַז „אין אדם עולה לגדולה אלא אם כן מוחלין לו על כל עוונותיו"... (סנהדרין י"ד).

„ישב כתיב, אותו היום מינוהו שופט עליהם"

דערפאַר איז דאָס וואָרט „ישב" חסר, ווייל — ווערט געזאָגט דערויף בדרך-הלצה — ווען ער וואָלט געווען „מלא" וואָלט ער נישט געקענט זיין קיין שופט און נישט געטאָרט פסק'נען, דען — „שכור אסור להורות"...

האחד בא לגור וישפט שפט... (יט. ט.)

דאָס האָט פאַר זיי געדאַרפט דיענען אַלס בעוויז, אַז זיי האַנדלען ריכטיג דערמיט, וואָס זיי שטורמען דאָס הויז און לאָזען נישט אויפנעהמען קיין פרעמדע אורחים, וואָרום והא ראיה: „האחד בא לגור וישפט שפוט", אָט האָבען מיר איינמאל געמאַכט אַנ'אויסנאַהם פאַר אַזאַ פרעמדען אורח און דערלאָזט, אַז לוט זאָל זיך דא בעזעצען, איז ער שוין געוואָרען פלוצים א גאַנצער דעה-זאָגער, אַ שופט!...

עוד מי לך פה... (יט. יב.)

„פה בגימטריא בועז רמז לבועז שיצא ממנו“ (בעל הטורים)

מיר געפינען נישט אין ערגיץ קיין שום אנדייטונג, אז בועז זאל לויט זיין סדר-היוחסין האבען געשטאמט פון לוט'ן און ווארשיינליך בעציהט זיך דער רמז אויפ'ן ווארט „חתן“, אז בועז וועט זיין דער חתן און מאן פון זיין אייניקעל — רות...

חַיֵּי שָׂרָה

ויבא אברהם לספוד לשרה ולבכותה... (כג. ב.)

אין ספר „עת ספוד" ווערען געגעבען פאר די ספדנים די נויטיגע אנווייזונגען און אנרעגונגען, ווי אזוי מספיד צו זיין פערשיעדענע חשוב'ע נפטרים לויט זייערע נעמען.

למשל, אויב דער חשוב'ער נפטר האט געהייסען אברהם, לאזט זיך דער ענטשפרעכענדער הספד אנקניפען אין איינע פון די פאלגענדע פסוקים: „ויקרא מלאך ד' אל אברהם ויאמר הנני"!... „ואברהם עודנו עומד לפני ד'"... „הביטו אל אברהם אביכם!" (ישעי' כ"א)..

אהרן: „ויראו כל העדה כי גוע אהרן"... „לא נמצא פסול בזרעו של אהרן" (סוף מדות)... „בזאת יבא אהרן אל הקדש"... „באהרן לא שלט מלאך המות ולא רמה ותולעה" (ב"ב י"ז), עס הייסט, אז זיין אנדענקען וועט לאנג לעבען צווישען אונז.. „בית אהרן בטחו בד'"!...

אליעזר: „משמת רבי אליעזר נגנז ספר תורה" (סוטה מ"ט)...

אורי: „קומי אורי כי בא אורך!"...

אפרים: „הבן יקיר לי אפרים!"...

אליהו: „מי עלה למרום? זה אליהו" (במדבר רבה פי"ב)...

בנימין: „ואת בנימין תקחו עלי היו כלנה"!... „וינחמו בני ישראל אל בנימין אחיו ויאמרו נגדע היום שבט אחד"! (שופטים כ"א)...

ברוך: „ברוך אתה בצאתך"... „כה אמר ד' עליך ברוך, אמרת אוי נא לי כי יסף ד' יגון על מכאובי" (ירמי' מ"ה)... „כל הברכות פותחות בברוך וחותמות בברוך"...

גרשון: „והורד המשכן ונסעו בני גרשון"...

דוד: „זכור ד' לדוד את כל ענותו"!... „שיר המעלות לדוד, ד' לא גבה לבי ולא רמו עיני"... „כל האומר דוד חטא אינו אלא טועה" (שבת נ"ה)... „דוד שהניח בן כמותו נאמרה בו שכיבה" (ב"ב קט"ז)... „עד היכן כוחה של צדקה כבר פירש דוד"...

חיים: „חיים של ברכה, חיים של שלום, של יראת שמים ויראת חטא"...

טוביה: „ותרא אותו כי טוב, אר"י טוביה שמו" (סוטה י"ב)...

יעקב: „ויאמר ד' ליעקב קום עלה בית אל"!... „לא הביט און ביעקב"... „מה טובו אוהליך יעקב"... „בלע ד' ולא חמל את נאות יעקב"...

יצחק: „וזכרתי את בריתי יעקב, מפני מה לא נאמרה זכירה ביצחק מפני שאפרו צבור לפניו" (רש"י בחוקותי)...

ישראל: „אשריך ישראל, מי כמוך!"... „עבדי אתה ישראל אשר בך אתפאר"...

יהושע: „ויהושע מלא רוח חכמה"... „כשמת רבי יהושע בטלה עצה ומחשבה" (סוף סוטה)... „יהושע אוהב ישראל היה" (עירובין כ"ב)... „רב לך ומנו יהושע!" (סוטה י"ג)...

יהודה: „מי יעלה? יהודה יעלה!"... „וירב בבת יהודה תאניה ואניה" (איכה)...

יוסף: „הילד איננו ואני אנה אני בא!"... „עוד יוסף חי!"... „אי לאו האי יומא דקא גרים כמה יוסף איכא בשוקא" (פסחים ס"ט)... „ארונו של יוסף בצד ארון העדות" (סוטה י"ג)... „כשמת ר' יוסף נפלו הגשרים" (מועד קטן כ"ה)...

יונה: „עברי אנכי ואת ד' אלקי השמים אני ירא!"... „אלמלא תורה היינו למדים צניעות מיונה" (עירובין ג')...

יששכר: „לא משתכח צורבא מרבנן אלא דאתי מלוי או מיששכר דכתיב ומבני יששכר יודעי בינה לעתים" (יומא כ"ו)...

יונתן: „היונתן ימות?" (שמואל א')... „שלשה ענוותנים הם, רשב"ג בני בתירא ויונתן" (ב"מ פ"ה)...

יחזקאל: „הקב"ה מייסר את יחזקאל למרק עוונותיהם של ישראל" (סנהדרין ל"ט)...

משה: „ואל משה אמר, עלה אל ד'!"... „משה בהשכמה עלה" (שבת פ"ז)...

מרדכי: „רצוי לרוב אחיו ודובר שלום לכל זרעו"...

מנחם: „ראיתי דמעת העשוקים ואין להם מנחם" (קהלת ד')... „עיני עיני יורדה מים כי רחק ממני מנחם" (איכה)... „ודמעתה על לחיה, אין לה מנחם"...

מאיר: „בתורתו של רבי מאיר מצאו כתוב והנה טוב מאד, והנה טוב מות" (בראשית רבה פ"ט)...

נח: „נח איש צדיק"... „את האלקים התהלך נח"...

עמרם: „אדם אחד מאלף מצאתי זה עמרם" (קהלת רבה)...

עקיבא: „אדם הראשון שמח בתורתו ונתעצב במיתתו (מנחות כ״ט)...
„חכמת המסכן בזויה, וכי חכמתו של רבי עקיבא בזויה היתה״ ? (רות רבה פ״א)...

פרץ: „כל תולדות שבמקרא חסרים חוץ מאלה תולדות פרץ״ (שמות רבה פ״ל)...

פנחס: „ויעל מלאך ד׳ מן הגלגל אל הבוכים, זה פנחס״ (ויקרא רבה פ״א)...

צבי: „צבי בשעה שהוא ישן עינו אחת פתוחה״ (מדרש חזירז)...
„צבי אין לו מרה״ (ראש פ׳ אלו טרפות)...

שמעון: „שמעון איננו ואני אנה אני בא!״... כל דילדא אימא כרבי שמעון תילד״ (מכות י״ז)...

שלום: „שמר תם וראה ישר כי אחרית לאיש שלום!״ (תהלים)...
„בשעה שהצדיק בא באים מלאכי השרת ואומרים: יבא שלום וינוח על משכבו!״ (כתובות ק״ד)...

שמואל: „שוכב בהיכל ד׳״... „ותשובתו הרמתה כי שם ביתו״... „את מי עשקתי ואת מי רציתי, ויאמר עד!״... „רבי יוחנן בדיק בינוקא, אמר ליה פסוק לי פסוקיך, אמר ליה ושמואל מת״ (חולין צ״ה)...

שאול: „בן שנה שאול במלכו כבן שנה בלא חטא״ (יומא כ״ב)...

שלמה: „הנה מטתו של שלמה!״... „כל שלמה שבשיר השירים קדש״...
„יושבי נטעים זה שלמה שדומה לנטיעה״ (ב״ב צ״א)...

גר ותושב אנכי עמכם... (כג. ד.)

„אם תרצו הריני גר ואם לאו אהיה תושב ואטלנה מן הדין שאמר לי הקב״ה לזרעך אתן את הארץ הזאת״ (רש״י)

דאָגעגען אין פ׳ לך לך אויפ׳ן פסוק „ויהי ריב בין רועי מקנה אברם״ זאָגט רש״י: „והכנעני אומר והכנעני והפריזי אז יושב בארץ ולא זכה בה אברם עדיין״. איז דאָך עס, אַלזאָ, אַ בפירושע סתירה. וויבאַלד עס איז „לא זכה בה אברם עדיין״, טאָ ווי אַזוי האָט אברהם געקענט טענה׳ען: „ואטלנה מן הדין״ ?...

נאָר — האָט געענטפערט דערויף רבי יעקב אָרענשטיין — אין אַ תוספות אין ע״ז ווערט געזאָגט, אַז אין דער קרקע פון ארץ־ישראל האָבען אידען זוכה געווען נאָך בימי אברהם, דאַגעגען אין דער זריעה און אין די פירות — ערשט בימי יהושע, נאָך חלוקת־הארץ.

אויף אַזאַ אופן איז עס, אַלזאָ, גאָר קיין סתירה נישט. דאָרט, בשעת דער מחלוקת צווישען די רועי אברם און רועי לוט, האָט עס זיך געהאַנ־דעלט וועגען פּאַשע פאַר די בהמות, וועגען די פירות הארץ, און אינ'ם דאָזיגען פאַל איז „לא זכה בה אברהם עדיין". דאָ, דאַגעגען, רעדט זיך בלויז וועגען קרקע, וועגען אַ קבר, און אין דער קרקע האָט אברהם, לויט דער געגעבענער הבטחה, שוין דאַמאָלס זוכה געווען און דעריבער — „ואטלנה מן הדין"...

תנו לי אחוזת קבר... (כג. ד.)

אַ געוויסער ציוניסט האָט אַמאָל אין אַ שמועס מיט הרב קוק זיך אויסגעדרוקט מיט ביטול וועגען די אידען פון אַלטען ישוב, די חלוקה־אידען, וועלכע קומען קיין ארץ־ישראל שטאַרבען, פערזאָרגען זיך מיט אַ קבר אין הייליגען לאַנד.

רופט זיך אָן צו איהם הרב קוק:

— אויך דער ערשטער אידישער ישוב אין ארץ־ישראל, ממש די ערשטע ד' אמות, האָט זיך אָנגעהויבען פון אַ קבר, פון — „תנו לי אחוזת קבר"... און אויך שפּעטער, ביי יציאת מצרים, זענען די אידען געגאַנגען קיין א"י מיט די עצמות יוסף, מיט אַ קבר... אָבער דוקא פון און אַ דאַנק די דאָזיגע קברים האָט זיך נאָכהער ענטוויקעלט און עס איז אויסגעוואַקסען אַ לעבעדיג ארץ־ישראל...

נתתי כסף השדה קח ממני... (כג. יג.)

דער דין, אַז כסף איז קונה ביי קידושין, אַז מען קאָן מקדש זיין אַנ'אשה מיט געלד, ווערט אין דער גמרא אַרויסגעלערענט פון אַ גזרה־שוה פון דאָזיגען פסוק — „גמר קיחה קיחה משדה עפרון" (קידושין ב')

דען די ביידע זאַכען האָבען צווישען זיך אַ שטאַרקע עהנליכקייט. פונקט ווי ביי קידושין, בשעת איינער איז מקדש אַנ'אשה מיט געלד, ווערט ער נאָך דערמיט נישט פּטור, נאָר ער מוז איהר דעם גאַנצען לעבען טראָ־גען אויף זיך, אויסהאַלטען איהר מיט „שארה כסותה ועונתה" און ער קאָן זיך גאָר פון איהר נישט אויסקויפען, אַזוי איז אויך מיט אונזערע טראַנ־זאַקציעס און אָבמאַכען, וואָס מיר שליסען מיט די עפרונ'ס: מיר האַלטען

אין איין צאָהלען און קענען זיך קיינמאָל נישט אויסצאָהלען. רק עס קומט זיי ביי אונז און רק זיי וואַרפען אונז דעם גט פאַר דער טהיר...

(הרב מ א. עמיאל)

ארבע מאות שקל כסף עובר לסוחר... (כג. טז.)

וואָס עפעס „עובר לסוחר״ ?

דען דער דין איז (און אַזוי ווערט גע׳פסקנ׳ט אין רמב״ם), אַז סתם גאָלד און זילבער טאָר מען נישט געבען צו אַנ׳עכו״ם, אַ געצענדינער, צו ליעב׳ן חשד, טאָמער וועט ער דערפון מאַכען אַ פסל. דאַגעגען מטבעות מעג מען איהם יאָ געבען, ווייל אַ זילבערנע, אָדער גאָלדענע מטבע, וועלכע איז עובר לסוחר, האָט מעהר ווערט, ווי אַ סתם שטיק זילבער און גאָלד פון דער זעלבער וואָג און עס וועט איהם אַ שאַד זיין היזק צו האָבען און דעריבער — „וישקול אברהם לעפרון וכו׳ ארבע מאות שקל כסף עובר לסוחר״...

(רבי יונתן אייבעשיץ)

וד׳ ברך את אברהם בכל... (כד. א.)

כל־זמן אברהם מיט זיין פאַמיליע איז געווען נע־ונד, וואַנדערענדיג פון לאַנד צו לאַנד און פון שטאָדט צו שטאָדט, האָט ער זיך אָבגעהאַלטען פון צו טהון אַ שידוך מיט יצחק׳ן און אַזוי אַרום נאָכמעהר צו פערגרעסערען די וואַנדער־משפחה, אָבער איצט, ווען „וד׳ ברך את אברהם״, ווען ער האָט זיך שוין געהאַט איינגעזעצט אויף אַנ׳אָרט, געהאַט שוין אַנ׳אייגענע נחלה: „השדה והמערה אשר בו וכל העץ אשר בשדה אשר בכל גבולו סביב״, און עס האָט איהם שוין קיין שום זאַך נישט געפעהלט, ערשט איצט: „ויאמר אברהם אל עבדו וכו׳ ולקחת אשה לבני יצחק״...

(הכורם)

ויברך הגמלים מחוץ לעיר וכו׳ לעת צאת השואבות... (כד. יא)

אַנשטאָט צו פערפאָהרען אין אַ לייטישער אכסניא, ווי עס וואָלט געפאַסט פאַר׳ן פערוואַלטער פון אברהמ׳ס הויז, איז ער אַוועק צו דער הינטערשטאָדטישער ברונען, און דוקא פאַרנאַכט, „לעת צאת השואבות״, ווען עס

קומען זיך צונויף דאָרט מיט וואַסער־קאַנען אויף די אַקסלען די פרויען און דינסטען פון פראָסטען המון, דען בשעת מען געהט זיך פרעגען אויף אַ שידוך, איז עס דאָס סאַמע פּאַסענדע אָרט און די סאַמע פּאַסענדע געזעלשאַפט, ביי וועלכער מען קאָן, פון זייער רכילות און ניין מאָס רייד, געגוי דערוויסען זיך, ווער און וואָס די כלה איז, איהרע מעלות און חסרונות...

(אהל יעקב)

ויאמר עבד אברהם אנכי... (כד. לד.)

דער „חפץ חיים" איז אַמאָל געקומען אין אַ שטעדטעל אריין, האָט ער זיך אַ גאַנצען טאָג נישט געגעבען פאַר קיינעם צו דערקענען און נישט געזאָגט, ווער ער איז; ערשט אין אָוועגד, ווען ער איז אַוועק אויף אַן אַכסניה און זיך געהייסען דערלאַנגען עפּעס עסען, איז ער צוגעגאַנגען צום בעל־הבית און זיך פאָרגעשטעלט, אַז ער איז דער מחבר פון „חפץ חיים". בעת דער עולם אין שטעדטל האָט זיך דערוואוסט, וואָס פאַר אַ חשוב'ן גאַסט זיי האָבען און מען איז איהם געקומען מקבל פנים זיין, האָבען אייניגע פאַר איהם אויסגעדריקט זייער פערוואונדערונג, פאַרוואָס ער האָט פאַר אַלעמען אַ גאַנצען טאָג געהאַלטען בסוד און עס מגלה געווען בלויז דעם בעל־הבית פון דער אכסניה? — האָט דער „חפץ חיים" געענטפערט:

— בשעת אליעזר איז געקומען מיט זיין שליחות צו בתואל'ן האָט ער די גאַנצע צייט פריהער נישט געזאָגט, ווער ער איז, ערשט ווען ער האָט זיך אַוועקגעזעצט צום טיש און מען האָט איהם דערלאַנגט עסען, האָט ער זיך געגעבען צו דערקענען און זיך פאָרגעשטעלט: „עבד אברהם אנכי"... איהר זאָלט וויסען — איז ער דערמיט אויסען געווען אויפמערקזאַם צו מאַכען די בעלי־בתים — אַז איך בין אַן עבד פון אברהם און אברהם'ס אַן עבד איז שטארק נזהר און מקפיד אויף כשרות...

ואקוד ואשתחוה לד׳, וכו׳ אשר הִנְחַנִי בדרך אמת...

(כד. מח.)

געוועהנליך איז אַ שדכן זיך נוהג צו בענוצען מיט אַביסעל שקרים און גוזמאות, אָהן דעם איז אונמעגליך מזווג זיווגים צו זיין און אויספיהרען

אַ שידוך... אליעזר האָט דעריבער געדאַנקט דעם אויבערשטען, „אשר הנחני בדרך אמת", וואָס עס געלינגט איהם ביים דאָזיגען שידוך צו געהן מיט אמת, אָהן צו בענוצען זיך מיט שקרים...

(רוח חכמים)

בשעת מען האָט דעם ביאַלער רבי׳ן, רבי נחום, גערעדט אַ שידוך מיט׳ן זיווג שני און ער איז זיך צונויפגעקומען מיט די מדוברת, האָט ער געזאָגט צו איהר:

— כדי עס זאָל נישט זיין קיין מקח-טעות האַלט איך פאַר מיין חוב צו זאָגען אייך פאָראויס: טאָמער האָט אייך ווער איינגערעדט, אַז איך בין אַ גדול בתורה — זאָלט איהר נישט גלויבען, אַז כ׳בין אַ צדיק — איז עס שקר, אַז כ׳בין אַ חכם — הויבט זיך עס נישט אָן, אַז כ׳בין אַן עושר — איז עס אויסגעטראַכט.

רופט זיך אָן צו איהם די פרוי, די מדוברת:

— מילא, דאָס זענען זיינע חסרונות, און וואָס זענען זיינע מעלות?

— די איינציגע מעלה מיינע — ענטפערט ער — איז דאָס, וואָס איך לייקען נישט פאַר אייך און זאָג אייך אויס דעם גאַנצען אמת...

ותקם רבקה ונערותיה וכו׳ ותלכנה אחרי האיש ויקח העבד את רבקה וילך... (כד, סא)

פאַרוואָס שטעהט פריהער: „ותלכנה אחר האיש" און נאָכהער, אינ׳ם זעלבען פסוק: „ויקח העבד"? פאַרוואָס ווערט אליעזר דאָס ערשטע מאָל אָנגערופען „איש", און דאָס צווייטע מאָל — „עבד"?

ענטפערט דערויף רבי שלמה קלוגער:

די גמרא זאָגט: „לעולם היא ברשות האב עד שתכנס לחופה, הלכו שלוחי האב עם שלוחי הבעל עדיין היא ברשות האב, מסרו שלוחי האב לשלוחי הבעל היא ברשות הבעל" (כתובות מ״ח) כל-זמן, אַלזאָ, רבקה איז געווען ברשות אביה, און דאָס זעלבע אויך בשעת „ותקם רבקה ונערותיה", בשעת זי האָט זיך געלאָזט אין וועג אַריין אין דער בעגלייטונג פון די נערות, די שלוחי האב, איז אליעזר נישט געווען איהר עבד, הגם ער איז געווען דער עבד פון יצחק׳ן (דען אברהם האָט דאָך אָנגעשריבען כל אשר

לו ליצחק). און דעריבער ווערט דאַן געזאָגט: „ותלכנה אחרי האיש". לגבי רבקה׳ן איז ער דאַן געווען אַ מענש, ווי אַלע מענשען... מיט׳ן מאַמענט אָבער ווען „ויקח העבד את רבקה וילך", ווען די נערות, נאָכ׳ן בעגלייטען איהר אַ שטיקעל וועג, האָבען איהר איבערגעגעבען צום שליח־הבעל, צו אליעזר׳ן, און זי איז פון דאַן אָן איבערגעגאַנגען אין רשות הבעל, איז שוין אליעזר גלייכצייטיג געוואָרען איהר עבד, און דערפאַר ווערט שוין דאָ גע-זאָגט: „ויקח העבד"...

ויביאה יצחק האהלה וכו׳ ותהי לו לאשה ויאהבה..

(כד. סז)

נישט אַזוי ווי אין אונזערע צייטען, ווען פריהער פאַרליבט מען זיך און שפּעטער, נאָך דער חתונה, ווערט די ליבע וואָס ווייטער אַלץ מעהר אָבגעקיהלט און גאַנץ אָפט בעקומט מען זיך פיינד און מען צעשיידט זיך... ביי יצחק׳ן איז געווען פאַרקעהרט: פריהער — „ותהי לו לאשה", און ערשט נאָכהער — „ויאהבה"...

(מלאכת מחשבת)

ותבא בת שבע אל המלך החדרה.. (הפטרה)

דעם בריסקער גאון, רבי ארי׳ לייב, האָט אַמאָל איינער פון די לומדים אָנגעפרעגט אין אַ בריעף: צי בת־שבע איז איין וואָרט, אָדער צוויי ווערטער? האָט איהם דער בריסקער גאון געענטפערט קורץ מיט דער מליצה פון ימים־נוראים׳דיגען פיוט: „תמכתי יתדותי בשלש עשרה תיבות"... יענער האָט אָבער נישט פאַרשטאַנען, וואָס ער מיינט דערמיט און ער האָט איהם נאָכאַמאָל אָנגעפרעגט פשט און דאַן האָט ער עס איהם מסביר געווען. אויפ׳ן פסוק „ותבא בת שבע אל המלך החדרה", זאָגען די חז"ל: „באותה שעה קינחה בת שבע בשלש עשרה מפות" (סנהדרין כ"ב), און דערויף זאָגט דאָרט רש"י, אַז דער דרש שטיצט זיך דערויף, וואָס אינ׳ם דאָזיגען פסוק זענען פאַראַן דרייצעהן ווערטער, און דערפון איז ממילא, אַלוזאַ, געדרינגען, אַז בת שבע איז איין וואָרט, וואָרום ווען אַנדערש, וואָלט דאָך דער פסוק ענטהאַלטען פיערצען ווערטער...

תּוֹלְדוֹת

ויתרוצצו הבנים בקרבה... (כה, כב.)

„כשהיתה עוברת על פתחי„תורה של שם ועבר יעקב רץ ומפרכס לצאת, עוברת על פתחי ע״ז — עשו מפרכס לצאת (רש״י)

און דערפאַר, אַ פנים, ווערען דורך די מאָדערנע אידען געבויט טעמפּלען, וואָס סיי לויט זייער אויסערליכען אויסזעהן, סיי לויט דעם אופן, ווי אַזוי עס ווערען דאָרט אָבגעריכט די תפלות, זענען זיי עהנליך צו די קריסטליכע געבעט-הייזער. דאָס איז צוליעב׳ן „ויתרוצצו״, וואָס עס קומט פאָר אין די הערצער פון די דאָזיגע האַלבע אידען און האַלבע גויים: אין אַ אידישע שוהל ווייל די גוי׳אישע העלפט נישט געהן, אין אַ קירכע — ווייל נישט די אידישע העלפט, האָבען זיי דעריבער אַלס פשרה גענוי-מען אויפשטעלען טעמפּלען, וועלכע זאָלען זיין האַלב גוי׳איש און האַלב אידיש, בכדי אַזוי-אַרום צו בעפרידיגען ביידע העלפטען...

(מטה יהודה)

צום בעלזער רבי׳ן רבי שלום, איז אַמאָל געקומען אַ געוויסער משכיל, וועלכער האָט זיך געיחוס׳ט, אַז ער האָט געלערנט מיט׳ן בעלזער רבי׳ן אין איין חדר.

— איהר געדענקט, רבי — מאַכט ער צו איהם — אַלס קינדער זענען מיר אָפט געשלאָפען זאָגאַר צוזאַמען אין איין בעט.

— יאָ, כ׳געדענק — ענטפערט איהם דער בעלזער — איהר זענט געלעגען אויף איין זייט און איך — אויף דער צווייטער זייט...

ויצא הראשון אדמוני... (כה. כה.)

אופ׳ן מאמר „הזהרו מן הצבועים" געפינען מיר אין תשבי (ערך „צבע") פאָלגענדע מערקווירדיגע ערקלערונג, נעמליך:
„יש מפרשים הצבועים פי׳ אדמונים בטבע, שצבע שערם אדום, כי רובם הם רעים בטבע"...

ויגדלו הנערים... (כה. כז.)

„כיון שנעשו בני י״ג שנה וכו׳" (רש״י)

ווערט דערויף געפרעגט אין „פירוש הטור על התורה" אַ האַרבע קשיא:
אין ווייטערדיגען פסוק (פסוק ל׳) ערקלערט רש״י, אַז אין דער זעלבער צייט איז געשטאָרבען אברהם. בשעת יצחק איז געבוירען געוואָרען איז אברהם אַלט געווען הונדערט יאָהר, יצחק איז בשעת׳ן געבורט פון יעקב ועשו אַלט געווען זעכציג יאָהר, נמצא, אַז אברהם איז דאַן אַלט געווען הונדערט און זעכציג. געשטאָרבען איז אברהם צו הונדערט מיט פונף און זיעבציג יאָהר, וממילא קומט אויס, אַז יעקב ועשו זענען דאַן אַלט געווען פופצעהן יאָהר, טאָ ווי אַזוי זאָגט דאָ רש״י: „שנעשו בני י״ג שנה"?...

ויעקב איש תם יושב אוהלים... (כה. כז.)

עשו איז געווען אַ „איש יודע ציד איש שדה", ער האָט זיך בעשעפטיגט בלויז מיט יאַגד און פעלד-אַרבייט, דאַגעגען יעקב אבינו איז געווען „איש תם יושב אוהלים", אַ מענש פון צוויי געצעלטען, צוויי געביעטען: אַ געצעלט פאַר פיזישע אַרבייט און אַ געצעלט פאַר תורה...
(לויט׳ן ספורנו)

ויאהב יצחק את עשו כי ציד בפיו... (כה. כח.)

ווענען עשו׳ן ווערט אָנגעוויזען אַ טעם און מאָטיוו, פאַרוואָס יצחק

האָט איהם ליעב געהאַט; ער האָט איהם ליעב געהאַט דערפאַר — „כי ציד בפיו". דאַגעגען וועגען יעקב׳ן ווערט געזאָגט סתם, ווי אַ זעלבסט־פערשטענדליכע זאַך: „ורבקה אוהבת את יעקב". בנוגע צו יעקב׳ן איז נישט נויטיג צו פערענטפערען זיך און אָנצווייזען, פאַרוואָס מען האָט איהם ליעב...

(געהצרט)

ויאמר עשו אל יעקב הלעיטני נא וכו׳... (כה. ל.)

לויט די ווערטער, וואָס השי״ת האָט געזאָגט צו רבקה: „שני גוים בבטנך וכו׳ ורב יעבוד צעיר", האָט עשו, אַלס בכור, געדאַרפט בעדיענען דעם יונגערען ברודער, יעקב׳ן. בשעת, אַלזאָ, עשו האָט זיך געווענדעט צו איהם און אויסגערופען: „הלעיטני נא מן האדום האדום הזה"! אַז יעקב זאָל איהם בעדיענען און דערלאַנגען עסען, האָט איהם דערויף יעקב געענטפערט: „מכרה כיום את בכורתך לי", אויב אַזוי דאַרפען מיר זיך בייטען, מוזטו מיר פריהער אָװעקגעבען די בכורה און ערשט דאַן וועל איך, אַלס בכור, האָבען די פליכט דיך צו בעדיענען און מקיים צו זיין דעם „ורב יעבור צעיר"...

(זרע אברהם)

הנה אנכי הולך למות... (כה. לב.)

אַז עשו האָט דערהערט, אַז אַ בכור, בשעת ער בעשעפטיגט זיך מיט דער עבודה, טאָר ער נישט טרינקען, איז ער געוואָרען אַ דערציטערטער און אויסגעשריען: „הנה אנכי הולך למות!" — אָהן אַ כוסה איז אונמעגליך פאַר עשו׳ן צו לעבען...

(מילי דמיטב)

וידיבו רועי גרר עם רועי יצחק לאמור לנו המים... (כו. כ.)

בשעת מען האָט מיט צעהנדליגער יאָהרען צוריק אויפגעשטעלט אין קלאָדאָווע די שטאָדטישע מקוה, האָט דאַן דער קלאָדאָווער רב, רבי אפרים בענדעט, איינגעפינען, אַז די מקוה איז פסול, מחמת ער האָט פעסטגעשטעלט

אַז דאָס וואַסער פון דער מקוה שטראָמט נישט דירעקט פון גרונט, נאָר פון די זייטען.

עס איז געוואָרען אַ רעש אין שטאָדט, דען דער בנין פון דער מקוה איז שוין געווען אינגאַנצען פאַרטיג און עס איז געווען פערבינדען מיט אַ גרויסען געלד־פערלוסט. איינינע פון די חשוב'ע בעלי־בתים האָבען דעריבער געפועל'ט ביים רב, ער זאָל מיט זיי מיטפאָהרען פרעגען אַ שאלה ביים גאָסטינינער רבי'ן, רבי יחיאל מאיר. בשעת דער גאָסטינינער רבי האָט אויסגעהערט דעם רב'ס ערקלערונג, פאַרוואָס ער וויל פסל'ען די מקוה, האָט ער זיך אָנגערופען:

אין דער תורה ווערט דערצעהלט, אַז בשעת די רועי יצחק האָבען געגראָבען אַ ברונעם און געפונען וואַסער, זענען געקומען די רועי גרר מיט אַ געוואַלד: „לנו המים!" איז דאָך אין פלוג קשה, אויף וואָס פאַר אַ גרונד האָבען זיי סתם געשריגען: „לנו המים", מען האָט דאָך גאַנץ לייכט נעקענט אָנווייזען, אויף וועמענס באָדען די ברונעם איז געגראָבען געוואָרען, און צו וועמען עס געהער די ערד און דער ברונעם — צו דער געהער־דאָס וואַסער?

נאָר מוז זיין, אַז הגם דעם ברונעם גופא האָבען די רועי יצחק גע גראָבען אויף זייער אייגענעם פלאַץ, האָט אָבער דאָס וואַסער, פונקט ווי אין דער קלאָדאָווער מקוה, געשטראָמט פון דער זייט, און דאָס איז געווען די טענה פון די רועי גרר: „לנו המים", דער פלאַץ און דער ברונעם איז טאַקי אייערער, אָבער דאָס וואַסער געהט פון דער זייט און עס איז דערי־בער אונזערס, און מיר וויסען דאָך — האָט דער גאָסטינינער רבי אויס־געפיהרט — אַז די רועי־גרר זענען געווען אומגערעכט מיט זייער טענה, מחמת דאָס, וואָס דאָס וואַסער שטראָמט פון דער זייט איז כלל נישט קיין מניעה...

און אַזוי, אַגב, ערקלערט טאַקי אויך בפירוש דער מלבי"ם, אַז דאָס וואָס די רועי־גרר האָבען געטענה'ט: „לנו המים", איז געווען דערפאַר, ווייל דאָס וואַסער איז אָנגעקומען פון דער זייט פון גרר.

ראו ראינו כי היה ד' עמך... (כו. כח.)

פריהער, בשעת יצחק האָט געוואוינט צווישען זיי, זענען די פלשתים געווען זיכער, אַז זיין עשירות האָט ער נאָר זייער לאַנד צו פערדאַנקען און זיי האָבען דעריבער געטענה'ט צו איהם: „לך מעמנו כי עצמת ממנו מאד".

איצט אבער זענען זיי געקומען און זיך מודה געווען: „ראו ראינו כי היה ד׳ עמך״, אז זעהענדיג, ווי נאכ׳ן פערלאזען זייער לאנד איז ער געווארען נאך פיעל רייכער, האבען זיי זיך איבערגעצייגט, אז נישט די פלשתים האבען איהם דאס עשירות געגעבען און נישט פון זיי איז ער רייך געווא־רען...

(בינת במקרא)

ויהי עשו בן ארבעים שנה ויקח אשה וכו׳ ותהיין מורת רוח ליצחק ולרבקה... (כו. לד. לה.)

דערויף ווערט געפרעגט אין מדרש רבה: „למה ליצחק תחלה״? פארוואס ווערט פריהער דערמאהנט יצחק, וואס עס בעדייט, אז יצחק האט דערפון געהאט מעהר מורת רוח, מעהר עגמת נפש, ווי רבקה?

האט געזאגט דערויף רבי חיים טשערנאוויצער אין א ווערטעל, אז עס איז גאר קיין קשיא נישט, און עס איז גאנץ פערשטענדליך: יצחק האט זיך דערפון מעהר מצער געווען, ווייל זיין אהבה צו עשו׳ן איז גע־ווען צוליעב׳ן „כי ציד בפיו״, ווייל ער האט איהם געהאלטען פאר א כשר׳ן יונגערמאן, א צדיק, און ער האט דעריבער מורא געהאט, אז די ווייבער, וואס ער האט זיך גענומען פון די בנות חת, זאלען איהם חלילה נישט קאליע מאכען... רבקה אבער האט גאנץ גוט געוואוסט, וואס פאר א תכשיט זי פערמאגט, זי האט געוואוסט אז עשו׳ן דארף מען שוין נישט קאליע מאכען און דעריבער האט זי זיך עס נישט גענומען אזוי שטארק צום הארצען...

אולי ימושני אבי וכו׳ והבאתי עלי קללה ולא ברכה... (כז יב)

נישט פאר׳ן פאטערס קללה האט יעקב געזאלט מורא האבען. עס איז אונדענקבאר געווען צו שרעקען זיך, אז פאר אזא אומשולדיגע זאך ווי אויסנארען א ברכה ביים טאטען, זאל יצחק שעלטען זיין זוהן דעם צדיק, דעם „איש תם יושב אוהלים״: געשראקען זיך האט ער זיך פאר א גאנץ אנדערע קללה, אז דערמיט, וואס ער וועט אבנארען זיין בלינדען טאטען, וועט ער דאדורך עובר זיין אויפ׳ן „ארור משגה עור בדרך״ און „ארור מקלה אביו ואמו״ (דברים כ״ז). אט פאר די צוויי ארור׳ס, די צוויי קללות פון דער תורה, האט יעקב מורא געהאט...

(כרם הצבי)

ויבא אל אביו ויאמר אבי ויאמר הנני וכו'... (כז. יח.)

מעהר האָט ער דערוויל נישט געזאָגט. נאָר דאָס איינע וואָרט: „אבי", דאַגעגען עשו האט גלייך ביים אַריינקומען אויסגערופען: „יקום אבי ויאכל מציד בנו"! מחמת עשו האט זיך נישט געהאַט וואס צו שרעקען, ער איז געגאַנגען אויף אַ זיכערען וועג, נישט ערוואַרטענדיג, אַז דער פאטער זאל איהם פרעגען, ווער ער איז, און איבערטרעטענדיג די שוועל איז ער דעריבער תיכף, אהן שום שהיות, אַרויס מיט'ן גאַנצען פסוק: „יקום אבי ויאכל מציד בנו"... יעקב אבער איז געווען מלא פחד, טאמער וועט איהם דער פאטער דערקענען, האט ער קודם־כל אַרויסגערעדט — נאר איין וואָרט: „אבי!" און געוואַרט, צי דער פאטער וועט איהם דערקענען אין קול, אדער נישט. אויב ער וועט איהם דערקענען, וועט ער דאן אנהויבען רעדען מיט איהם וועגען גאנץ אנדערע זאַכען, און ערשט דערנאך, ווען יצחק האט איהם געפרעגט: „מי אתה בני" און ער האט איהם געענטפערט: „אנכי עשו בכורך, עשיתי כאשר דברת אלי", פון וואס ער האט שוין בעוויזען צו איבערצייגען זיך, אז ער דערקענט איהם נישט, ערשט דאן האָט ער אויסגערופען, „קום נא שבה ואכלה מצידי"...

(שד"ל)

קום נא שבה ואכלה מצידי... (כז יט.)

עשו האָט זיך אויסגעדריקט: „יקום אבי ויאכל מציד בנו", יצחק זאָל זיך אויפשטעלען צום עסען, דאַגעגען יעקב האָט געזאָגט: „קום נא שבה ואכלה מצידי", ער זאָל בלייבען זיצען, דען די חז"ל זאָגען: „שלשה דברים מתישין גופו של אדם, ואלו הן, אכל מעומד ושתה מעומד וכו'" (גיטין ע'). יעקב האָט, אַלזאָ, גערעדט צום פאָטער אַזוי ווי דער דין איז...

(רבי יהודה ליב דיסקין)

הקל קול יעקב... (כז. כב.)

„בזמן שקולו של יעקב מצפצף אין ידי עשו שולטות בו" (מדרש רבה)

פונוואַנען איז עס דאָ געדרונגען? אין פסוק שטעהט דאָך נישט „אין ידי עשו", נאָר פערקעהרט, „כאָטש עס איז „הקול קול יעקב", דאָך — „והידים ידי עשו"?...

נאָר געשריבען איז דאָס ערשטע וואָרט חסר, עס שטעהט נישט „הקול", נאָר „הקל", אָהן אַ ו', און דער דיוק איז: בשעת עס איז חסר און עס פעהלט דער קול יעקב, דאַן איז „והידים ידי עשו"...

(בכורי אביב)

ויתן לך... (כז. כח.)

„יתן ויחזור ויתן" (רש"י)

עשירות איז פאַר'ן מענש אַ גרויסער נסיון, דען עפ"י רוב איז „עושר שמור לבעליו לרעתו" און „רש ועושר אל תתן לי, פן אשבע וכחשתי", איבער-הויפט איז געפעהרליך, ווען דאָס עשירות קומט פלוצלונג, ווען דער מענש ווערט מיטאַמאָל רייך, די פערדאָרבענסטע מענשען זענען עפ"י רוב די אויפגעקומענע גבירים... און דעריבער: „ויתן לך האלקים — יתן ויחזור ויתן", רייך זאָלסטו ווערען ביסלעכווייז, בהדרגה, נישט מיטאַמאָל...

(כתב סופר)

עד אשר תשוב חמת אחיך — עד שוב אף אחיך ממך...

(כז. מד. מה.)

פאַרוואָס ווערט דאָס זעלבע צוויי מאָל איבערגעחזר'ט: „עד אשר תשוב חמת אָחיך" און דאַן נאָכאַמאָל: „עד שוב אף אָחיך ממך"?

נאָר דאָס האַרץ פון אַ מענש איז זעהר עמפינדליך און עס דער-פיהלט אינסטינקטיוו די געגענזייטיגע פריינדשאַפט און געגענזייטיגע שנאה, „כמים הפנים לפנים כן לב האדם לאָדם" (משלי כז. יט.) און דאָס האָט רבקה געזאָגט צו יעקב'ן: „וישבת עמו ימים אחדים עד אשר תשוב חמת אחיך", ווען אָבער ועסטו וויסען, צי דער דאזיגער מאָמענט איז שוין גע-קומען, צי דיין ברודער איז שוין מעהר נישט אין כעס אויף דיר? דאַן ווען — „עד שוב אַף אחיך ממך", ווען אויך דו וועסט אין האַרצען נישט פיהלען מעהר קיין כעס אויף דיין ברודער...

(חמש ידות)

ויקרא יצחק אל יעקב ויברך אותו ויצוהו וכו׳ לא תקח אשה מבנות כנען... (כח. א.)

די תורה בעווייזט אונז דערמיט אַ ביישפּיעל, אַז אויב מען וויל ווירקען אויף אַ קינד און איהם אָבהאַלטען פון צו געהן אין שלעכטען וועג, דאַרף מען עס מאַכען אויף אַ דעליקאַטען, בנעימות׳דיגען אופן, נישט מיט רוגזה און כעס, דורך וועלכע מען דערגרייכט אָפט פונקט פערקעהרטע רעזולטאַטען, און אַזוי האָט אויך יצחק געהאַנדעלט: „ויקרא יצחק אל יעקב ויברך אותו", איידער ער איז צוגעטרעטען צו זאָגען איהם זיין פערלאַנג, האָט ער קודם־כל געגעבען צו איהם אַ פּאָר ווארימע ליעבליכע ווערטער און איהם געבענשט, און ערשט נאָכדעם האָט ער זיך געווענדעט צו איהם: טהו מיר צוליעב, מיין קינד, „לא תקח אשה מבנות כנען"...

(חפץ חיים)

וַיֵּצֵא

ויצא יעקב מבאר שבע... (כח. י.)

„מגיד שיציאת צדיק מן המקום עושה רושם" (רש"י)

רבי יצחק'ל בראָדער (דעם „נודע ביהודה'ס" מחותן) האָט געהאַט אויסצושטעהן אין בראָד גרויסע רדיפות, צוליעב וואָס ער האָט זיך גע-פיהלט געצוואונגען צו פערלאָזען דאָס דאָרטיגע כסא-רבנות. אין טאָג פון זיין אַוועקפאָהרען זענען געקומען די בעלי-בתים זיך געזעגענען מיט איהם און דערביי האָבען זיי איהם אָבגעגעבען גרויס כבוד.

רופט זיך אָן צו זיי רבי יצחק'ל מיט א ביטערען שמייכעל:

„יציאת צדיק מן העיר עושה רושם", ערשט דאַמאָלס ווען דער צדיק פערלאָזט די שטאָדט, מאַכט עס אויפ'ן עולם אַ רושם און עס ווערט אַ רעש און אַ קאָכעניש, פריהער אָבער, די גאַנצע צייט, וואָס ער זיצט אין שטאָדט — דערגעהט מען איהם די יאָהרען...

„ולא יסף עוד מלאך ד' להראות וכו' אָז ידע מנוח כי מלאך ד' הוא" (שופטים י"ג, כ"א.)

בשעת דער מלאך איז מעהר נישט געקומען און האָט זיך אויפגע-הערט צו בעוויזען, ערשט דאַמאָלס האָט מען זיך געכאַפּט — „כי מלאך ד' הוא", אין דער צייט אָבער, וואָס ער איז געווען ביי זיי, האָט גאָר קיינער נישט געפיהלט, אַז זיי האָבען צווישען זיך אַ מלאך...

(אבן אהרן)

רבי יחיאל מיכל נאָווהאַרדעקער, דער מחבר פון „ערוך השלחן", פלעגט זאָגען:

דעריבער איז זיך יעדער רב נוהג אונטערצושרייבן אויף יעדען בריעף: „החונה פה ק"ק", ווייל א רב האט נישט קיין שטענדיגע זיכערע היים, אויף יעדען ארט פיהלט ער זיך, ווי ער האלט דארט געוועהט און זיך אויפגעהאלטען נור צייטווייליג, יעדען טאג דארף ער זיך ריכטען צו זיין געצוואונגען פון דארט אויסצוואנדערען און צו זוכען זיך א כסא-רבנות אין אנ'אנדערע שטאדט...

ויקח מאבני המקום וישם מראשותיו וישכב.. (כח. יא.)

„וישכב במקום ההוא, לשון מיעוט, באותו מקום שכב, אבל י"ד שנים ששמש בבית עבר לא שכב בלילה" (רש"י)

דארט, אין בית-מדרש פון שם ועבר, האט ער זיכער געהאט א מעהר בעקוועמער געלעגער, און דאך איז ער אויף די שטיינער, די שטיינער פון ארץ-ישראל, פיעל בעסער געשלאפען, דען — „כי רצו עבדיך את אבניה ואת עפרה יחוננו", דיינע קנעכט, די צדיקים, האבען דעם שטארקסטען רצון צו איהרע שטיינער און איהר ערד האט ביי זיי דעם גרעסטען חן...

(יד יוסף)

והנה סולם מוצב ארצה וראשו מגיע השמימה... (כח. יב.)

בשעת דער מענש קוקט אויף זיך, ווי אויף א „סולם מוצב ארצה", ווי אויף א שפל, וועלכער שטעהט נאך אויף א זעהר קליינע און נידריגע מדרגה, דאן איז באמת — „וראשו מגיע השמימה"...

(תולדות יעקב יוסף)

וייקץ יעקב משנתו ויאמר אכן יש ד'... (כח. טז.)

— כמעט איטליכער מענש — פלעגט זאגען רבי מאיר'ל פרימישלאנער — וועקט זיך בייטאכטס פון שלאף, נאר דער צדיק, אז ער כאפט זיך אויף איז ער זיך מתגבר, רייסט זיך אראב פון געלעגער און נעהמט זיך גלייך צו דער ארבייט, צו דיענען דעם אויבערשטען בתורה ועבודה, דאגעגען דער פראסטער מענש, אז ער כאפט זיך אויף, דרעהט ער זיך איבער אויף דער צווייטער זייט און שלאפט ווייטער... און אזוי געפינען מיר אין דער

תורה. ביי יעקב'ן שטעהט: „וייקץ יעקב משנתו — ויאמר אכן יש ד'", דאגעגען ביי פרעה'ן ווערט געזאגט: „וייקץ פרעה — ויישן ויחלום שנית"...

ונתן לי לחם לאכול ובגד ללבוש—והיה ד' לי לאלקים...

(כח. ב. כא.)

אויף דער „גרויסער חתונה", וואס איז געפראוועט געווארען צווישען די צוויי מחותנים, רבי שניאור זלמן פון לאדי און רבי לוי יצחק בערדיטשעווער, וועלכע האבען זיך משדך געווען מיט זייערע אייניקלעך, האט רבי שניאור זלמן, טרינקענדיג „לחיים" צום מחותן, געוואונשען:

— לחיים, מחותן! השי"ת זאל אונז העלפען בגשמיות וברוחניות.

— היתכן, מחותן-לעב? — וואונדערט זיך דער בערדיטשעווער — גשמיות איז ביי אייך פאר רוחניות?

— אויך יעקב אבינו — ענטפערט איהם רבי שניאור זלמן — האט זיך אזוי געוואונשען: „ונתן לי לחם לאכול ובגד ללבוש — והיה ד' לי לאלקים", זעהען מיר דאך, אז אויך ער האט מקדים געווען גשמיות פאר רוחניות.

פרעגט איהם ווייטער דער בערדיטשעווער:

— קאן מען דען, חלילה, מחותן-סערדצע, פערגלייכען יעקב אבינו'ס גשמיות צו אונזער גשמיות?

— און אונזער רוחניות — ענטפערט איהם דערויף צוריק רבי שניאור זלמן — קאן מען דען פערגלייכען צום רוהניות פון יעקב אבינו?...

וכל אשר תתן לי עשר אעשרנו לך... (כח. כ.ב)

די אבות — זאגען די חז"ל — האבען מקיים געווען את כל התורה כולה ואפילו עירוב תבשילין, כאטש זיי זענען דערצו נישט געווען מחויב, און דאך דערמאהנט נישט די תורה ביי קיין איינעם פון זיי קיין שום אנדערע מצוות, א חוץ די מצוה פון הכנסת-אורחים און צדקה, מחמת ווי גרויס עס זאל נישט זיין די רבותא פון אנ'„אינו מצווה ועושה", איז אבער די גרעסטע רבותא, ווען מען איז זאגאר גרייט צו זיין אנ'„אינו מצווה

ועושה״, ביי זאכען, וואס קאסטען געלד, ביי הכנסת־אורחים און צדקה...

(אמרי חן)

ויאמר לו לבן אך עצמי ובשרי אתה... (כב. יד.)

נאכדעם ווי יעקב האט איהם דערצעהלט „את כל הדברים האלה״, די גאנצע געשיכטע, ווי אזוי ער האט געמוזט אנטלויפען פאר עשו׳ן צו־ליעב דער בכורה און די ברכה, וואס ער האט ביי איהם צוגענומען, האט זיך לבן אנגערופען: אויב אזוי, „אך עצמי ובשרי אתה״, זענען מיר דאך גלייכע מענשען, ביזטו דאך דער זעלבער רמאי, וואס איך!...

(רבי ברוך קאסעווער)

„מעתה אין לי לאסוף הביתה הואיל ואין בידך כלום, אלא מפני קורבה אטפל בך״ (רש״י)

פונוואנען דרינגט דאס רש״י? וואו איז דען דא מרומז אין פסוק, אז לבן זאל זיך האבען אויסגעדריקט: „הואיל ואין בידך כלום?״

נאר, ווי עס ווייזט אויס, טייטשט רש״י: „אך עצמי ובשרי אתה״, דו ביזט דאך בלויז ביין און פלייש, מעהר ווי דעם ארימען קערפער דיינעם פערמאגסטו דאך נישט...

(שדה תבואה)

ועיני לאה רכות... (כט. יז.)

בעמערקט דערויף דער אבן־עזרא: „ובן אפרים אמר שהוא חסר א׳״, אז אינ׳ם ווארט „רכות״ פעהלט אנ׳אלף און עס דארף זיין „ועיני לאה ארכות״, אז לאה האט געהאט לענגליכע אויגען... אבער — פיהרט אויס דער אבן־עזרא — „והוא הי׳ חסר א׳״, דעם דאזיגען מפרש, בן אפרים, וואלט געדארפט פעהלען אנ׳אלף, ער וואלט, הייסט עס, פאר אזא ווילדען פשט, געדארפט הייסען „בן פרים״...

ויאסוף לבן את כל אנשי המקום ויעש משתה.. (כט. כב.)

אין מדרש רבה ווערט געזאגט, אז לבן האט ביי די פערבעטענע געסט צוגענומען די מלבושים, וועלכע ער האט פער׳משכונ׳ט און פאר דעם געליהענעם געלד אנגעגרייט א סעודה, און נאך דער סעודה האט ער גע־הייסען יעדען גאסט, ער זאל מוחל זיין און אויסלייזען זיין משכון...

פונוואנען האבען די חז״ל גענומען די דאזיגע השערה? האט דערויף ערקלערט דער חפץ־חיים, אז דאס איז מרומז אין פסוק, דען געוועהנליך איז דער דרך־העולם, אז בשעת מען פראוועט א שמחה ווערט פריהער צוגעגרייט די סעודה און נאכהער קומען די איינגעלאדענע געסט, דא אבער אין פסוק שטעהט: „ויאסוף לבן את כל אנשי המקום — ויעש משתה״, אז פריהער האט ער איינגעלאדען די געסט און ערשט דערנאך האט ער איינ־געארדענט א סעודה, און דערפון האבען, אלזא, די חז״ל געדרונגען, אז ער האט געפראוועט די סעודה אויף זייער חשבון, פאר זייער געלד...

(פרחי אהרן)

ויחר אף יעקב ברחל ויאמר התחת אלקים אנכי... (ל. ב.)

א דארפס־איד מיט זיין ווייב, וועלכע זענען געווען קינדערלאז, זענען געקומען צום „חוזה״ פון לובלין מיט א בקשה, ער זאל זיך בעמיהען פאר זיי, זיי זאלען געהאלפען ווערען מיט א בן־זכר. ענטפערט זיי דער חוזה, אז ער פערלאנגט דערפאר זעכציג טאלער, און דוקא פאראויס.

נעהמט זיך דער דארפס־איד מיט איהם דינגען: ער איז גרייט צו געבען צוואנציג... מילא, א סוף, ער וועט דערלעגען נאך צעהן טאלער, גאנצע דרייסיג... אבער דער „חוזה״ וויל נישט אבלאזען, א פרוטה נישט ווייניגער פון זעכציג...

ווערט די אידענע בייז און טהוט א ציה דעם מאן פאר׳ן ארבעל:

— קום מיין מאן, גאט קאן אויך העלפען, און אינגאנצען אומזיסט...

— אט דאס האב איך טאקי געוואלט הערען פון אייך — שמייכעלט דער חוזה — מחמת רבי מענדעלי רימאנאווער שרייט: קומט צו מיר, וועט איהר געהאלפען ווערען! דער קאזשעניצער מגיד זאגט: קומט צו מיר, וועט איהר געהאלפען ווערען! דער רבי פון לובלין איז מכריז ומודיע: צו מיר קומט, וועט איהר געהאלפען ווערען! איז אויב אזוי וועלען דאך שוין

די אידען, חלילה, באַלד פערגעסען, אַז דער רבונו של עולם אַליין קאָן אויך העלפען !...

ויאמר אליו לבן וכו׳ נחשתי ויברכני ד׳ בגללך... ויאמר נקבה שכרך עלי... ויאמר אליו אתה ידעת את אשר עבדתיך... (ל. כז. כח.)

אַ גרויסער גביר און נדבן האָט אַמאָל אויסגעבויט אַ בית-מדרש, וואָס ער האָט אויסגעהאַלטען אויף זיין חשבון און געדינגען צעהן אידען, עשרה בטלנים, זיי זאָלען זיצען יעדען טאָג און לערנען און עס זאָל זיין שטענדיג אַ מנין צום דאַווענען, צאָהלענדיג דערפאַר יעדען פון זיי צו עטליכע רובל אַ וואָך. ויהי היום, האָבען זיך די עשרה בטלנים דערוואוסט, אַז אינ׳ם גביר׳ס גרויסען געשעפט האָט דער גאַנצער פערסאָנאַל, דער דירעקטאָר, די בוכ-האַלטאָרען און אַלע איבריגע אַנגעשטעלטע, פערשטרייקט, פערלאַנגענדיג מען זאָל זיי העכערען די שכירות, און צוליעב דעם וואָס דער שטרייק האָט זיך פערצויגען עטליכע טעג איז דער גביר געצוואונגען געווען נאָכצוקומען זייערע פאָדערונגען.

דערהערט אַזאַ מעשה זענען די עשרה בטלנים אַוועק צום גביר מיט אַ פאָדערונג, אַז אויך זיי פערלאַנגען אַ הוספה און אויב נישט וועלען זיי פערשטרייקען, אויף וואָס זיי האָבען בעקומען אַ תשובה, אַז אויב עס לוינט זיי נישט קענען זיי שטרייקען געזונטערהייט.

— ס׳טייטש ? — האָבען זיי זיך גע׳חידושט — פאַרוואָס האָט איהר יענע מענשען אייערע יאָ נאָכגעגעבען און אונז נישט ?

האָט דער גביר זיך צולאַכט און זיי ערקלערט :

— יענע האָב איך געמוזט נאָכגעבען, ווייל אָהן זיי קאָן איך זיך קיין עצה נישט געבען ; זיי זענען ספעציאַליסטען, פאַכמענער, וועלכע פיהרען אַלע מיינע מסחרים און קיין אַנדערע אויף זייער אָרט וועל איך אַזוי גיך נישט קריגען... פאַר אייער אַרבייט אָבער, וועלכע בעשטעהט פון דאַווענען און תהלים-זאָגען, לוינט מיר קיין גרויסע געלדער נישט צו צאָהלען, כ׳וועל גאַנץ לייכט קריגען אַנדערע אויף אייער אָרט, קיין תהלים-זאָגערס פעהלען נישט...

בשעת יעקב האָט פערפיהרט מיט לבנ׳ען אַ שמועס וועגען שכירות, האָט לבן דער שווינדלער פרום פערגלאָצט די אויגען און גענומען ריידען

מיט גאָט: „נחשתי ויברכני ד׳ בגללך״, יעקב איז איהם זעהר מזל׳דיג, אין זכות פון יעקב׳ן, אין זכות פון זיין דאַווגען און תהלים-זאָגען האָט איהם גאָט געהאָלפען, „כשבאתי לכאן לא היו לי בנים וכו׳ ועכשיו היו לי בנים״, און דעריבער — „נקבה שכרך עלי ואתנה״. אַדרבה, ער איז איהם גרייט צו בעצאָהלען דערפאַר, אָבער ער דאַרף דאָך אַליין פערשטעהן, וויפיעל קאָן מען דען פערלאַנגען פאַר דאַווגען און תהלים זאָגען?... דערויף האָט איהם יעקב געענטפערט: „אתה ידעת את אשר עבדתיך ואת אשר היה מקנך אתי״ כ׳בין נישט געווען ביי דיר קיין באַנק-קוועטשער און תהלים-זאָגער, נאָר איינפאַך און ממש שווער געהאָרעוועט אַרום דיינע פיה און „ויברך אותך ד׳ לרגלי״, געבענשט און רייך ביזטו געוואָרען „לרגלי״, פון מיין אַרומשלעפען זיך טאָג ווי נאַכט מיט דיינע בהמות, און דעריבער — „ועתה מתי אעשה גם אנכי לביתי״, האָב איך מיר פאַר דער דאָזיגער אַרבייט כשר פערדיענט, כ׳זאָל שוין אַליין אויך אָנהויבען לעבען ווי אַ מענש און בעקומען אַנשטענדיגע שכירות...

(רבי בעריש פלאהם)

ועתה מתי אעשה גם אנכי לביתי (ל. ל.)

„מעשי אבות סימן לבנים״, און דער דאָזיגער אומרוהיגער געדאַנק דערוועקט זיך אָפט ביי פיעל אידען אויך אין יענע גלות-לענדער, וואו עס לעבט זיך זיי מאַטעריעל נישט שלעכט און וואו זיי האָבען זיך אין אַלגעמיין נישט צו בעקלאָגען אויף זייער מצב.

עס איז יעקב׳ן גאַנץ נישט-קשה׳דיג געגאַנגען אין לאַנד פון לבנ׳ען. אַנטלויפענדיג פאַר דער שנאה פון עשו׳ן און דורכמאַכענדיג אַ שווערען וואַנדער-וועג, וואו ער איז געצוואונגען געוועזן צו שלאָפען אונטער׳ן פרייען הימעל, אויף אַ שטיין צוקאָפּענס, האַט ער סוף כל סוף דאָ געלעבט במנוחה, און הגם ער האָט אין תחילת זעהר שווער געאַרבייט אויף חיונה און „ביום אכלני חורף וקרח בלילה״, האָט ער אָבער סוף כל סוף זיך אויסגעאַרבייט און זיך ערוואָרבען אַ שטיקעל פערמעגען, ווי ער האָט נאַכהער אַליין ערקלערט: „ויהי לי שור וחמור צאן ועבד ושפחה״, אָבער מיט דער צייט האָט ער זיך אָנגעהויבען אַרומקוקען און מאַכען אַ שטיקעל חשבון פון דעם פרייז, וואָס ער האָט פאַר דעם דאָזיגען וואוילשטאַנד בעצאָהלט און עס איז איהם מיטאַמאָל זעהר טרויעריג געוואָרען אויפ׳ן האַרצען: ער האָט דערזעהן, ווי די „תרפי לבן״ הויבען אָן ביסלעכווייז אריינגנב׳נען זיך אין זיין הויז, אַז אויב ער וועט דאָ זיצען נאָך אַ ביסעל

לענגער וועט לבן האָבען פאַלקאָם רעכט מיט זיין תביעה: „הבנות בנותי והבנים בני"... ער דערזעהט דעם גרויסען מרחק, וואָס עס האָט דורכגע־מאַכט יעקב פון דער אָנהויב סדרה ביז יעקב פון דער סוף סדרה; יענעם יעקב האבען זיך געחלומ׳ט „מלאכי אלקים" און דער איצטיגער יעקב זעהט שוין אין חלום גאַר אַנדערע זאַכען: „עתודים עולים על הצאן"... דאַמאָלס איז זיין בעשיידענע שטרעבונג געווען: „אם יהי׳ אלקים עמדי וכו׳ ונתן לי לחם לאכול ובגד ללבוש והי׳ ד׳ לי לאלקים", און איצט איז ער איינגאַנצען אריינגעטהון אין די „עקודים נקודים וברודים"... ער דער־פיהלט די גרויסע ענדערונג, וואָס עס איז פאָרגעקומען במשך פון דער צייט אין זיין גייסטיגען לעבען און עס דערוועקט זיך אין איהם די בענק־שאפט צו זיין אַלטער היים, צום אַמאָליגען לעבענס־שטייגער און אַ געשריי רייסט זיך אַרויס פון זיין האַרץ: „מתי אעשה גם אנכי לביתי!"...

(הרב אברהם גאלאנטי, ניו יורק)

———

ומאשר לאבינו עשה את כל הכבד הזה... (לא.א)

דערויף ווערט געזאגט אין מדרש רבה: „אין כבוד אלא כסף וזהב שנאמר בוזו כסף בוזו זהב ואין קצה לתכונה כבד מכל כלי חמדה" (נחום ב׳).

האָט מען געפרעגט דעם ווילנער גאון: דער דאָזיגער מדרש איז דאָך אין סתירה צום מאמר אין אבות: „ואין כבוד אלא תורה שנאמר כבוד חכמים ינחלו" (אבות פרק ו׳)? — האָט דער גאון דערויף געענט־פערט: אומעטום אין גאַנץ תנ"ך איז דאס ווארט „כבוד" געשריבען מלא מיט אַ ו׳, בלויז דא אין פסוק „ואשר לאבינו עשה את כל הכבד הזה" ווי אויך אין נחום, איז „כבד" געשריבען „חסר", אָהן אַ ו׳, און דערויף זאָגען די חז"ל, אַז דארט, וואו דער „כבד" איז „חסר", ווערט דערמיט גע־מיינט דער כבוד המדומה, וואס מען דערגרייכט דורך געלד...

———

גְּנֻבְתִי יום וגנבתי לילה... (לא. לט.)

וואס איז דען פאַר אַ נפקה מינה אייגענטליך, צי מען האט די בהמה געגנב׳עט ביי טאָג, אדער עס איז געשעהען ביינאַכט?

גאר מעגליך, אַז דאס ווערט געמיינט בדרך מליצה, אין זין, אַז ער

האט קיין טאג און קיין נאכט נישט געהאט, „גנבתי יום וגנבתי לילה", די אונאויפהערליכע שטענדיגע אַרבייט האט ביי איהם צוגענגב'עט דעם טאג און צוגענב'עט די נאכט, און דערויף קומט דער ווייטערער אויספיהר: „הייתי ביום אכלני חורב וקרח בלילה".

ענהנליך דערצו איז דער פסוק: „לילה גנבתו סופה" (איוב כ"ז כ'), פון וועלכען דער זין איז, אַז דער שטורם האָט צוגענגב'עט די נאַכט, ווי זי וואָלט גאָר איננאַנצען נישט געווען...

(הרב ברוך פרידענבערג)

ויקרא לו לבן יגר שהדותא ויעקב קרא לו גַלְעֵד... (לא. מז.)

ווי מיר זעהען, איז צווישען זיי פאָרגעקומען אַ שטיקעל שפּראַכען-קאַמף. לבן האָט דאָס אָרט אַ נאָמען געגעבען אויף אַראַמיש: „יגר שהדותא", אָבער יעקב האָט נישט געוואָלט ענדערען זיין שפּראַך און ער האָט פערלאַנגט, אַז דער נאָמען זאָל זיין אויף לשון קודש: „גלעד", און אויס-געפיהרט האָט יעקב, לבן האָט לסוף מסכים געווען און „ויאמר לבן וכו' על כן קרא שמו גלעד"...

(לויט'ן ספורנו)

וַיִּשְׁלַח

וישלח יעקב מלאכים וכו׳ ארצה שעיר שדה אדום... (לב. ד.)

אין יאָהר 1744 האָט די עסטרייכישע רעגירונג, אונטער דער הערשאַפט פון מאַריאַ טערעזאַ, אַרויסגעגעבען אַ גזירה אַרויסצוטרייבען די אידען פון בעהמען. די פראַגער קהלה האָט דאַן אַוועקגעשיקט קיין ווין דעם פראַגער דיין, רבי זלמן קרוב, ער זאָל זיך משתדל זיין ביים דאַמאָלסטיגען קאַנצלער, קאַאוניטץ, וועגען אָברופען די גזירה.

קומענדיג קיין ווין האָט רבי זלמן, זוכענדיג פּראָטעקציע צום קאַנצלער, זיך דערוואוסט, אַז ער האָט אַ אידישע געליעבטע, ער איז אַוועק צו אידהר און זי האָט איהם צוגעזאָגט, אַז בעת דער קאַנצלער וועט צו איהר קומען וועט זי שיקען נאָך איהם און זי וועט זיך בעמיהען, אַז זיין בקשה זאָל ערפילט ווערען.

וכך הוה. אַריינקומענדיג צו זיין געליעבטע האָט זי פאַר איהם פאָר־געשטעלט דעם פּראַגער דיין און דעם צוועק פון זיין בעזוך. דער קאַנצלער איז געוואָרען שטאַרק אויפגעבראַכט פון דער אונאַנגענעהמער בעגעגעניש און נישט קוקענדיג אויף די בקשות פון זיין געליעבטע, האָט ער שטרענג און קאַטעגאָריש ערקלערט, אַז די גזירה קאָן נישט צוריקגעצויגען ווערען, דער־ביי האָט ער מיט אַנ׳איינגעהאַלטענעם כעס געפרעגט דעם דיין: פונוואַנען ער האָט געוואוסט איהם דאָ צו טרעפען און אָבצוואַרטען? פאַרוואָס איז ער נישט געקומען אין מיניסטעריום, נאָר דאָ אַהער?

דערויף האָט איהם רבי זלמן, וועלכער האָט שוין געהאַלטען די וואָך פאַר פּערשפּיעלט, אָבגעענטפערט מיט אַ שטאָך:

— אין דער ביבעל, הערר קאַנצלער, ווערט דערצעהלט, אַז יעקב אבינו האָט געשיקט שלוחים מפייס צו זיין עשו׳ן קיין שעיר שדה אדום. פרעגט זיך: עשו האָט דאָך גאָר געוואוינט אין כנען, ווי עס ווערט דייטליך געזאָגט אין אַ ווייטערען פסוק: „ויקח עשו את נשיו ואת בניו וכו׳ ואת כל

קנינו אשר רכש בארץ כנען" (ל"ו, ו'), טאָ פאַרוואָס האָט ער געשיקט די שלוחים קיין שעיר? נאָר יעקב האָט געוואוסט, אַז איינע פון זיינע ווייבער און געליעבטע, אהליבמה, די טאָכטער פון ענה, וועלכע האָט אויך געטראָגען אַ אידישען נאָמען „יהודית", שטאַמט פון שעיר, ווי עס ווערט געזאָגט: „אלה בני שעיר החורי יושבי הארץ לוטן ושובל וצבעון וענה" (ל"ו, כ') און ער האָט דעריבער געשיקט די שליחים, זיי זאָלען אָבוואַרטען עשו'ן בשעת ער קומט אהין קיין שעיר צו זיין געליעבטע, זייענדיג זיכער, אַז אין איהר אַנוועזענהייט וועט ער זיך אַ ביסעל איידעלער אויפפיהרען...

דעם קאַנצלער איז דער דאָזיגער שאַרפזיניגער, הגם שטעכעדיגער ענטפער שטאַרק געפעלען געוואָרען. ער האָט איבערגעבעטען דעם דיין, צוגעזאָגט צו ערפיעלען זיין פערלאַנג און די גזירה פון גירוש איז צוריקגעצויגען געוואָרען...

עם לבן גרתי ואחר עד עתה... (לב. ה)

„עם לבן הרשע גרתי — ותרי"ג מצוות שמרתי" (רש"י)

דאָס איז אַ כלל-גדול און אַזוי זעהען מיר עס ביז'ן היינטיגען טאָג: אַזוי לאַנג ווי עס איז „עם לבן גרתי", כל-זמן דער איד פערגעסט נישט, אַז ער איז אַ גר, אַז דאָס פרעמדע לאַנד, אין וועלכען ער וואוינט, איז פאַר איהם נאָר אַ צייטווייליגע אכסניא, איז „ותרי"ג מצוות שמרתי", איז ער דאַן צוגעבונדען צו דער אידישער תורה ומצוות. מיט'ן מאָמענט אָבער, וואָס ער הויבט זיך אָן פיהלען אַלס פול-בערעכטיגער און פעסט-איינגעוואָרצעלטער תושב — דאַן האַלט עס זעהר שמאָל מיט די תרי"ג מצות...
(אבני חן)

שוב לארצך ולמולדתך ואיטיבה עמך... (לב. י)

הגם — שרייבט דער כתב סופר אין אַנ'אָרט — די גאולה איז אינגאַנצען אָבהענגיג פון השי"ת, דאָך מוזען מיר פריהער פון אונזער זייט טהון אַלעס, וואָס עס איז נאָר אין אונזערע כחות און מעגליכקייטען און דאַן וועט אונז השי"ת העלפען, און אַזוי איז אויך געזאָגט געוואָרען אין דער הבטחה צו יעקב אָבינו: „שוב לארצך ולמולדתך ואיטיבה עמך", עס

שטעהט נישט „ואיטיבה לך“, נאָר „ואיטיבה עמך“, מיט דיר צוזאַמען. דו טהו, דו זיי קודם־כל מקיים דעם „שוב לארצך ולמולדתך“ און איך וועל דיר צוהעלפען... און דאָס איז אויך דער פשט אין פסוק: „כי כארץ תוציא צמחה וכגנה זרועי' תצמיח, כן ד' אלקים יצמיח צדקה“ (ישעי' כא. יא.), פונקט ווי די ערד גיט אַרויס איהרע פרוכטען נאָכדעם, ווי דער מענש טהוט פון זיין זייט אַלע נויטיגע יגיעות, און דאַן ערשט איז דאָס גערעטעניש אָבהענגיג פון דער הימלישער הילף, פון זון, ווינד און רעגען, אַזוי וועט אויך אונזער צדקה ותהלה, אונזער הילף, אויפשייגען ערשט נאָכדעם ווי מיר פון אונזער זייט וועלען האָבען געטהון אַלץ, וואָס עס איז נאָר מעגליך צו טהון לויט אונזערע מענשליכע כחות...

ויאבק איש עמו... (לב. כה.)

דערויף ווערט געבראַכט אין מדרש צוויי פשטים, איין פשט: „שהעלו עפר“, און אַ צווייטער פשט: „שחבקו בזרועותיו“.

אין די דאָזיגע צוויי פשטים — זאָגט דער כתב־סופר — זענען מרומז די ביידע אופנים, מיט וועלכע דער שר של עשו האָט געפרובט — און ער פרובט דאָס ביז היינטיגען טאָג — בייצוקומען יעקב'ן. דער ערשטער וועג איז „שהעלו עפר“, דער געוועהנליכער אויסגעטרעטענער וועג פון די שונאי־ישראל אין אַלע צייטען, צו ערנידריגען דעם איד, צו בעוואַרפען איהם מיט בלאָטע און צו טרעטען איהם מיט די פיס, און ווען דאָס העלפט נישט, נעהמט ער זיך אָפּט אויפ'ן צווייטען וועג פון „חבקו בזרועותיו“, צו האַלזען איהם מכלומרשט, אַרויסצוווייזען איהם אונגעהויערע ליעבשאַפט, גלויבענדיג אַזוי אַרום, דורכ'ן וועג פון דערנעהנטערונג און אַסימילאַציע, צו קענען איהם בייקומען און צו דערפיהרען צו זיין אונטערגאַנג...

עד עלות השחר... (לב. כה.)

אַמאָל האָט מען געמיינט און געגלויבט, אַז דאָס ראַנגלעניש פון יעקב'ן מיט עשו'ן וועט דויערען נאָר „עד עלות השחר“, ביז עס וועט אויפשיינען אויף דער וועלט דער מאָרגענשטערען, דאָס ליכט פון קולטור און ציוויליז־

זאציע, וויסען און בילדונג, און דאן, ווען די מענשען וועלען ווערען בעוואוסטזיניג, וועט אויפהערען די רעליגיעזע שנאה און דער ראסען-האס און עס וועלען אנגעשטעלט ווערען די אונזיניגע רריפות פון עשו'ן געגען יעקב'ן, לסוף זעהען מיר צו אונזער אומגליק, אז אויך דער „עלות השחר" האט נישט געהאלפען און אינ'ם „ויאבק איש עמו" האט זיך פון דאמאלס ביז היינט אבסאלוט גארנישט געענדערט...

(המגיד)

ויאמר אליו מה שמך ויאמר יעקב... (לב. כח.)

צום מלבי"ם איז אמאל געקומען א מחבר בעטען א הסכמה אויף זיין ספר, וואס ער האט א נאמען געגעבען „ויאמר יעקב".

דער מלבי"ם האט גענומען דערין מעיין זיין און בלעטערענדיג דאס ספר, האט ער יעדעס מאל א זאג געטהון מיט התפעלות: א זעלטע-נער נאמען, אנ'אויסגעצייכענטער נאמען...

טאקי באמת? — דערפרעהט זיך דער מחבר — געפעלט אייך ווירק-ליך אזוי שטארק דער נאמען?

— יא, א זעהר פאסענדער נאמען — ענטפערט איהם דער מלבי"ם — אויך אין דער תורה, אין פ' וישלח, געפינען מיר: „ויאמר יעקב", יעקב האט געזאגט, און עס שטעהט נישט, וואס ער האט געזאגט...

לא יעקב יאמר עוד שמך כי אם ישראל... (לב. כט.)

די דאזיגע ברכה, וואס דער שר של עשו האט געבענשט יעקב'ן, דאס איז אונזער אומגליק ביז'ן היינטיגען טאג. ביי יעדען אנדערען פאלק, אויב א יחיד בעגעהט א פערברעך, מאכט מען נישט פעראנטווארטליך דעם גאנצען צבור פאר זיינע זינד, עס וועט קיינעם נישט איינפאלען צו בע-שולדיגען דעם רבים פאר די מעשים פון א יחיד, אבער ווען דאס טהוט א איד, בשעת אנ'איינצעלנער יעקב בעגעהט א וועלכען עס איז חטא, דאן איז — „לא יעקב יאמר עוד שמך כי אם ישראל", זאגט מען נישט, אז יאנקעל האט געזינדיגט, נאר — „ישראל", דער איד איז שולדיג, דער גאנצער אידישער צבור...

(מטה יהודה)

על כן לא יאכלו בני ישראל את גיד הנשה... (לב. לב.)

לויט'ן געוועהנליכען פשט איז דער איינפאַכער טעם פון דער דאָזי־גער מצוה: צוליעב דעם, וואָס יעקב איז פערוואונדעט געוואָרען אין גיד־הנשה, האָבען דעריבער די קינדער זיינע, די בני ישראל, גענומען אויף זיך, אַלס אָנדענקונג, נישט צו עסען דאָס דאָזיגע אבר... אָבער אין ספר החנוך ווערט דערויף צוגעגעבען נאָך אַ טעם: דאָס נישט עסען דעם גיד־הנשה איז נישט בלויז אַ זכר אויפ'ן „ותקע כף ירך יעקב", נאָר אויך ובעיקר אויפ'ן „ויזרח לו השמש"; דאָס דאַרף דיענען אַלס רמז און סימ־באָל פאַר די בני־ישראל, אַז פונקט אַזוי, ווי עס האָט אויפגעשיינט פאַר יעקב'ן די זון, וועלכע האָט איהם אויסגעהיילט און אויסגעלייזט פון די יסורים, וואָס עס האָט איהם פערשאַפט דער שר של עשו, אַזוי וועט אויך פאַר אונז סוף כל סוף אויפשיינען די שמש הגאולה, וואָס וועט אונז בעפרייען פון אונזערע שונאים און פון די אַלע צרות, וואָס מיר ליידען פון זיי...

אין דער בעקאַנטער מלחמה, וואָס רבי יעקב עמדין האָט געפיהרט אויף אַן'אונגעוועהנליך שאַרפען אופן בּעגען רבי יונתן אייבעשיץ, וועלכען ער האָט חושד געווען אַלס אָנהענגער פון שבתי צבי ימ"ש, איז איינע פון די ראיות, אויף וועלכע ער האָט געשטיצט זיין בעשולדיגונג, געווען דאָס, וואָס רבי יונתן — ווי רבי יעקב עמדין פערזיכערט — פלעגט אַליין מנקר זיין די אונטערשטע טיילען פון די געשאָכטענע בהמות און דאָס פלייש אַרומשיקען צו די בעלי־בתים. עס איז קלאָר — ערקלערט ער — אַז די שס"ה גידים, וואָס זענען פאַרהאַן אין אַ בהמה, זענען אַנטקעגען די שס"ה טעג פון יאָהר, און דער גיד־הנשה איז מרמז אויפ'ן נייַנטען טאָג אין אָב, דען דאָס וואָרט „את" אין פסוק „לא יאכלו בני ישראל את גיד הנשה", איז ראשי־תיבות: „תשעה אָב", און היות ווי די שבתאים האָבען מבטל געמאַכט דעם תשעה באָב האַלטענדיג, אַז משיח איז שוין געקומען, פאַלט שוין ממילא אויך אָב דער איסור פון גיד־הנשה, און דעריבער — פיהרט ער אויס — האָט רבי יונתן אייבעשיץ, אַלס זייער אָנהענגער, זיך בכיוון בעשעפטיגט מיט'ן מנקר זיין דעם חלק האחורים. כדי אַזוי אַרום מכשיל צו זיין די בעלי־בתים, זיי זאָלען עסען דעם גיד־הנשה, וועלכען ער האָט זיכער נישט מנקר געווען...

כי על כן ראיתי פניך כראות פני אלקים... (לג. יא.)

היתכן? ווי געשיקט זיך עס, אז יעקב זאל חנפ'נען עשו'ן מיט אזעלכע ווערטער?

נאר ער האט געמיינט צו זאגען דערמיט: „ראיתי פניך כראות פני אלקים", איך זעה דיך אזוי גערן, ווי גאט זעהט דיך גערן...

(רבי יצחק אלי' לאנדוי)

ויחן את פני העיר... (לג. יח.)

„ערב שבת היה" (רש"י)

און דעריבער דערמאהנען מיר ביי מנוחת שבת יעקב'ס נאמען, זא־גענדיג אין דער שבת'דיגער תפלה. „יעקב ובניו ינוחו בו".

(רבי מרדכי צרפת)

„ויחן את פני העיר, אמר רב מטבע תיקן להם ושמואל אמר שווקים תיקן להם ורבי יוחנן אמר מרחצאות תיקן להם" (שבת ל"ג).

דאס איז, ליידער, די טראגעדיע אונזערע: אלץ וואס יעקב טהוט און שאפט, הן בנוגע מטבע ושווקים, אויפ'ן געביעט פון האנדעל און פינאנסען, הן אין אלע אנדערע געביעטען, דאס אלץ איז — „להם", פאר ווייערטוועגען...

(הגיונות אל עמי)

ויהי עוד כברת הארץ לבוא אפרתה... (לה. טז.)

דערויף זאגט דער רמב"ן: „ופרושה שיעור מהלך ארץ מן הבקר עד לעת האוכל, כי כן ישערו כל הולכי דרך. זה כתבתי תחלה, ועכשיו שזכיתו ובאתי אני לירושלים וכו' ראיתי בעיני שאין מן קבורת רחל לבית-לחם אפילו מיל"...

אלזא, דער רמב"ן זעלבסט בעשטעטיגט פריהער אין נאמען פון „כל הולכי דרך", אז דער מהלך פון קבר רחל ביז בית לחם דויערט מן הבקר

עד הצהרים, אוןווירקליך געפינען מיר אזוי אין די אַלטע בעשרייבונגען וועגען ארץ־ישראל ביי פלאוויוס׳ן און אַנדערע. טאָ ווי קומט עס, אַז בימי הרמב״ן, ווי ער האָט זיך שפּעטער איבערצייגט, האָט זיך דער זעלבער וועג אַרויסגעוויזן אַלס קירצער זאָגאַר פון אַ מייל?

נאָר וועגען ארץ־ישראל — האָט געענטפערט דערויף רבי יוסף שאול נאַטאַנזאהן — ווערט געזאָגט: „ארץ צבי כתיב בה וכו׳ בזמן שיושבין עליה — רווחא ובזמן שאין יושבין עליה — גמדא״ (גיטין כ״ז). נאָכ׳ן חורבן איז גאַנץ ארץ ישראל איינגעשרומפּען געוואָרען וממילא איז אויך דער וועג פון קבר־רחל ביז בית־לחם געוואָרען קירצע...

רבי חיים יוסף זאָנענפעלד האָט אַמאָל ערקלערט בדרך צחות, פונוואַנען עס נעהמט זיך, וואָס אין ארץ־ישראל עקזיסטירט אַ קאָלאָסאַלער קלימאַט־אונטערשיעד פון איין אָרט צום צווייטען. דאָס איז דערפאַר, ווייל „ארץ צבי כתיב בה״, ממילא קומט אויס, אַז פון ירושלים ביז יפו, למשל, איז אַמאָל געווען אַ גאָר גרויסער מהלך וממילא איז אויך געווען אַ בעדייטענדע דיפערענץ אין קלימאַט. איצט אָבער, נאָכ׳ן חורבן, ווען דאָס לאַנד איז איינגעשרומפּען געוואָרען זענען געאָגראַפיש די מקומות געוואָרען נעהנטער צו זיך, דער קלימאַט דאַגעגען איז אין יעדען אָרט געבליבען דער זעלבער וואָס אַמאָל...

מטרד בת מי זהב... (לו, לט.)

די טרדה איז די טאָכטער פון זהב... אַלע טרדות און דאגות נעהמען זיך פון געיעג נאָך געלד...

(רבי יצחק יוסף צטיגגער)

ועלו מושיעים בהר ציון לשפוט את הר עשו...

(הפטורה לספרדים)

בשעת דער אָנגעקלאָגטער, וואָס ווערט געשטעלט פאַר׳ן געריכט, ווערט בעשולדיגט אין אַ גרויס און שווער פערברעכען, וואָס איז פערבינ־

דען מיט מענשליכע רציחות, בענוגענט זיך דאַן נישט דאָס געריכט מיט'ן בלויזען בעשולדיגונגס-אַקט און מיט די ערקלערונגען פון פראָקוראָר, נאָר עס בעשליסט אַראָבצופאָהרען און דורכצופיהרען אַ וויזע אויפ'ן אָרט, וואו דאָס פערברעך איז אויסגעפיהרט געוואָרען.

לעתיד, בשעת עשו וועט געשטעלט ווערען לדין פאַר זיינע מעשים געגען יעקב'ן, דאַן — „ועלו מושיעים בהר ציון לשפוט את הר עשו", וועט דאָס געריכט זיך פערזאַמלען אויפ'ן הר-ציון, בכדי צו זעהען און צו איבערצייגען זיך אויפ'ן אָרט, ווי גרויס עס איז דער אידישער חורבן, צו וועלכען עשו האָט דערפיהרט...

(עינות מים)

וַיֵּשֶׁב

לערך מיט פופציג יאָהר צוריק, בעת עס האָט זיך אָנגעהויבען פערשטאַרקען אין מזרח-גאַליציען די אידיש-נאַציאָנאַלע בעוועגונג, האָט דאַן דער בעקאַנטער געלעהרטער און אַרויסגעבער פון דער „אידישער וואָכענשריפט" אין וויען, ראַבינער דר. יוסף שלמה בלאָך, צום ערשטען מאָל, בעת די וואַהלען צום עסטרייכישען פּאַרלאַמענט, קאַנדידירט אויף אַ ריין-נאַציאָנאַלע ליסטע אין אידישען וואַהל-בעצירק קאָלאָמיי. די וואַהלען זענען אויסגעפאַלען זונטאג פ׳ וישב און דר. בלאָך האָט זיין גלענצענדע וואַהל-רעדע, וואָס ער האָט אינ׳ם זעלבען טאָג געהאַלטען, פערענדיגט מיט די ווערטער: פערגעסט נישט, אידען, אַז היינט איז פּרשת וישב און דאָס וואָרט „וישב" דאַרף דעם נאַציאָנאַל-בעוואוסטזיניגען אידענטום דיענען אַלס וואַהל-פּאַראָל. די ראשי-תיבות פון „וישב" מאַכט: „וועהלט יוסף שלמה בלאָך!"...

דאָס האָט געווירקט, אַ דאַנק די דאָזיגע ראשי-תיבות האָט מען דאַן צום ערשטען מאָל מנצח געווען דעם אַסימילאַטאָרישען בלאָק און דר בלאָך איז געוועהלט געוואָרען מיט אַ ריזיגע מערהייט...

וישב יעקב בארץ מגורי אביו... (לז. א.)

„אחר שכתב לך ישובי עשו" (רש״י)

דאָס איינציגע אָרט, וואו יעקב קאָן זיך אויסבעהאַלטען פון די ישובי עשו און זייערע אַלופים איז — „ארץ מגורי אָביו"...

(רבי צבי הירש קאַלישער)

„וישב יעקב—ראה כת של כלבים באים עליו" (בראשית רבה פ׳ פ״ד)

אַ געוויסער משכיל, וועלכער האָט זיך געהאַלטען פאַר אַ גרויסען למדן, האָט אַמאָל, אין דער אַנוועזענהייט פון מעהרערע פערזאָנען, זיך געווענדעט בדרך ליצנות צום מלבי״ם און איהם געפרעגט: ילמדנו רבינו. דער דין איז, אַז ווען מען זעהט אַ תלמיד־חכם דאַרף מען זיך פאַר איהם אויפשטעלען, דאַגעגען ווידער ווערט געזאָגט: „וישב יעקב — ראָה כת של כלבים באים עליו", אַז אויב מען זעהט, הייסט עס, אַ כת של כלבים איז אַ סגולה זיך אוועקצוזעצען. ווי איז אָבער, ווען מען דערזעהט פאַר זיך גלייכצייטיג אי אַ תלמיד־חכם, אי אַ כת של כלבים, וואָס דאַרף מען דאַמאָלס טהון: בלייבען זיצען, אָדער אויפשטעהן?

ענטפערט איהם דעם מלבי״ם: וועגען אַזעלכע פאַלען, ווען מען ווייסט נישט, ווי אַזוי צו האַנדלען עפ״י הלכה, זאָגען די חז״ל: „פוק חזי מאי עמא דבר", אַז מען דאַרף זעהען, ווי אַזוי דער עולם איז זיך נוהג. די איינציגע עצה, אַלזאָ, איז, מיר זאָלען ביידע אַרויסגעהן אין גאַס און צוקוקען זיך, וואָס די מענשען, בעת זיי וועלען אונז דערזעהען, וועלען טהון: צי זיי וועלען זיך אוועקזעצען, אָדער אויפשטעלען...

ויתנכלו אותו להמיתו... (לז. יח.)

„אמרו בואו ונשסה בו את הכלבים" (מדרש רבה)

פארוואָס עפעס האָבען זיי געוואָלט אָנרייצען אויף איהם הינט?

דען זייער שנאה צו איהם האָט זיך גענומען, ווייל ער האָט גערעדט אויף זיי לשון־הרע און — „כל המספר לשון־הרע ראוי להשליכו לכלבים" (פסחים קי״ח)...

(נבחר מפנינים)

חסידים דערצעהלען: דער ווילנער גאון האָט אין די שפּעטערדיגע יאָהרען שטאַרק חרטה געהאַט, וואָס ער האָט זיך געלאָזט אָנריידען פונ׳ם בעקאַנטען אביגדור פון פינסק און געגלויבט אין זיין רכילות און לשון־הרע אויפ׳ן הרב מלאַדי. איינמאָל, ווען דער דאָזיגער אביגדור איז ווידער אַמאָל געקומען צו איהם און, בויגענדיג זיך פאַר איהם מיט גרויס הכנעה,

גענומען מיט זיין הניפה׳דיגען טאָן אונטערטראָגען א פריש רכילות׳ל, רופט זיך אָן צו איהם דער גאון:

— די חז״ל זאָגען: „כל המספר לשון הרע ראוי להשליכו לכלבים״ פארוואָס עפיס להשליכו לכלבים? נאָר וועגען די כלבים ווערט געזאָגט: „והכלבים עזי נפש״, און דאך, כאָטש זיי זענען עזי-נפש, ווערט וועגען זיי געזאגט אין פרק שירה: „כלבים אומרים באו ונשתחוה ונכרעה״, און דאס זעלבע איז אויך מיט די בעלי-לשון-הרע, וואס הגם זיי זענען בעצם גרויסע עזות-פנימער, פינדעסטוועגען בעת עס איז זיי נויטיג צום לשון-הרע, זענען זיי זיך מכניע און בויגען זיך ווי די לעמעלעך...

מה בצע כי נהרוג את אחינו וכסינו את דמו... (לז. כו.)

אויב זיי האבען, ווי דער מדרש זאגט, דן געווען יוסף׳ן למיתה על פי דין, ווייל זיי האבען איינגעפינען, אז ער האט מיט זיין שלעכטער אויפפיהרונג זיך פערדינט דעם דאזיגען עונש, טא וואס איז די פראגע: מה בצע, וואס פאַר א נוצען מען וועט האבען דערפון?

נאָר צוליב דריי סבות ווערען אויסגעפיהרט מאָרד-אָנפאַלען: צוליב געלד; צוליב נקמה; צוליב פרסום, אָנצולערנען און אָנצוואַרפען אַן׳אימה אויף די אַרומיגע, זיי זאָלען זיך היטען נישט נאָכצוטהון זיין ביישפיעל. אָט די אַלע מאָטיווען — האָט זיי יהודה אָנגעוויזען — האָבען דאָ קיין אָרט נישט. געלד? — „מה בצע״, איהר ווייסט דאָך, אַז יוסף האָט קיין געלד נישט. נקמה? — „כי נהרוג את אחינו״, אויף אַן׳אייגענעם ברודער פיהרט מען נישט אויס קיין נקמה. אָנוואַרפען אַן׳אימה אויף אַנדערע? — „וכסינו את דמו״, מיר וועלען דאָך עס סיי-ווי מוזען האַלטען בסוד, אַז עס זאָל זיך קיינער נישט דערוויסען. טא וואס פאַר א נוצען, אַלזא, וועט דער דאזיגער מאָרד אונז ברענגען?...

(רבי יצחק וואָלאָזשינער)

וירבך אותו אביו... (לז. לה.)

דערויף ווערט געזאגט אין מדרש: „משנמכר יוסף הי׳ יעקב בוכה ומתאַבל, אוי לי על שנשאתי שתי אַחיות״.

וואונדערען זיך אַלע מפרשים: וואס האט עס פאר א צוזאמענהאנג און וואס איז דער זין פון דאזיגען מדרש?

נאַר, ווי עס ווייזט אויס, ווערט אינ׳ם דאזיגען מדרש געגעבען אנ־אנדייטונג אויף דער בעקאנטער קשיא, וואס ווערט געפרעגט אויף יעקב אבינו. עס ווערט דאך געזאגט, פרעגט מען, אז די אבות האבען מקיים געווען אלע מצוות פון דער תורה, טא ווי געשיקט זיך עס, וואס יעקב אבינו האט גענומען צוויי שוועסטער, רחל און לאה, געגען דעם בפירוש׳ען פערבאט פון דער תורה? און דערויף ווערט געענטפערט: דער גאנ־צער טעם פון דעם דאזיגען איסור איז דאך נור דערפאר, ווייל, ווי עס ווערט אנגעוויזען אין פסוק: „ואשה אל אחותה לא תקח לצרור״ (ויקרא יח.), ווייל דאס וועט גורם זיין צו קנאה־שנאה צווישען די צוויי שוועס־טער און עס וועט הערשען שטענדיג פיינדשאפט און מחלוקת אין הויז. היות אָבער ווי צווישען רחל און לאָה האָט געהערשט אַ זעלטענע געגענ־זייטיגע ליבשאַפט און קיין שום שפור פון קנאָה איז צווישען זיי נישט געווען צו בעמערקען, אַזוי ווייט אַז רחל האָט זאָגאַר איבערגעגעבען איהר שוועסטער לאָה די סמנים, זי זאָל קענען ווערען יעקב׳ס פרוי אויף איהר אָרט, האָט דעריבער יעקב גערעכענט, אַז אין אַזאַ פאַל איז נישט חל מעהר דער איסור... איצט אָבער, ווען ער האָט געזעהען די מורא׳דיגע שנאה פון די בני־לאָה צום בן רחל, צו יוסף׳ן, און די טראַגישע פאָלגען, צו וואָס דאָס האָט דערפיהרט, האָט ער דעריבער אויסגערופען מיט וועה־טאָג: „אוי לי שנשאתי שתי אַחיות!״ דען הגם די שוועסטערען אַליין האָ־בען זיך נישט פיינד געהאַט, האָט דאָס אָבער גורם געווען צו אַ שנאה צווישען זייערע קינדער...

(מפרשים)

ויאמר יהודה תקח לה פן נהיה לבוז... (לח. כב.)

אויך זיין פריינד, חירה, האָט יהודה אַריינגענומען אין כלל, אויס־דריקענדיג זיך בלשון רבים: „פן נהיה לבוז״, הגם חירה אַליין האָט גאָרנישט געטהון אַזעלכעס, מיט וועלכען ער זאָל זיך דאַרפען שעמען...

דען דעם מענש אורטיילט מען לויט די פריינד, מיט וועלכע ער חבר׳ט זיך, ער ווערט צוזאַמען מיט זיי געהויבען און צוזאַמען מיט זיי — ערנידריגט. „זאָג מיר ווער דיין חבר איז און איך וועל דיר זאָגען, ווער דו אַליין ביזט״...

(הכורם)

ויאמר יהודה הוציאוה ותשרף... (לח. כד.)

„תמר בתו של שם היתה, דכתיב ובת איש כהן כי תחל לזנות וכו' באש תשרף, לפיכך הוציאוה ותשרף״ (מדרש רבה)

עס ווערט וואהרשיינליך נישט געמיינט בוכשטעבליך, אז תמר זעלבסט זאל האבען געווען שם׳ס טאכטער, דען לויט׳ן חשבון אין סדר-עולם איז יעקב, בשעת שם איז געשטארבען, אלט געווען פופציג יאהר און בשעת מכירת-יוסף איז ער אלט געווען הונדערט און צוואנציג יאהר, דאס הייסט, אז תמר, אויב זי איז אפילו געבוירען געווארען אין לעצטען יאהר פון שם׳ס לעבען, איז דאן לכל-הפחות אלט געווען זיבציג יאהר; די מעשה-תמר איז פארגעקומען פיערצעהן יאהר נאך מכירת-יוסף און עס געשיקט זיך אלזא נישט, אז יהודה זאל חתונה מאכען זיין זוהן מיט א זקנה פון זיבציג יאהר, און נישט אנדערש, נאר אז מיט די ווערטער „בתו של שם היתה״ ווערט געמיינט, אז זי איז געווען שם׳ס אנ׳אייניקעל. עהנליך דערצו געפינען מיר אין תוספות נזיר כ״ג, וואו אויפ׳ן מאמר פון דער גמרא: „רות בתו של עגלון היתה״ (סנהדרין ק״ה), ערקלערט דארט תוספות, אז מען מיינט נישט בתו ממש, דען פון עגלון ביז בועז איז אריבער מעהר ווי צוויי הונדערט יאהר, נאר מען מיינט: פון עגלונ׳ס קינדער...

ולא ידע אתו מאומה כי אם הלחם אשר הוא אוכל, ויהי יוסף יפה תואר ויפה מראה... (לט. ו.)

וואס פאר א שייכות האט דא דער סוף פסוק מיט׳ן אנהויב?

נאר וועגען דניאל, חנניה, מישאל ועזריה ווערט דערצעהלט, אז זיי האבען נישט געוואלט עסען קיין מאכלות אסורות און זיי האבען זיך ער-נעהרט בלויז מיט קערנער און דאך „נראה מראיהם טוב ובריאי בשר מן כל הילדים האוכלים את פתבג המלך״ (דניאל א. טו.), און דאס זעלבע דערצעהלט אונז אויך דא די תורה וועגען יוסף׳ן: „ולא ידע אתו מאומה כי אם הלחם אשר הוא אוכל״, אויסער ברויט האט יוסף ביי פוטיפר׳ן אין הויז פון קיין שום אנדערע זאך נישט געוואלט טועם זיין, און דאך — „ויהי יוסף יפה תואר ויפה מראה״...

(פה קדוש)

בעוד שלשת ימים ישא פרעה את ראשך מעליך.. (מ. יט.)

אלע מפרשים שטעלען זיך דערויף, וואס די זעלבע ווערטער האט יוסף געזאגט סיי צום שר המשקים, סיי צום שר האופים. פון די פערשידענע ערקלערונגען, וואס ווערען וועגען דעם געגעבען, איז אינטערעסאנט דער פירוש פון אברבנאל, וועלכער טייטשט: „ישא את ראשך מעליך". ער וועט דיך דעגראדירען, אראבזעצען פון אמט. אזוי האט מען זיך דאן נוהג געווען מיט אלע קרוין-בעשולדיגטע: קודם-כל האט מען זיי, פאר'ן צוטרעטען צום משפט, דעגראדירט פון זייער אמט און ערשט נאכהער האט מען זיי געשטעלט פאר'ן געריכט. דעם שר-המשקים האט ער, אלזא, פארגעזאגט: „בעוד שלשת ימים ישא פרעה את ראשך", וועסט אראבגעזעצט ווערען פון דיין אמט, און דאן — „והשיבך על כנך ונתת כוס פרעה בידו". וועט דיך דער משפט רעהאביליטירען און דו וועסט צוריק דערהויבען ווערען, דאגעגען דעם שר המשקים האט ער געזאגט: „בעוד שלשת ימים ישא פרעה את ראשך מעליך" און אינם משפט וועסטו ווערען פעראורטיילט — „ותלה אותך על עץ"...

ביידע חלומות, פון שר המשקים און שר האופים, האבען דאך אנ'עהנליכען אינהאלט געהאט, און וואס פאר אנ'אונטערשיעד האט אייגענטליך יוסף געזעהען אין זיי, וואס ער האט דעם ערשטען חלום פותר געווען לטובה און דעם צווייטען לרעה?

נאר — האט עס מסביר געווען דער דובנער מגיד — צוויי מענשען האבען זיך אמאל אפגעשטעלט אין גאס פאר א בילד, אויף וועלכען עס איז געווען אויסגעמאלט א מענש, וואס טראגט א קארב מיט זעמעל אויפ'ן קאפ. אזוי ווי זיי שטעהען און בעטראכטען דאס בילד דערזעהען זיי, ווי א דורכפליהענדער פויגעל שטעלט זיך אוועק אויפ'ן בילד און הויבט אן פיקען די זעמעל פון קארב. רופט זיך אן איינער פון די פארבייגעהער צום צווייטען: דער מאלער זעהט אויס צו זיין א גרויסער קינסטלער, דאס בילד איז ביי איהם ארויסגעקומען אזוי נאטירליך, אז די פייגעל מיינען, אז דאס זענען אמת'ע זעמעל. דערויף ענטפערט איהם דער צווייטער: ניין, דאס איז נישט קיין גרויסער קינסטלער. בלויז די זעמעל זענען ביי איהם ארויסגעקומען לעבעדיג, אבער נישט דער מענש, ווייל ווען ער וואלט אויסגעזעהען ווי א לעבעדיגער מענש, וואלט דער פויגעל מורא געהאט צוצוגעהן צו איהם אזוי נאהנט.

און אַט דאָס האָט אויך יוסף בעמערקט אין דאָזיגען חלום: אויסהערענדיג דעם חלום, וואָס דער שר האופים האָט איהם דערצעהלט, אַז „והעוף אוכל אותם מן הסל מעל ראשי", אַז דער פויגעל האָט קיין מורא נישט געהאַט און זיך אָהנעקגעשטעלט פיקען די זעמעל פון קאָרב, וואס ער האט געטראגען אויפ'ן קאפּ, האט ער דערפון פערשטאַנען, אַז ער האט מעהר נישט פאַר זיך קיין לעבעדיגען מענש און אַז „בעוד שלשת ימים ישא פרעה את ראשך מעליך"...

ולא זכר שר המשקים את יוסף וישכחהו... (מ. כג.)

רבי אהרן טייטיוער, דעם בעל שם טוב'ס אייניקעל, האט, איידער ער איז גרתפרסם געווארען אַלס צדיק, געוואוינט אין קאנסטאַנטין, וואו ער האט געלעבט אין גרויס דחקות. איינמאל, בשעת רבי אהרן איז אַוועק פרייטאג פאַרנאַכט אין בית-המדרש אריין און אין שטוב איז נישט געווען אנגעגרייט די מינדעסטע זאַך אויף שבת, האט ער נישט געקענט מעהר איינהאַלטען זיין צער און נאכ'ן דאַוונען האט ער זיך געווענדעט צו איניגע מתפללים און זיך געקלאגט פאַר זיי.

— היתכן — האט ער געביטערט — אויפן בעל-שם'ס אַן'אייניקעל זאל קיינער קיין רחמנות נישט האבען און מען זאל איהם מיט זיין גאַנץ בני-בית לאזען אויסגעהן ממש פון הונגער?

די דאָזיגע ווערטער האָבען אויף די מתפללים אַ שטאַרקען רושם געמאַכט. עס איז באַלד אויפ'ן אָרט געוואָרען בעשלאָסען, אַז מען זאָל רבי אהרנ'ען מהיום-והלאה צאָהלען וואָכען-געלד און אַז תיכף נאָך שבת זאָלען זיך אַלע בעלי-בתים צונויפקומען אויף אַן'אסיפה און יעדער זאָל זיך דעקלאַרירען, וויפיעל ער איז זיך מתחייב צו צאָהלען וועכענטליך.

אויפ'ן וועג פון בית-המדרש אַ היים האָט זיך ביי רבי אהרן פלוצים דערוועקט אַ שטאַרק חרטה-געפיהל: היתכן? וואָס האָט ער געטהון? אַ גאַנצען לעבען איז ער געווען אַ בעל-בטחון און זיך געהיטען נישט צו ווענדען זיך צו קיין מענשליכע הילף און איצט האָט ער, חלילה, מיט איינמאָל דעם בטחון פערלוירען און דערצו זיך נאָך בענוצט דערביי מיט'ן נאָמען פון זיין הייליגען זיידען? ער האָט זיך אַזש צעוויינט פון גרויס צער און ער האָט אויפגעהויבען די אויגען צום הימעל און מתפלל געווען, אַז די בעלי-בתים זאָלען פערגעסען אין דער געגעבענער הבטחה און זיי זאָלען גאָרנישט טהון פאַר איהם.

וכך היה. זיין תפלה איז אנגענומען געווארען און קהל האט לגמרי פערגעסען אין דעם, וואס מען האט שבת אבגערעדט...

די דאזיגע מעשה האט דערצעהלט דער טשארטקאווער רבי, רבי דוד משה (דעם ריזשינערס זוהן) און ער האט דערביי צוגעגעבען, אז דער־מיט ווערט פערשטענדליך דער מדרש אין פרשת וישב: „אשרי הגבר אשר שם ד' מבטחו ולא פנה אל רהבים — זה יוסף". איז דאך אין פלוג קשה: מיר זעהען דאך, אז אנשטאט צו האבען בטחון אין השי"ת, האט זיך גאר יוסף געווענדעט מיט א בקשה צום שר־המשקים, ער זאל איהם דערמאהנען פאר פרעה'ן? גאר מוז זיין — האט דער טשארטקאווער אויסגעפיהרט — אז יוסף האט גלייך דערויף חרטה געהאט און ער האט שפעטער מתפלל געווען אין אויסגעפועלט, אז עס זאל זיין — „ולא זכר שר המשקים את יוסף וישכחהו", אז דער שר־המשקים זאל איהם קיין טובה נישט טהון און אין איהם אינגאנצען פערגעסען...

דעריבער — שרייבט אין אנ'ארט רבי יהודה אריה די מודינא בדרך בדיחות — איז איינגעפיהרט, אז פרשת זכור ווערט געלייענט א שבת פאר פורים און נישט אין טאג פון פורים זעלבסט, ווייל אום פורים איז דער דין: „חייב איניש לבסומי בפוריא עד דלא ידע וכו'", און דער דאזיגער טאג איז דעריבער נישט פאסענד פאר „זכור". אין א טאג פון טרינקען, געדענקט זיך נישט. סימן לדבר: „ולא זכר שר המשקים"...

מקץ

ויהי מקץ שנתים ימים... (מא. א.)

רבי מאיר פרימישליאַנער פלעגט זאָגען: „ויהי מקץ", בשעת דער מענש קומט אויף דער צלטער, צום סוף פון זיינע טעג, קוקט ער זיך אַרום און ער דערזעהט פאַר זיך „שנתים ימים", אַז דאס לעבען וואָס ער האָט דורכגעמאַכט, בעשטעה"ט ס"ה פון אַ פּאָר נישטיגע יאָהרען, וואָס זענען שנעל פערשוואונדען און דורכגעגאַנגען מיט גארנישט, מיט שטותים און נאַרישקייטען...

ופרעה חולם והנה עומד על היאור... (מא. א.)

דערויף ווערט געזאגט אין מדרש: „הדא הוא דכתיב עדות ביהוסף שמו בצאתו על ארץ מצרים, שפת לא ידעתי אשמע".

וואס איז דער זין פון דאזיגען מדרש?

נאר אין מדרש תנחומא ווערט ערקלערט, אַז צוליב דעם איז פרעה אַזוי זיכער געווען, אַז יוסף האט איהם ריכטיג פותר חלום געווען און אַז ער איז אַ „איש אשר רוח אלקים בו", מחמת ביים איבערדערצעהלען דעם חלום האט ער בכיון משנה געווען פערשיעדענע ווערטער און יוסף האט אידהם יעדעס מאל אויפמערקזאם געמאַכט, אַז נישט אַזוי, נאר אַנדערש האט ער אין חלום געזעהען, נישט „עומד על שפת היאור", נאר „על היאור", נישט „ודהנה מן היאור עולות שבע פרות בריאות בשר ויפות תואר", נאר „יפות מראה ובריאות בשר", נישט „שבע פרות דלות ורעות" נאר „רעות מראה ודקות בשר". נישט „שבע שבלים מלאות וטובות", נאר „בריאות וטובות", נישט „שבע שבלים וצנומות דקות", נאר „דקות ושדופות קדים".

און דאס אייגענטליך בעמערקט דער מדרש: „ופרעה חולם והנה עומד

על היאור וכו׳ וידבר פרעה אל יוסף, בחלומי הנני עומד על שפת היאור״, דערפון האט פרעה האט משנה געווען און איבערדערצעהלט דעם חלום אנ־דערש, ווי ער האט איהם געזעהען — „הדא הוא דכתיב ביהוסף שמו בצאתו על ארץ מצרים״, אט דאס האט פאר איהם געדיענט אלס עדות און בעשטעטיגונג אין דער ריכטיגקייט פון יוסף׳ס פתרון און דערפאר האט ער איהם בעלויהנט און בעשטימט אלס מושל איבער׳ן לאנד מצרים, און אי־בערצייגט האט ער איהם דערפאר, ווייל „שפת לא ידעתי אשמע״, ווייל בשעת ער האט געזאגט צו איהם: „בחלומי הנני עומד על שפת היאור״, האט איהם יוסף ערקלערט, אז דער „שפת״ איז נישט ריכטיג, דעם „שפת״ האט ער אין חלום נישט געזעהען...

(מרגניתא דר׳ מאיר)

ויגלח ויחלף שמלותיו... (מא. יב.)

„וספר ושני כסותיה״ (תרגום אונקלוס)

אומעטום אין גאנץ תורה, וואו־נור עס ווערט דערמאהנט דאס ווארט גלות, זאגט אויך דער תרגום: „ויגלח״, אדער „יגלחיניה״ וכדומה, טא פאר־וואס דא אויפ׳ן ווארט „יגלח״, מאכט דער ת־רגום — „וספר״?

האט געזאגט דערויף רבי יאשע דינאבורגער:

אויפ׳ן פסוק „וקדקד נזיר אחיו״ ווערט געזאגט אין מדרש־רבה: „רבי לוי אמר נזיר ממש היה״, עהנליך אויך אין דער גמרא: „מיום שפירש יוסף מאחיו לא טעם טעם יין״ (שבת קל״ט), און אויב אזוי איז דאך קשה: ווי אזוי האט ער, אלס נזיר, זיך געמעגט לאזען אבגאלען די האר? (און אזוי פרעגט טאקי דארט, אין שבת, דער מהרש״א) און דעריבער פער־טייטשט דא דער תרגום: „וספר״, אז ער האט זיך נישט געגאלט, נאר געשוירען, און א נזיר איז נור אסור בתער, אדער „כעין תער״...

ויאמר אל החרטומים ואין מגיד לי... (מא. כד.)

קיין ריזאנוי איז אמאל געקומען א מגיד און געהאלטען אין שוהל א דרשה, צו וועלכען ער האט אויך פערבעטען דעם ארטיגען רב. נאך דער דרשה איז ער צוגעגאנגען צום רב און געפרעגט, ווי אזוי די דרשה

איז איהם געפעלען געווארען, מאכט צו איהם דער רב: דריי מאל, ווערט אנגעוויזען אין דער מסורה, געפינט זיך דאס ווארט „מגיד" אין תנ"ך: „מגיד דבריו ליעקב חוקיו ומשפטיו לישראל", „מגיד מראשית אחרית" און „ואין מגיד". דאס איז אנטקעגען די דרייערליי מגידים. דער ערשטער און בעסטער מגיד איז דער, וועלכער איז א „מגיד דבריו ליעקב חוקיו ומשפטיו לישראל", וועלכער איז מהגה דעם עולם מיט גוטע ווערטער און ער ערקלערט פאר איהם דעם זין פון די חוקים ומשפטים אין דער תורה. פאר־האן ווידער א צווייטער, שוין מעהר מאדערנער מגיד, וועלכער איז א „מגיד מראשית אחרית", וועלכער דערצעהלט פאר'ן עולם אינטערעסאנטע מאמענ־טען פון דער אידישער געשיכטע און רעדט וועגען דער אידישער צוקונפט. דאס איז אויך א מגיד. פארהאן אבער, ליידער, נאך א דריטער סארט מגיד, וועלכער איז א „ואין מגיד", וועלכער זאגט גארנישט און רעדט סתם שטותים און דאך האלט ער זיך פאר א מגיד און פערבעט די רבנים צו זיינע דרשות...

יעשה פרעה ויפקד פקידים... (מא. לד)

אין רוסלאנד האט א מאל, אין א יאהר פון אונגערעטעניש, גע־הערשט א שרעקליכע נויט צווישען דער אלגעמיינער, וממילא אויך צווישען דער אידישער בעפעלקערונג. אין אלע שטעדט און שטעדלעך זענען געגרינדעט געווארען גצוזלשאפטליכע הילפס־קאמיטעטען, וועלכע האבען אבער, ווי דער שטייגער איז, א גאנץ קנאפע פעולה געהאט, און וואס מעהר קאמיטעטען — אלץ מעהר האבען די ארימע לייט געהונגערט...

האט רבי יאשע בער בריסקער דאן געזאגט, אז דערמיט ווערט איהם פערשטענדליך די זיכערקייט, מיט וועלכען יוסף האט פאראויסגעזאגט פרעה'ן אז „וקמו שבע שני רעב". אין פלוג: פונוואנען האט זיך צו איהם גענו־מען אזא זיכערקייט? עס קען דאך אמאל פאסירען, אז השי"ת זאל זיך ביני לביני מרחם זיין און מבטל זיין די גזירה און נישט ברענגען קיין הונגער אויפ'ן לאנד? נאר, ווי עס ווייזט אויס, איז צוליעב דעם טאקי, כדי ער זאל נישט אמאל בלייבען קיין ליגנער, דהאט ער זיך בעווארענט און געגעבען פרעה'ן די עצה: „יעשה פרעה ויפקד פקידים על הארץ", אז ער זאל גלייך צוטרעטען צו גרינדען קאמיטעטען און אוועקזעצען אנ'ארמעע מיט בעאמטע, וועלכע זאלען זיך בעשעפטיגען מיט'ן צונויפזאמלען תבואה, מיט'ן לינדערען די נויט, און קוים וועלען עקזיסטירען אזעלכע קאמיטעטען מיט בעאמטע — וועט שוין דאן זיכער זיין א הונגער...

ויתן לו את אסנת בת פוטיפרע כהן און לאשה...

(מא, מה.)

רבי יעקב, דער ליסער רב, דער בעל „נתיבות המשפט", איז געווען אַ שטאַרקער געגנער פון רבי לייב, דער בעל „קצורת החושן", וועגען וועלכען ער פלעגט זיך אָפט זעהר שאַרף אויסדרוקען.

איינמאָל, בשעת רבי לייב איז געוואָרען ל״ע אַנ'אַלמן, האָט ער געשיקט נאָך אַ שדכן און איהם פאָרגעלעגט, ער זאָל פאָהרען צום ליסער רב און רעדען מיט איהם, ער זאָל איהם נעהמען אַלס איידעם פאַר זיין טאָכטער. היתכן? — תּאונדערט זיך דער שדכן — ער איז דאָך אייער גרעסטער שונא. ווילט איהר זיך גאָר מיט איהם משדך זיין?

ענטפערט איהם רבי לייב:

— די תורה דערצעהלט אונז, אַז בשעת פרעה האָט געזוכט אַ שידוך פאַר יוסף'ן, האָט ער פאַר איהם אויסגעזוכט אסנת'ן די טאָכטער פון פוטיפרע, איז דאָך אין פלוג קשה: פוטיפרע איז דאָך געווען יוסף'ס שונא, צוליעב איהם איז יוסף איינגעזעצט געוואָרען אין תפיסה, טאָ ווי פאַלט פרעה אויס צו וועלען איהם דוקא מיט איהם משדך זיין? נאָר געטהון האָט ער עס, ווי עס ווייזט אויס, טאַקי דערפאַר, ווייל פוטיפרע איז זיין איינציגער געגנער געווען, דער איינציגער, וועלכער האָט איהם געקענט מבזה זיין און דערצעהלען פאַר אַלעמען, אַז דער דאָזיגער משנה-למלך איז ביי איהם אין שטוב אַנ'עבד געווען, און דעריבער האָט זיך פרעה בעמיהט און דורכגעפיהרט, אַז יוסף זאָל ווערען פוטיפרע'ס איידעם, מחמת קוים ווערט ער ווערען זיין איידעם, וועט ער איהם שוין נישט קענען מעהר מבזה זיין...

וירא יעקב כי יש שבר במצרים ויאמר יעקב לבניו למה תתראו...

(מב. א.)

אויב ס'איז „יש שבר במצרים", אויב די מצריים זענען זאַט און האָבען פרנסה, דאַן — „למה תתראו", האָט איהר נישט וואָס מורא צו האָבען, דאַרפט איהר נישט לעבען אין פחד... שלעכט און געפעהרליך איז נאָר דאַמאָלס, ווען ביי די מצריים הויבט אָן אויספעהלען שבר, ווען עס פיהלט זיך ביי זיי אַנ'עקאָנאָמישער קריזיס, דאַן לאָזט מען אויס קודם-כל דעם כעס צו אידען און צום אידישען סטראַגאַן, דאַן נעהמט מען ביי זיי אַרויסרייסען דעם ביסען ברויט פון מויל...

און אזוי זאגט אויך דוד המלך: „נתתה שמחה בלבי מעת דגנם ותירושם רבו", מיין הארץ פרעהט זיך, בעת כ'זעה, אז די גוים זענען זאט, אז זיי האבען א שפע פון תבואה און וויין, דאן איז — „בשלום יחדו אשכבה ואישן" (תהלים ד. ה.), קאן איך רוהיג שלאפען. קוים אבער איז עשו הונגעריג, דאן ציטערט אויף מיר די הויט...

(רבי יונתן אייבעשיץ)

כלנו בני איש אחד נחנו.. (מב. יא.)

אויך דאס איז איינע פון די ארגומענטען, מיט וועלכע זיי האבען געוואלט איבערצייגען יוסף'ן, אז זייער בעשולדיגונג האט קיין גרונד נישט. און אז זיי זענען נישט קיין מרגלים, „כלנו בני איש אחד נחנו", מיר זענען אלע קינדער פון איין טאטען און עס איז דעריבער אנ'אומזין חושד צו זיין, אז א טאטע זאל שטעלען אין געפאהר און ריזיקירען דאס לעבען פון אלע זיינע צעהן קינדער, וועלכע ער זאל אוועקשיקען אין א פרעמד לאנד אלס שפיאנען...

(רלב"ג)

ערות הארץ באתם לראות... (מב. יב.)

וואס עפעס „ערות הארץ"?

נאר אין מדרש רבה ווערט געזאגט: „הלכו ומצאו אותם בשוק של זונות. אמרו אחינו יוסף יפה תואר ויפה מראה שמא בקובה הוא". יוסף האט זיי, אלזא, פארגעווארפען, אז אלס מרגלים זענען זיי בכיוון געגאנגען אין די דאזיגע אויסגעלאסענע, מיאוסע ערטער, וואו פערשידענע מלוכה-לייט קומען זיך ווילען און שכור'ן און עס איז דאן לייכט ארויסצוקריגען ביי זיי פערשידענע מלוכה-סודות. און דאס איז דער פשט: „כי ערות הארץ באתם לראות"...

(רשב"א)

קחו מזמרת הארץ בכליכם... (מג. יא.)

בשעת יעקב אבינו — האט געזאגט רבי נחמן בראצלאווער — האט

געשיקט זיינע קינדער קיין מצרים, האט ער זיי מיטגעשיקט דעם זמר, דעם ניגון פון ארץ־ישראל, און דאס איז דער סוד: „קחו מזמרת הארץ בכליכם“...

דער אלטער מאדזשיצער רבי, רבי ישראל, איז אמאל געפאהרען זומער שפאצירען אין וואלד, פלוצים הערט ער פונדערווייטענס, ווי א פאס־טוך שפיעלט אויף א פייפעל און זינגט, האט ער געהייסען אבשטעלען די קארעטע און זיך א לאנגע צייט איינגעהערט אינ׳ם געזאנג.

— יעדער ניגון — האט ער געזאגט נאכהער צו זיינע מקורבים — איז א ווידוי און בשעת א מענש, אלץ איינס א איד, צי נישט קיין איד, איז זיך מתוודה, דארף מען איהם אויסהערען...

והורידו לאיש מנחה מעט צרי וכו׳... (מג. יא.)

פון דאמאלס אן, א פנים, נעהמט זיך עס — פלעגט זאגען הרב עקיבא ראבינאוויטש, דער פאלטאווער רב — וואס א גוי גיט מען מיט דער פולער האנד, דאגעגען א אידען איז מען יוצא מיט שהי־פהי. צווי מאל געפינען מיר אין דער תורה, האט יעקב, בשעת ער האט געלעבט אין פחד, געשיקט מתנות, איינמאל צו עשו׳ן און דאס צווייטע מאל צו יוסף׳ן. צו עשו׳ן, וועגען וועלכען ער האט געוואוסט זיכער, אז ער איז א גוי, האט ער ארייגעשיקט א ריזיגען טראנספארט: „עזים מאתים ותישים עשרים רחלים מאתים וכו׳ וכו׳“, דאגעגען צו יוספ׳ן, צום מושל פון מצרים, וועגען וועלכען ער האט נישט געוואוסט אויף זיכער, אבער א פנים, אז דאס הארץ האט איהם געזאגט, אז ער איז א איד, האט ער יוצא געווען מיט „מעט צרי ומעט דבש, נכאת ולוט, בטנים ושקדים“, אביסעל האניג, אביסעל מאנדלען. מיט א איד דארף מען קיין גרויס וועזען נישט מאכען...

כי לא יוכלון המצרים לאכול את העברים לחם... (מג.לב.)

עס בעקומט נישט דעם מצרי דאס ברויט און ער האט קיין הנאה

נישט פון זיין לעבען, בעת ער לעהט, אז אויז דער איד האָט ברויט, אז אויך דער איד האָט צו עסען...

(רעיונות וחומר לדרוש)

ויאמר גם עתה כדבריכם כן הוא. אשר ימצא אתו יהיה לי עבד... (מד. י.)

דאָס איז דאָך נישט פדבריהם, דען זיי האָבען דאָך געזאָגט: „וגם אנחנו נהיה לאדוני לעבדים״?

נאָר דער פשט פון פסוק איז אַזוי: „גם עתה״, איצט, כל-זמן מען האָט דעם בעכער נישט געפינען, און מען ווייסט נישט, ווער דער גנב איז, „כדבריכם כן הוא״, וועט טאַקי זיין ווי איהר זאָגט, וועט איהר זיין אַרעס-טירט און אַלע וועט איהר זיין מיינע עבדים. אָבער „בעת אשר ימצא אתו״, ווען דער גנב וועט זיך אָבזוכען און מען וועט ביי איינעם פון אייך געפינען דעם בעכער, „יהיה לי עבד ואתם תהיו נקים״, דאן וועט נור ער איינער בלויז בלייבען אַלס עבד און איהר אַלע וועט זיין פריי...

(רבי זאב אויערבאך)

ויגש

היש לכם אב או אח...(מד. יט.)

„למה היה לך לשאול כל אלה, בתך היינו מבקשים או אחותינו אתה מבקש"? (רש"י)

פאַרוואָס זאָגט נישט רש"י בייביידע גלייך: „בתך היינו מבקשים או בנותינו אתה מבקש", אָדער: „אחותך היינו מבקשים או אחותנו אתה מבקש"? צווייטענס, פונוואַנען איז עס יהודה אַזוי זיכער געווען, אַז נישט, אפשר האָט ער זיך טאַקי יאָ געוואָלט מיט זיי משדך זיין?

נאָר די ברידער, פערבערענגענדיג ביי יוסף'ן אין שטוב, האָבען זיי געזעהען, אַז ער האָט נישט מעהר ווי צוויי זיהן, אפרים ומנשה, קיין טעכטער האָט ער נישט. ווידער האָבען זיי געזעהען, אַז עס איז שוין יוסף'ן בעקאַנט די געשיכטע, וואָס עס האָט פּאַסירט מיט זייער שוועסטער דינה אין שכם, ווי עס ווערט דערצעהלט אין מדרש, אַז יוסף האָט זיי געזאָגט, דאָס זיין בעכער ווייזט איהם, אַז צוויי פון זיי האָבען חרוב געמאַכט שכם.

און דאָס האָט יהודה איצט גע'טענה'ט צו יוסף'ן: „בתך היינו מבקשים, או אחותנו אתה מבקש"? נישט דו ביזט אויסען געווען, אַז מיר זאָלען זיך משדך זיין מיט דיין טאָכטער, דען דו האָסט דאָך קיין טאָכטער נישט, נישט דו האָסט געמיינט זיך משדך צו זיין מיט אונזער שוועסטער, דינה, מחמת נאָך דער געשיכטע, וואָס עס האָט מיט איהר פּאַסירט אין שכם, שטעהט דיר געוויס דער שידוך נישט אָן...

(בית משה)

בהתודע יוסף אל אחיו... (מה. א.)

פראָפ. דניאל כוואָלסאָן פלעגט אין זיינע בריעף צו די רבנים, מיט וועלכע ער פלעגט פיהרען אַנ'אָפּטע קאָרעספּאָנדענץ, זיך אונטערשרייבען

מיט'ן נאָמען, וואָס ער האָט געטראָגען איידער ער האָט זיך געשמד'ט: יוסף. בשעת ער האָט געפייערט זיין יובילעאום האָבען איהם פיעל אידישע קהלות, ווי אויך רבנים, צוגעשיקט בעגריסונגען, אַלס אנערקענונג פאַר זיינע אַפטע שתדלנות'ן לטובת אידען. אויך די אידישע קהלה אין בריסק האָט איהם געוואָלט שיקען אַ בעגריסונג, אָבער רבי חיים בריסקער האָט דערצו נישט דערלאָזט, ערקלערענדיג, אַז מיט אַ משומד דאַרף מען קיין שום עסקים נישט האָבען. כוואַלסאָן האָט זיך דערוואוסט וועגען דעם און ער האָט דאַן אוועקגעשיקט צו רבי חיים'ן אַ בריעף, וועלכער האָט ענטהאַלטען בלויז דעם איינעם פסוק: „ויכר יוסף את אחיו והם לא הכירוהו"... אַנ'אַנדייטונג דע־רויף, אַז ער בעקענט זיך צו זיינע ברודער און טהוט פאַר זיי טובות און זיי פון איהם דערווייטערען זיך...

דערויף האָט איהם רבי חיים קורץ אָבגעענטפערט:

דאָרט האָבען די ברידער פערקויפט יוסף'ן, דאָ אָבער האָט יוסף פערקויפט און פערראַטען זיינע ברידער...

ויאמר יוסף אל אחיו אני יוסף העוד אבי חי... (מה. ג.)

ער האָט דאָך זיי שוין געהאַט געפרעגט, צי דער פאָטער לעבט, סיי בעת זיי זענען געקומען דאָס ערשטע מאָל: „ויאמרו שאול שאל האיש לנו ולמולדתנו לאמר העוד אביכם חי" (מקץ מג. ז.), סיי ביים צווייטען מאָל: „ויאמר השלום אביכם הזקן אשר אמרתם העודנו חי" (מקץ מג. כז.), טאָ נאָכוואָס האָט ער זיי איצט ווידער געשטעלט די זעלבע שאלה?

נאָר אויך דאָס איז געווען איינע פון די סימנים, מיט וועלכע ער האָט זיי געוואָלט איבערצייגען, אַז ער איז עס זייער פערלוירענער ברודער, יוסף, און דער פשט איז: „ויאמר יוסף אל אחיו אני יוסף", אַ סימן האָט איהר פון דער שאלה, וואָס איך האָב אייך באַלד אין תחילת געשטעלט: „העוד אבי חי", פרעגענדיג בלויז אויפ'ן פאָטער און נישט אויף דער מו־טער, וועלכע לעבט שוין לאַנג נישט, און ווען איך וואָלט נישט געווען יוסף — פונוואַנען האָב איך עס געוואוסט און פאַרוואָס האָב איך אויך וועגען איהר נישט געפרעגט?...

(אמרי יהודה)

ויאמר יוסף אל אחיו גשו נא אלי... (מה. ד.)

צוליעב וואָס האָט ער זיי גראָד איצט, אין מיטען געשפּרעך, צונױ־רופען נעהנטער צו זיך?

נאָר פון די פריהערדיגע פסוקים, וואו עס ווערט דערצעהלט, אַז יוסף האָט זיך זיי געגעבען צו דערקענען, ווייזט אויס, אַז די מצריים זע־נען געשטאַנען הינטער דער טהיר און זיך צו אַלעם צוגעהערט, ווי עס ווערט געזאָגט: „וישמעו מצרים וישמע בית פרעה", און דעריבער, בעת ער האָט זיי איצט געוואָלט אויסזאָגען דעם סוד פון „אני יוסף אחיכם אשר מכרתם אותי מצרימה", האָט ער זיי צוגערופען נעהנטער, בכדי די מצרים זאָלען נישט דערהערען, אַז דאָס האָבען זיי זייער אייגענעם ברודער פער־קויפט פאַר אַן'עבד...

(אור תורה)

כי פי המדבר אליכם... (מה. יב.)

„בלשון הקודש" (רש"י)

וואָס אַ ראיה איז עס דערפון, וואָס ער רעדט לשון־קודש, אַז ער איז זייער ברודער? אויך דער מליץ צווישען זיי האָט דאָך גערעדט לשון־קודש?

האָט געזאָגט דערויף רבי חיים צאַנזער:

אייגענטליך איז דאָר שווער צו פערשטעהן. פאַרוואָס האָבען די ברו־דער די גאַנצע צייט נישט דערקענט יוסף'ן? אמת, טאַקי, אויסערליך האָט ער זיך במשך פון דער צייט געענדערט, ער איז אוועק אָהן אַ חתימת־זקן, און געטראָפען האָבען זיי איהם מיט אַ חתימת־זקן, זיי האָבען דאָך איהם אָבער געדאַרפט דערקענען אין קול. „טביעות עינא דקלא" (חולין צ"ו) איז דאָך אַ סימן־מובהק אויף צו דערקענען אַ מענשען? — נאָר דער תירוץ איז: דעריבער האָבען זיי איהם נישט דערקענט אין קול, ווייל אין דער היים האָט ער גערעדט לשון־קודש און דאָ — מצרית, און קוים הויבט מען אָן ריידען אויף אַ פרעמדע שפּראַך קאָן מען דאַן אפילו אַנ'אייגענעם ברודער נישט דערקענען, ווייל איטליכע שפּראַך ווערט גערעדט מיט אַ בעזונדע־רען אַקצענט און בעזונדערען קלאַנג, וואָס טראָגט אריין אַ געוויסע ענדע־רונג אין דער שטימע, איצט אָבער, „כי פי המדבר אליכם — בלשון הקודש", ווען ער האָט צוריק אנגעהויבען ריידען אין זיין פריהערדיגע, אַלטע שפּראַך, האָבען זיי איהם שוין געקענט לייכט דערקענען אין קול...

ועיניכם אל תחוס על כליכם.. (מה. כ.)

פון דער היים נאך האט יוסף געוואוסט, אז זיין פאטער יעקב איז שטארק מדקדק אויף דער מינדסטער קלייניגקייט פון דער הויז-ווירטשאפט, ווי עס ווערט געזאגט אויפ'ן פסוק: „ויותר יעקב לבדו", אז „שכח פחים קטנים וחזר עליהם" (חולין צ"א), און דעריבער האט ער איצט געהאלטען פאר נויטיג אנצוזאגען: „ועיניכם אל תחוס על כליכם", אז זיי זאלען נישט חס האבען אויף דעם מעגליכען פערלוסט פון א ביסעל כלים..

(בעלי התוספות)

לכלם נתן לאיש חליפות שמלות... (מה. כב.)

פארוואס האט ער זיי עפעס געשאנקען נייע קליידער?

דען פריהער, אין סוף פ' מקץ, ווערט דערצעהלט: „ויקרעו שמלותם ויעמוס איש על חמורו" (מד. יג.), אז מיט זיין בלבול וואס ער האט געמאכט אויף זיי האט ער גורם געווען, זיי זאלען אויף זיך די קליידער צורייסען, האט ער זיי דעריבער איצט אלס פיוס געגעבען א מתנה נייע קליידער..

(פרחי אהרן)

ולבנימין נתן שלש מאות כסף.. (מה. כב.)

צוליעב דעם — האט געזאגט דערויף רבי מאיר יחיאל, דער רבין פון אסטראווצע — האט יוסף געגעבען בנימינען שלש מאות כסף, דען אויפ'ן פסוק „וישב ראובן אל הבור" זאגען די חז"ל (ווערט אויך געבראכט אי רש"י אויפ'ן ארט): „ובמכירתו לא היה שם שהגיע יומו לילך לשמש את אביו", יעדער, הייסט עס, פון די צוועלף זיהן, האט געהאט לויט דער רייהע א בעשטימטען טאג, אין וועלכען ער האט געדארפט בעדינען דעם פאטער. אראבערעכענדיג די שבתים וימים טובים, ווען זיי האבען זיך אלע געפינען צוזאמען אין פאטערס הויז און עס איז דאן נישט נויטיג געווען קיין ספעציעלער דיזשור, זענען במשך פון יאהר געווען אזעלכע דריי הונדערט דיענסט-טעג, פון וועלכע עס זענען אויסגעפאלען אויף יעדען פינף און צוואנציג טעג. יוסף איז געווען אין מצרים, ביז יעקב איז געקומען אהין, צוויי און צוואנציג יאהר. במשך פון דער צייט וואלט ער לויט'ן חשבון געדארפט בעדיענען דעם פאטער פינף הונדערט און פופציג טעג,

וועלכע זענען דאַן פערטיילט געוואָרען צווישען די איבעריגע עלף ברודער און אויף יעדען פון זיי איז אויסגעקומען נאָך פופציג טעג. איז בנוגע די צעהן ברודער, וועלכע האָבען זיך בעטייליגט אין מכירת־יוסף, האָט ער זיי נאַטירליך נישט געדאַרפט בעצאָהלען פאַר די טעג, וואָס זיי האָבען געאַרבעט פאַר זיינעטוועגען, מחמת דאָס איז דאָך געשעהען צוליעב זייער שולד און זיי זענען דעריבער מחויב געווען צו פערטרעטען איהם, דאַגעגען בנימינ'ען האָט ער פאַר די דאָזיגע אַרבייטס־טעג יאָ געדאַרפט בעצאָהלען, דען ער איז דאָך נישט שולדיג געווען, ער האָט זיך דאָך אינ'ם אַקט פון מכירת־יוסף נישט בעטייליגט. עפ"י דין איז דער סתם שכר פון אַ שכיר־יום, אויב מען בעדינגט זיך נישט פריהער מיט איהם, אַ דינר כסף, און אַ דינר איז שש מעה כסף, נמצא, אַז פאַר די פופציג אַרבייט'ס־טעג איז איהם געקומען דריי הונדערט מעה כסף און דעריבער — „ולבנימין נתן שלש מאות כסף"...

עשרה חמורים נושאים מטוב מצרים.. (מה. כג.)

„מטוב מצרים — ששלח לו יין ישן" (רש"י)

דער ליובאַוויטשער רבי (רבי דוב בער) האָט אמאָל בעמערקט, ביים פראַווען דעם שבת'דיגען טיש, ווי דער משמש פיהרט בקול־רם אַ שמועס מיט די נגיד'ישע חסידים וועגען דעם וויין, וואָס זיי ווילען שטעלען צום טיש, וועלכען וויין ער זאָל פאַר זיי ברענגען און וויפיעל. מאַכט ער צו זיי:

אויפ'ן פסוק „נושאים מטוב מצרים" זאָגען די חז"ל: „ששלח לו יין ישן", פאַרוואָס ווערט עס אין פסוק נישט דערמאָהנט בפירוש, נאָר בדרך־רמז? נאָר די גמרא זאָגט: „כשם שהדיבור רע ליין, כך הדבור יפה לבשמים" (כריתות ו'). וויין ברענגט מען, וויין טרינקט מען, אָבער — וועגען וויין רעדט מען נישט...

אַל תרגזו בדרך.. (מה. כד.)

„אל תפסיעו פסיעה גסה" (תענית י')

פרעגט דאָרט דער מהרש"א: פאַרוואָס האָט זיי יעקב דאָס זעלבע נישט געוואָרענט?

ענטפערט דערויף דער מלבי"ם (אין „ארץ חמדה") בדרך צחות:

די גמרא זאָגט (ברכות מ״ג): „פסיעה גסה נוטלת אחת מחמש מאות ממאור עיניו של אדם, מאי תקנתיה? להדריה בקדושי דבי שמשי״, אַז דער יין של קידוש איז אַ סגולה צו פערשטאַרקען צוריק די ראיה, און ווידער זאָגען די חז״ל, אַז „מיום שפירש יוסף מאחיו לא טעם טעם יין וכו׳ אף הן לא טעמו טעם יין״ (שבת קל״ט).

אויפ׳ן וועג, אַלזא, אַהין קיין מצרים, האט זיי יעקב נישט געדאַרפט וואַרענען, אַז זיי זאָלען נישט געהן קיין פסיעה גסה, מחמת ער איז געווען זיכער, אַז זיי וועלען עס אַליין נישט טהון צוליעב דעם, וואס זיי טרינקען נישט קיין וויין און זיי האבען דעריבער נישט קיין מעגליכקייט צו בענוצען זיך מיט יין-קידוש אַלס סגולה געגען דעם... איצט אבער, ווען זיי האבען זיך ביי יוסף׳ן מתיר געמאַכט און צוריק אנגעהויבען טרינקען וויין ווי עס ווערט געזאגט אין פסוק: „וישתו וישכרו עמו״, האט מען געקענט פון זיי ערוואַרטען, אַז זיי וועלען מעהר נישט נזהר זיין בפסיעות גסות, מיט דער האָפנונג, אַז זיי וועלען עס מתקן זיין מיט׳ן יין-קידוש, און דעריבער האָט ער געהאַלטען פאַר נויטיג זיי אָנצוזאגען: „אל תפסיעו פסיעה גסה״...

ואנכי אעלך גם עלה... (מו. ד.)

אַ איד, בשעת ער ווערט נתעלה, דאַרף ער די עליה נישט אויסנוצען בלויז פאַר זיך, נאר אויך אין זינען האבען זיינע ברידער, אויך זיי מעלה צו זיין.

„ואנכי אעלך — בכדי — גם עלה״, דו זאלסט דאָן אויך אַ צווייטען מעלה-זיין...

(קדושת לוי)

עס זענען פאַראַן — האט אַמאל געזאגט דער רבי ר׳ בונם — פערשידענע צדיקים און פערשידען איז דער אופן און דרך, ווי אַזוי זיי שטייגען אין זייערע מדרגות, און ער האט עס ערקלערט עפ״י משל:

עס האט זיך אַמאל אַ מלך בעזעצט אויף אַ זעהר הויכען טורם און שווער זענען געווען די געדרעהטע און פערפלאנטערטע שווינדעל-טרעפ, וואס האבען געפיהרט צום טורם, און שווער איז געווען אנצוקומען צום מלך, האָט איינער, וועלכער האָט געבענקט צו זיין נאָהנט צום מלך, געפרובט שטייגען אויף די טרעפ, אָבער ער האָט געבלאָנדזשעט און איז

געקומען צוריק צום זעלבען ארט פונוואנען ער האט אנגעהויבען, האט ער געפרובט א צווייט מאל און ווידער געבלאנדזשעט און פון גרויס פערצווייפלונג האט ער גענומען שטארק וויינען, ביז דער מלך האט דערהערט זיין געוויין און איהם ארויפגענומען צו זיך.

א צווייטער האט אויך, ווי דער ערשטער, אנגעהויבען צו שטייגען, געשטיגען און געבלאנדזשעט, געבלאנדזשעט און געשטיגען, אבער יעדען שטח, וואס ער האט בטעות דורכגעמאכט, האט ער בעצייכענט מיט סימנים, אז ער איז שוין דא געוועזן און זיך איבערצייגט, אז נישט דאס איז דער וועג, וואס פיהרט צום ציעל, און אזוי לאנג האט ער געפרובט און געזוכט, ביז ער האט סוף כל סוף געפונען, ביז ער האט זיך דערשלאגען צום ריכטיגען וועג און איז ענדליך אנגעקומען צום מלך.

ביידע — האט דער רבי ר' בונם אויסגעפיהרט — סיי דער ערשטער, סיי דער צווייטער, זענען הויך געשטיגען, דער חלוק צווישען זיי איז אבער דאס, וואס דער צווייטער, דער פקח, האט אין זיין שטייגען נישט בלויז זיך אין זינען געהאט און ער האט געמאכט א וועג אויך פאר אנדערע...

ויקחו את מקניהם ואת רכושם אשר רכשו בארץ כנען ויבואו מצרימה... (מו. ו.)

א מערכה, וואס זיי האבען מיטגעבראכט מיט זיך אזא פערמעגען, איז פרעה געוועזן צו זיי אזוי גאסטפריינדליך און אויסגערופען: „במיטב הארץ הושב את אביך ואת אחיך!" ווען נישט דאס, וואלט ער זיי זיכער נישט געוועזן ארייגעלאזט...

(מלבי"ם)

ויפול על צואריו... (מו. כט.)

..אבל יעקב לא נפל על צוארי יוסף וכו' שהיה קורא את שמע

(רש"י)

ווערט געפרעגט: ממה-נפשך, איז דאן געוועזן דער זמן קריאת-שמע האט דאך אויך יוסף געדארפט לייענען און נישט מפסיק זיין, איז ווידער נישט געוועזן דער זמן, האט דאך יעקב אויך נישט געדארפט לייענען?

באר — האט געזאגט דערויף דער טשארטקאווער רבי, רבי דוד

משה—די חז״ל זאגען: „לעולם ירגיז אדם יצר טוב על יצר הרע, אם נצחו— מוטב, ואם לאו יעסוק בתורה, אם נצחו—מוטב, ואם לאו יקרא קריאת-שמע, אם נצחו מוטב, ואם לאו—יזכיר לו יום המיתה״ (ברכות ה׳). ביים אַריינקומען קיין מצרים, איג׳בם מקום הטומאה, וואו עס איז שטאַרק די שליטה פון יצר-הרע, האט דעריבער יעקב אבינו זיך געוואלט בעווארענען מיט אַלע דריי מיטלען, וואס די חז״ל רעכענען אויס. אַנטקעגען דעם „יעסוק בתורה״ איז — „ואת יהודה שלח וכו׳ להורות לפניו״ און דערויף זאגט רש״י: „להורות לפניו לתקן לו בית תלמוד שמשם תצא הוראה״; אַנטקעגען דעם „יקרא קריאת שמע״ איז — „ויבך על צואריו, שהיה קורא שמע״; און אַנטקעגען דעם „יזכיר לו יום המיתה״ איז — „ויאמר ישראל אל יוסף אמותה הפעם״...

אמותה הַפָּעַם... (מו. ל.)

איצט — האט זיך יעקב אבינו געטרייסט — האבענדיג מנוחה און ווערענדיג פערזארגט מיט פרנסה, וועל איך נור איינמאל שטאַרבען, ווערהענד ביז איצט, לעבענדיג אַ חיי צער, האט ער יעדען טאג געפיהלט דעם טעם מיתה...

(כלי יקר)

ויכלכל יוסף את אביו וכו׳ לחם לפי הטף... (מז. יב.)

הגם, דערצעהלט אונז דערמיט די תורה, יוסף איז געווען אַ מושל בכל ארץ מצרים און ער איז אימשטאַנד געווען צו פערזארגען דעם פאַטערס הויז מיט כל טוב, דאָך האָט ער זיך צוגעפאַסט צו דער צייט, צו די שווערע עקאָנאָמישע בעדינגונגען אין לאַנד און ער האָט אויך זיי, זיינע סאַמע נאָהענסטע קרובים, צוגעטיילט דעם ביסען ברויט, „לחם לפי הטף״, דען — „בזמן שהצבור שרוי בצער אל יאמר אדם אלך לביתי ואוכל ואשתה ושלום עליך נפשי״ (תענית י״א)...

(ספורנו)

וישם אותה יוסף לחוק וכו׳ על אדמת מצרים... (מז. כו.)

נישט די מענשען, האָט יוסף איינעפיהרט א געזעץ, זאָל מען בע־שטייערען, נישט רעכענדיג זיך דערביי, צו זיי האָבען, אָדער זיי האָבען נישט פונוואַנען צו צאָהלען, נאָר — די ערד. אויב די ערד ברענגט דעם איינענטימער געגוג הכנסה, „לזרע השדה ולאכלכם ולאשר בבתיכם ולאכול לטפכם", זאָל געגומען ווערען פון איהר שטייערען פאַר דער מלוכה, און אויב נישט — נישט...

(באר יצחק)

וַיְחִי

ויחי יעקב בארץ מצרים... (מז. כח.)

די התחלה פון דער דאזיגער פרשה וואלט זיך אייגענטליך געדארפט אנהויבען פונ׳ם לעצטען פסוק אין דער פריהערדיגער סדרה: „וישב ישראל בארץ מצרים בארץ גושן״, דען דערויף בעציהט זיך דאך אלס המשך דער „ויחי יעקב בארץ מצרים״. נאר, ווי עס ווייזט אויס, האבען די קהלות נישט געוואלט פערענדיגען די פריהערדיגע סדרה מיט דער פרשה „ותהי הארץ לפרעה וכו׳״, וועלענדיג זי מסיים זיין מיט א בעסערען אויסלאז, מיט – „וישב ישראל בארץ מצרים בארץ גושן ויאחזו בה ויפרו מאד״...

(רשב״ם)

ויחי יעקב וכו׳... (מז. כח.)

„למה פרשה זו סתומה וכו׳ שבקש לגלות את הקץ לבניו ונסתם ממנו״ (רש״י)

רבי מענדעלי קאצקער האט אמאל, רעדענדיג וועגען משיח׳ן, געזאגט:

די גאונים האבען געוואלט ברענגען משיח׳ן און עס האט זיך זיי נישט איינגעגעבען. שפעטער האבען דאס געפרובט טהון די בעלי-התוספות און עס איז זיי נישט געלונגען. דערנאך האבען די צדיקים און גוטע-אידען זיך איינגעשפארט ארויסצוברענגען משיח׳ן ולא עלתה בידם, און איך זאג, אז דאס, וואס די חז״ל זאגען: „אין בן דוד בא אלא בהיסח הדעת״, ווערט טאקי געמיינט פשוטו כמשמעו, אז משיח וועט קומען נאר אין אזא צייט, ווען אידען וועלען זיין אזוי פעריאגט און פערזארגט מיט דאגות-פרנסה, אז זיי וועלען אפילו קיין צייט נישט האבען צו טראכטען וועגען משיח׳ן...

מען האָט אַמאָל געפרעגט דעם חידושי הרי"ם: די חז"ל זאָגען, אז „אין בן דוד בא עד שיתיאשו מן הגאולה" (סנהדרין צ"ז), מיר זענען זיך דאָך אָבער נישט מייאש, מיר זאָגען דאָך יעדען טאָג: „אני מאמין באמונה שלמה בביאת המשיח וכו' עם כל זה אחכה לו בכל יום שיבוא". טאָ ווי אַזוי קאָן משיח קומען?

דערויף האָט דער חידושי הרי"ם געענטפערט: אויב מיר האַלטען אין דער סברא, אַז דערפאַר קאָן משיח נישט קומען, ווייל מיר געדענקען אָן איהם, טאָ ברויך מען דאָך שוין קיין גרעסערען יאוש, ווי דאָס אַליין איז...

אויפ'ן פסוק „ולקחתי אתכם אחד מעיר ושנים ממשפחה והבאתי אתכם ציון" (ירמי' ג' יד.) זאָגט דער ווילנער גאון, אַז די כונה איז, דאָס די גאולה העתידה וועט ענטשטעהן דורך איינעם, וועלכער וועט גערופען ווערען אויפ'ן נאָמען פון זיין שטאָדט, און צוויי, וואָס וועלען טראָגען דעם נאָמען פון זייער משפחה; „אחד מעיר" דאָס איז אליהו, וועלכער ווערט גערופען „אליהו התשבי", „אליהו הגלעדי", און אַזוי ווערט אויך געזאָגט אין פסוק: „ויאמר אליהו התשבי מיושבי גלעד" (מלכים א', יז.), דאַגעגען געפינען מיר נישט אין ערגיץ דעם נאָמען פון זיין משפחה אַזוי ווייט, אַז עס איז פאַרהאַן זאָגאַר אַ חלוקי-דעות, פון וועלכען שבט ער שטאַמט, (זעה תוספות ב"מ קי"ד ד"ה מהו), „ושנים ממשפחה" מיינט מען משיח בן יוסף און משיח בן דוד, וועלכע ווערען גערופען אויף די נעמען פון זייערע משפחות...

אל נא תקברני במצרים... (מז. כט.)

„סופה להיות עפרה כנים וכו' ושלא יעשוני מצרים עבודת-אלילים. (רש"י)

האָט געפרעגט דערויף דער הייַנטיגער גערער רבי: יעקב האָט דאָך געוואוינט אין גושן און דאָרט איז דאָך פאַר'ן „סופה להיות עפרה כנים" נישט געווען וואָס מורא צו האָבען, דען אין גושן האָבען דאָך נישט שולט געווען די עשר מכות?

נאָר — האָט ער געענטפערט — אַט דאָס טאַקי ווערט געמיינט מיט'ן אויספיהר: „ושלא יעשוני מצרים עבודת אלילים", דאָס איז אַ המשך און פירוש דערצו. היינו, ווי ס'איז „סופה להיות עפרה כנים", ווי דאָס גאַנצע

לאַנד מצרים וועט געשלאָגען ווערען מיט דער דאָזיגער מכה, מיט'ן אויס-נאַהם פון גושן, האָב איך דעריבער מורא פאַר'ן „ושלא יעשוני מצרים עבודת אלילים", אַז די מצריים זאָלען נישט זאָגען, אַז דאָס איז אין זכות פון מיין קבר און זיי זאָלען מיך נישט צוליב דעם פערהייליגען...

„ושאין מתי חוצה לארץ חיים אלא בצער גלגול מחילות" (רש"י)

אַן'עלטערער בעל-הבתישער איד איז אַמאָל געקומען צום קאָצקער רבי'ן און איהם דערצעהלט, אַז ער קלויבט זיך צו פאָהרען קיין ארץ-ישראל, ווייל ער וויל לעתיד-לבוא אויסמיידען דעם צער גלגול מהילות.

— חעה! — האָט דער קאָצקער אַ געשריי געטהון — וועה, ווי אַ מענש האָט דאָס ליב דעם ווערעמדיגען קערפער זיינעם, אַפילו נאָכ'ן טויט וויל ער איהם פערזאָרגען!...

ויגש אותם אליו וישק להם ויחבק להם.. (מח. י.)

דער רבי ר' בונם, וועלכער איז אין די לעצטע יאָהרען, כידוע, געווען אַ סגי-נהור, בשעת מען האָט צו איהם איינמאָל פאַר כל נדרי אַריינגעפיהרט די אייניקלעך, ער זאָל זיי בענשען, האָט ער זיי פריהער אַרומגענומען און געקושט.

— מיר געפינען — האָט ער דערויף בעמערקט - אין דער תורה, ביי יצחק'ן, אַז נאָכדעם ווי עס איז געווען „ותכהין עינו מראות" האָט ער געזאָגט: „גשה נא ושקה לי בני", דאָס זעלבע אויך ביי יעקב'ן: „ועיני ישראל כבדו מזוקן — ויגש אותם אליו וישק להם". בשעת איין מענש וויל זיך מתקשר זיין מיט'ן צווייטען, איז גענוג דערצו דער חוש-הראיה, דאָס אָנקוקען זיך איינעם דעם אַנדערען מיט די אויגען, בעת אָבער מען פערליערט ל"ע דעם דאָזיגען חוש, דאַן מוז קומען די דאזיגע התקשרות דורך חיבוק ונישוק...

האספו ואגידה לכם... (מט. א.)

בקש לגלות את הקץ ונסתלקה ממנו שכינה (רש"י)

דער בעש"ט איז אמאל אריינגעקומען אין א בית-המדרש, וואו א מגיד האט גראד געהאלטען א דרשה, אין וועלכער ער האט געמוסר'ט דעם עולם מיט די שארפסטע דבורים און אויסגערעדט אויף אידען כל דאס ביין... איז דער בעש"ט ארויס פון בית-המדרש און געזאגט:

בשעת יעקב אבינו, ווערט געזאגט, האט געוואלט מגלה זיין דעם קץ, „נסתלקה ממנו שכינה". פארוואס האט זי זיך פון איהם מסתלק געווען? ווייל בשעת מען וויל מגלה זיין דעם קץ, מוז מען דאך דערביי אויס-רעכענען די אלע אידישע חסרונות פון יענער צייט: „בעקבות משיחא חוצפה יסגי וכו' נערים פני זקנים ילבינו, זקנים יעמדו מפני קטנים וכו' וכו'" (סוטה מ"ט) — און אזעלכע זאכען האט די שכינה קיין חשק נישט צו הערען...

מיט וואס אייגענטליך ערקלערט זיך עס, אז „בעקבות משיחא חוצפה יסגי", פארוואס קאן עס די גאולה אנדערש נישט קומען, ביז עס וועט נישט זיין א דור של חוצפה?

— ווייל — האט דערויף געזאגט רבי יעקב יוסף פון אוסטרהא בדרך בדיחות — די הויפט-טענה, וואס השי"ת האט צו אידען, און וועלכע איז מעכב די גאולה, איז, ווי דער נביא דריקט זיך אויס: „בן יכבד אב ועבד אדוניו, ואם אב אני — איה כבודי, ואם אדונים אני — איה מוראי"ז (מלאכי א. ו.), אבער ווען עס וועט זיין א דור של חוצפה, „נערים פני זקנים ילבינו" און „בן מנוול אב וכו'", וועט שוין דאן ממילא אוועקפאלען השם יתברך'ס טענה...

ארור אפם כי עז וכו' אחלקם ביעקב... (מט. ז.)

דער „אחלקם ביעקב" געהט-ארויף אויפ'ן „אפם כי עז ועברתם כי קשתה": דעם כעס און קנאות, וועלכער האט זיך אנגעזאמעלט אין א צו גרוי-סער מאס ביי צוויי שבטים, וואלט איך וועלען פונאנדערטיילען צווישען

אַלע צוועלף שבטים פּראָפּאָרציאָנעל, זאָל יעדער האָבען דערפון אַ קליין ביסעל, דען בלויז נאָכגיביגקייט און צופיל סבלנות — טויג איך נישט...

(דברי חפץ)

לא יסור שבט מיהודה... (מט. י.)

דער פשט איז נישט, אַז די הערשאַפט פון מלכות יהודה וועט קיינמאָל נישט איבערגעריסען ווערען און קיינמאָל נישט אויפהערען צו עקזיסטירען, דען אַט איז דאָך שוין טויזענדער יאָהרען ווי עס איז בעוה"ר מקוים געוואָרען דער „יולך ד' אותך ואת מלכך אשר תקום עליך אל גוי אשר לא ידעת אתה ואבותיך", נאָר דער זין איז, אַז במשך פון דער גאַנצער צייט, כל־זמן עס וועט עקזיסטירען דאָס מלכות יהודה, וועט די מלוכה נישט איבערגעהן צו קיין אַנדער שבט, און דערפאַר טאַקי זענען די חשמונאים, הגם זיי זענען געווען חסידי עליון און ווען נישט זיי וואָלטען די תורה ומצוות ביי אידען חלילה פערגעסען געוואָרען, דאָך זענען זיי נענש געוואָרען און זיי זענען אַלע אומגעקומען פון שונא'ס שווערד, ווייל זיי האָבען איבעגענומען פאַר זיך די מלוכה און דערמיט עובר געווען אויפ'ן „לא יסור שבט מיהודה"...

(לויט׳ן רמב"ן)

עד כי יבא שילה... (מט. י.)

רש"י טייטשט: „שילה מלך המשיח", דער רשב"ם: „עד כי יבא רחבעם בן שלמה לחדש את המלוכה", שד"ל און אַנדערע: „אחיה השילוני", דער רד"ק: אַז „שילה" האָט די בעדייטונג פון „ובשילתה" און דער זין איז: שילה, זיין זוהן. דאַגעגען די לעצטע מבארים ווי ש. מאנדעלקערן און אַנדערע, מיינען, אַז „שילה" איז פון לשון שלוה, מנוחה...

„מה שמו (של משיח)? דבי רבי שילא אמרו שילה שמו שנאמר עד כי יבא שילה, דבי ינאי אמרו ינון שמו וכו' דבי רבי חנינה אמרו חנינה שמו" (סנהדרין צ"ח).

מערקווירדיג! יעדער פון זיי האָט זיך בעמיהט אָנצווייזען, אַז משיח טראָגט דעם זעלבען נאָמען, וואָס זיין רבי, אָדער אַז זיין רבי האָט אַ

שייכות מיט משיח'ן... די תלמידים פון רבי שילא האבען ערקלערט, אז משיח הייסט שילה, די תלמידים פון רבי ינאי – אז ער הייסט ינאי, און אזוי ווייטער...

דן ידין עמו כאחד שבטי ישראל... (מט. טז.)

דער טאג, אין וועלכען עס ווערט, אין די טעג פון ניסן, געלייענט די פרשה פון „נשיא לבני דן", אינ'ם זעלבען טאג געפאלט שטענדיג דער ערשטער טאג ראש־השנה. אלס סימן צו געדענקען אינ'ם דאזיגען כלל ווייזט אן רבי חיים צאנזער אויפ'ן דערמאהנטען פסוק: „דן – ידין עמו"..

נפתלי אילה שלוחה הנותן אמרי שפר... (מט. כא.)

אין אלע ענינים און מעשים איז נויטיג די מדה פון זריזות, פון געשיקטקייט און שנעלקייט. בלויז אין ריידען איז פערקעהרט, דארף מען זיך בעמיהען צו זיין געלאסען, צו ריידען במתינות, קלאר און דייטליך. נישט געכאפט. „נפתלי – אילה שלוחה", דאגעגען ביים ריידען איז ער געווען להיפוך – „הנותן אמרי שפר"...

(כפלים לתושיה)

משם רועה אבן ישראל... (מט. כד.)

פון די אהן א שיעור צרות און ליידען וועט ישראל פערוואנדעלט ווערען אין גלות צו א שטיין, וואס האט נישט קיין שום הרגשה און עמפינדליכקייט, ווערענדיג שטים און פערהארטעוועט, אויפהערענדיג צו פיהלען די גרויזאמקייט פון זיין מצב, און וועגען דער דאזיגער צייט האט דער נביא געפונען פאר נויטיג צו טרייסטען אונז: „והסירותי את לב האבן מבשרכם ונתתי לכם לב בשר" (יחזקאל לו. כו.), און דאס איז אויך דער זין פון די ווערטער: „משם רועה אבן ישראל", אז פאר משיח בן דוד וועט קומען פריהער משיח בן יוסף, וועלכער וועט דער ערשטער אנהויבען אויפצוועקען און אריינצוגעבען א רוח־חיים אינ'ם „אבן ישראל",

וועלכער וועט דאן עהנליך זיין צו א שטיין און זיך געפינען אינ'ם ניד-ריגסטען מצב השפלות...

(לויט'ן רלב"ג)

בנימין זאב יטרף... (מט. כז.)

אין מס' סוכה ווערט ערקלערט, אז דערפאר האט מען פערמאכט דאס פענסטערל פון „בית בלגה" (איינע פון די כ"ד משמרות כהונה), ווייל א טאכטער פון דער דאזיגער משפחה האט זיך געשמד'ט און ווען זי איז אריין מיט די יונים אין היכל האט זי אויסגעשריען צום מזבח: „לוקוס, לוקוס, ! עד מתי אתה מכלה ממונן של ישראל !" און דערפאר איז די גאנצע משפחה נעקנס'עט געווארען, ווייל מען האט אנגענומען, דאס מסתמא האט זי געהערט פון די עלטערען, אז זיי רופען דעם מזבח „לוקוס", וואלף...

און מערקווירדיג ! מיט'ן זעלבען אויסדרוק וועגען מזבח בענוצען זיך דאך די חז"ל גופא, ווי עס ווערט אויפ'ן דערמאהנטען פסוק געזאגט אין מדרש פון דער היינטיגער סדרה: „ר' פנחס פתר קרייא במזבח, מה הזאב הזה חוטף ואוכל כך היה המזבח הוטף את הקרבנות, בבוקר יאכל עד — את הכבש האחד תעשה בבוקר, ולערב יחלק שלל — ואת הכבש השני תעשה בין הערבים" (בראשית רבה פ' צ"ט)... און אזוי ווערט אויך געזאגט אין זוהר, אז דערפאר רופט זיך בנימין „זאב", ווייל אין זיין חלק האט זיך געפונען דער מזבח, וואס ווערט אנגערופען „זאב"...

(דברי יואל)

ויקרבו ימי דוד למות ויצו את שלמה בנו לאמר אנכי הולך בדרך כל הארץ... (הפטרה, מלכים א. ב.)

וואס איז דא דער זין פון ווארט „לאמר"?

נאר דער פשט איז: „ויצו את שלמה בנו", פארויסזעהענדיג, אז זיין זוהן שלמה וועט לעבען אין אונגעהויערליכער עשירות און לוקסוס, האט ער איהם אנגעזאגט: „לאמר", אז ער זאל שטענדיג אין זינען הא-בען און ער זאל שטענדיג זאגען צו זיך: „אנכי הולך בדרך כל הארץ", ער זאל געדענקען אינ'ם „לאן אתה הולך", אינ'ם סוף כל האדם...

(אפיקי יהודה)

ספר שמות

שְׁמוֹת

ואלה שמות בני ישראל... (א. א.)

אין מדרש רבה ווערט אויסגערעכענט, אַז די אלע נעמען, וואָס מען האט געגעבען די שבטים, האבען מרמז געווען אויף דער גאולה: „ראובן — ראה ראיתי את עני עמי, שמעון — וישמע אלקים את נאקתם וכו׳״, דען די סימני הגאולה — האט דערויף בעמערקט רבי מענדעלי קאצקער—הויבען זיך אן צוזאַמען מיט׳ן גלות און — „בתשעה באב נולד משיח״...

איש וביתו באו... (א. א)

אין תשובות רדב״ז ווערט געברענגט, אַז אויב איינער פאָהרט אַרויס צייטווייליג פון ארץ־ישראל צוזאַמען מיט זיין פאַמיליע, האָט ער נישט דעם דין פון „דעתו לחזור״ (און ער איז מחויב צו האלטען צוויי טעג יום טוב). וואונדערען זיך די אַחרונים און פרעגען: וואו איז דער מקור דערצו? פונוואַנען האָט עס דער רדב״ז גענומען?

האָט געענטפערט דערויף דער בעל הפלאה, אַז דאָס איז געדרונגען פון דער היינטיגער סדרה, פון פסוק: „ואלה שמות בני ישראל הבאים מצרימה את יעקב, איש וביתו באו״. צוליב וואָס דערצעהלט אונז דער פסוק, אַז זיי זענען געקומען „איש וביתו״? נאָר די כוונה איז, אַז דער „הבאים מצרימה״, דאָס קביעות׳דיגע בעזעצען זיך אין גלות, האָט זיך אָנגעהויבען ביי די בני יעקב מיט׳ן מאָמענט, ווען זיי זענען געקומען „איש וביתו״, צוזאַמען מיט די ווייבער, מיט די פאַמיליעס; פון דאָזיגען מאָמענט אָן הייסט עס שוין נישט, אַז ס׳איז צייטווייליג און „דעתם לחזור״, דען — די ווייבער וועלען זיי שוין אַזוי גיך צוריק פון גלות נישט אַרויסלאָזען...

ויקם מלך חדש וכו׳ אֲשר לא ידע את יוסף... (א. ח.)

וואָרום ווען ער וואָלט געקענט יוסף׳ן און די געשיכטע פון יוסף׳ן, ווי אַזוי דאָס פּערטריבען ווערען קיין מצרים איז דוקא פאַר איהם אַ גרויסע טובה געווען און ווי הויך ער איז אַ דאַנק דעם נתעלה געוואָרען— וואָלט ער זיך נישט געווען אַזוי בעגאַנגען מיט די בני ישראל. וואָלט ער דאַן אפשר פערשטאַנען און פאָראויסגעזעהען, אַז אויך פאַר זיי וועט זיך עס סוף כל סוף ענדיגען אויפ׳ן זעלבען אופן...

(אמרי חן)

ויעבידו מצרים את בני ישראל בפרך... (א. יג.)

„בפרך — שהיו מחליפין מלאכת אנשים לנשים ומלאכת נשים לאנשים" (מדרש רבה)

וואונדערען זיך די מפרשים: ווי אַזוי איז דער דאָזיגער דרש גע־דרונגען פון וואָרט „בפרך"?

האָט דערויף רבי מאיר שמחה דווינסקער אָנגעוויזען, אַז אויפ׳ן פסוק „מאיש מדבר תהפוכות" (משלי ב. יב.) זאָגט דער תרגום: „גברא דממלל מפרכיתא", פון וועלכען עס איז צו זעהען, אַז דאָס וואָרט „פרך" האָט די בעדייטונג פון „תהפוכות", און דערפון דרשנ׳ען די חז"ל — „שהיו מחליפין מלאכת אנשים לנשים וכו׳"...

ויהי כי יראו המילדות את האלקים ויעש להם בתים... (א. כא.)

וועגען דער בעדייטונג פון וואָרט „בתים" ווערען געגעבען פערשי־דענע פירושים. רש"י זאָגט: „בתי כהונה ולויה ומלכות". לויט׳ן רשב"ם געהען אַרויף די ווערטער „ויעש להם בתים" אויף פרעה׳ן און דער פשט איז: ער האָט אויסגעבויט פאַר די מילדות ספּעציעלע הייזער, אין וועלכע מען האָט זיי געהאַלטען איזאָלירט און אָבגעזונדערט און געהיטען, זיי זאָ־לען אויספיהרען פרעה׳ס גזירה. לויט׳ן רמב"ן לייענט זיך דער דאָזיגער פסוק צוזאַמען מיט׳ן ווייטערען פסוק און דער זין איז: „ויהי כי יראו

המילדות את האלקים״ — בשעת פרעה האָט געזעהן, אַז די מילדות האָבען מורא פאַר גאָט און זיי ערפילען ווייטער זייערע פליכטען און „ויעש להם בתים״, אַז אַ דאַנק דעם ענטוויקלען זיך ווייטער זייערע הייזער און עס וואַקסט די צאָהל פון די אידישע נפשות, דאַן — „ויצו פרעה לכל עמו לאמר כל הבן הילוד היאורה תשליכוהו״. רבי משה חפץ (אין „מלאכת מחשבת״) טייטשט: „ויהי כי יראו המילדות את האלקים״ — בעת די אידען האָבען זיך איבערצייגט, אַז די מילדות האָבען מורא פאַר גאָט און זיי רעכענען זיך נישט מיט פרעה׳ס גזירה — „ויעש להם בתים״, האָט מען בעקומען צו זיי צוטרוי און עס האָבען זיך געמעהרט די צאָהל הייזער, אין וועלכע מען האָט זייגערופען צו די געוווּנעריגס. אינטערעסאַנט איז אויך די מיינונג פון שד״ל. לויט זיין השערה זענען אין יענער צייט די אַקושערקעס, וועלכע האָבען זיך בעשעפטיגט מיט דער דאָזיגער פּראָפעסיע, בעשטאַנען פון קינדערלאָזע פרויען און „ויעש להם בתים״, אַלס שכר פאַר זייער אויפפיהרונג, האָבען זיי אויך אַליין אויפגעשטעלט הייזער און געבוירען קינדער...

וילך איש מבית לוי ויקח את בת לוי... (ב. א.)

„נהפכה להיות נערה ובת ק״ל שנה היתה״ (רש״י)

אין פ׳ ויגש, אויפ׳ן פסוק „כל הנפש הבאה ליעקב מצרימה״ (מו. כו.), פרעגט דער אבן עזרא: „למה לא הזכיר הכתוב הפלא שנעשה עמה שהולידה משה והיא בת ק״ל שנה ולמה הזכיר דבר שרה שהיתה בת תשעים״? פאַרוואָס, הייסט עס, ווערט אין דער תורה נישט דערצעהלט וועגען דער פלא מיט יוכבד׳ן, וועלכע האָט געבוירען אַ זוהן צו הונדערט און דרייסיג יאָהר. דאָס איז דאָך אַ פיעל גרעסערע רבותא ווי ביי שרה׳ן?

אויף דער דאָזיגער קשיא האָט דער דובנער מגיד געענטפערט, ווי זיין שטייגער איז, מיט אַ משל:

אַ חברה אָרימעלייט, מחזורים על הפתחים, האָבען זיך אַמאָל צונויפגעטראָפען אונטערוועגענס אין אַ קרעטשמע און גענומען שמועסען וועגען זייער פאַך. דאָס פאַך, האָבען זיי זיך געקלאָגט, געהט אונטער, דער עולם גיט קיין נדבות נישט און דער גרעסטער נגיד, אויב ער גיט שוין יאָ, איז ער יוצא העכסטענס מיט אַ פרוטה.

— און איך, זעהט איהר, רופט זיך אָן איינער פון דער חברה — האָב דאָ נישט לאַנג בעקומען פון אַ נגיד אַ גאַנץ קערבעל מיטאַמאָל!

— אַ גאַנץ קערבעל ?—ווערען אַלע אַרומיגע איבערראַשט — ווען און וואו איז דאָס געווען ?

— דאָס איז געווען — דערצעהלט זיי דער מוצלח — אין דעם און דעם שטעדטעל. כ׳בין אַריינגעפאַלען אַהין פורים צו דער סעודה און האָב ביים שטאָדט-גביר בעקומען אַ גאַנץ קערבעל מיטאמאָל.

— אַ שענע ראיה האָט ער דאָ געבראַכט! — צעלאַכט זיך די חברה — ווען איהר וואָלט אונז דערצעהלט, אַז איהר האָט געקריגען אַ קערבעל אין מיטען יאָהר, וואָלט עס געווען פאַר אונז אַ חידוש, אָבער פורים? וואָס איז דאָ די רבותא? פורים איז דער עולם אויפגערוימט, בגלופין, נעהמט מען אַראָב די האַנד פון האַרצען און מען גיט, אַלע געבען דאַמאָלס, אַפילו דער גרעסטער קמצן...

— דאָס זעלבע — פיהרט אויס דער דובנער — איז אויך דאָ. וועגען שרה׳ן געפינט די תורה פאר נויטיג צו דערצעהלען, אז זי האָט געבוירען צו ניינציג יאָהר, ווייל דאָס איז דאמאלס טאַקי א גרויס חדוש געווען; דאגעגען אין מצרים, וואו אלע געבורטען זענען געווען בדרך נס, יעדע אשה האָט געבוירען „ששה בכרס אחד” און אלע קינדער זענען געווען געזונד און שטארק: „וירבו ויעצמו במאד מאד” – טאָ וואָס פאר אנ׳ איבערראשונג איז עס פאר אונז, מען זאָל אונז דערצעהלען, אז איינע פון די פרויען האָט געבוירען אין טיפען עלטער, אין דער צייט ווען אלץ איז געווען לויטער נסים!...

ותרא אותו כי טוב הוא... (ב. ב.)

דערוף ווערט געזאָגט אין מדרש: „ראָה תוארו כתואר מלאך אלקים לפיכך מהלו אותו בשמונה”.

וואָס איז דער פשט פון דעם אין פלוג אונפערשטענדליכען מדרש?

נאָר אויף „ותרא אותו כי טוב” ווערען געבראכט צוויי פשטים. איין פשט איז: „שנתמלא כל הבית כלו אורה”, און א צווייטער פשט: „שנולד מהול”.

לויט׳ן לעצטען פשט האָט מען משה רבינו נישט געקענט מל זיין צו די אַכט טאָג, דען וועגען אַ נולד מהול, איז דער דין, אַז ביי איהם איז מילה נישט דוחה שבת און ביי משה רבינו ווערט דאָך געזאָגט אַז „נולד בשבת ומת בשבת”.

און דאָס, אַלזאָ, איז די כונה פון דערמאהנטען מדרש. דער דאזיגער

מאַן דאמר האַלט, אַז דער פשט פון „ותרא אותו כי טוב" איז: „ראה תוארו כתואר מלאך אלקים", אַז „נתמלא כל הבית כלו אורה", און נישט, אַז „שנולד מהול", און — לפיכך, קוים איז ער נישט געווען קיין נולד מהול, מהלו אותו בשמונה, האָט מען איהם מל געווען אין אכטען טאָג, וועלכער איז דאַן אויסגעפאַלען אום שבת...

(רבי יונתן אייבעשיץ)

ותפתח ותראהו את הילד... (ב. ו.)

ותרא מבעי ליה? אמר ר' יוסי בר חנינא, שראתה שכינה עמו" (סוטה י"ב).

פונוואַנען איז דאס געדרינגען?

נאר דאס ווארט „הו", ווי מיר געפינען אין דער גמרא, איז שמו של הקב"ה, ווי „אני והו הושיעה נא" (סוכה ג'), און דאס, אַלזא, איז דער פשט: דערפון, וואס עס שטעהט נישט „ותרא", נאר „ותראהו", לייענט זיך עס, ווי צוויי ווערטער: „ותרא הו" און עס איז משמע — „שראתה שכינה עמו"...

(מפרשים)

ויהי בימים ההם ויגדל משה ויצא אל אחיו... (ב. יא.)

נישט אַזוי ווי געוויסע היינטיגע כלל־טהוער און געזעלשאַפטליכע עסקנים, וואָס צוליעב'ן כלל פערזעהען זיי דעם פרט, האָבען זיי קיין צייט און געדולד נישט צו בעשעפטיגען זיך מיט די צרות און ליידען פון איינ־צעלנעם יחיד. משה רבינו — דערצעהלט אונז די תורה — האָט זיך פער־נומען סיי מיט'ן כלל, סיי מיט'ן פרט. „ויצא אל אחיו וירא בסבלותם", די סבלות און צרות הכלל, דערביי אָבער האָט ער אויך אין זינען געהאַט דעם יחיד און — „וירא איש מצרי מכה איש עברי מאחיו"...

(חגות לבי)

וימת מלך מצרים ויאנחו בני ישראל מןהעבודה... (ב.כג.)

נאָכ'ן טויט פון יעדען עגיפטישען קעניג פלעגט זיך אָנהויבען א

פרישע שווערע אַרבייט צו בויען דענקמעלער, סטאַטועו און פיראַמידען לכבוד דעם פערשטאָרבענעם קעניג, און דעריבער, אַז דער מלך מצרים איז געשטאָרבען — „ויאנחו בני ישראל מן העבודה"...

(דר. אהרן יעלינעק)

ומשה היה רועה את צאן יתרו... (ג. א.)

דעריבער דערצעהלט אונז די תורה, אַז משה רבינו, דער אב הנביאים, איז געווען אַ פאַסטוך, דען בכדי צו דערגרייכען צו דער מדרגת הנבואה, איז נויטיג התבודדות, צו זיין מיט זיך אַליין אויף דער פרייער נאַטור, אין פעלד און אין וואלד, וואו מען האָט די מעגליכקייט צו בעוואונדערען די געטליכע שאַפונג און צו פערטיעפען זיך מיט אַלע מחשבות וועגען מציאת השם, ווי עס ווערט געזאָגט: „כי אראה שמיך מעשה אצבעותיך, ירח וכוכבים אשר כוננת", און דערצו איז נישט מסוגל דער יושב בית און נישט דער, וואָס איז בעשעפטיגט מיט אַן אַנדערע מלאכה, נאָר דער פאַסטוך...

(כלי יקר)

של נעליך מעל רגליך... (ג. ה.)

דאָס אויסטהון די שיך איז אין יענע צייטען געווען אַ צייכען פון הכנעה און אונטערטעניגקייט, און די זעלבע בעדייטונג האָט אויך געהאַט דער חליצת הנעל ביי אַ יבם; עס איז דערמיט אויסגעדריקט געוואָרען די גרינגשעצונג און נידעריגקייט פון אַזאַ איינעם, וועלכער וויל נישט הייראַטען מיט זיין פערשטאָרבענעם ברודער'ס פרוי...

(ילקוט יהודה)

מי אנכי כי אלך אל פרעה... (ג. יא.)

צוליעב צוויי זאַכען האָט משה רבינו, דער עניו מכל האדם, ערקלערט, אַז ער איז נישט ראוי צום דאָזיגען שליחות, ערשטענס, „מי אנכי כי אלך אל פרעה", ער אַליין מצד עצמו איז נישט כדאי דערצו, און צווייטענס, „וכי אוציא את בני ישראל", ווי קומט ער צו זיין דער שליח פון

אזא אויסדערוועהלטער אומה, די בני ישראל, בני אברהם יצחק ויעקב!...
און דערויף איז געקומען די תשובה: „וזה לך האות כי אנכי שלחתיך",
אָט דערפאַר טאַקי, ווייל דו ביזט אַזאַ עניו און אַזוי שפל'דיג ביי זיך,
האָב איך דיך אויסגעקליבען, און „בהוציאך את העם ממצרים תעבדון את
האלקים על ההר הזה", אויך די תורה וועט געגעבען ווערען שפעטער אויפ'ן
דאָזיגען באַרג, אויפ'ן סיני, דוקא דערפאַר, ווייל ער איז קלענער און נידריגער פון אלע אַרומיגע בערג...

(כלי יקר)

והיה כי תלכון לא תלכו ריקם... (ג. כא.)

דען אַזוי דאַרף מען, לויט דער עטיק פון דער אידישער תורה, בעהאַנדלען אַ פריי־געוואָרענעם קנעכט: „וכי תשלחנו חפשי מעמך לא תשלחנו
ריקם — העניק תעניק לו וכו'"...

(הכורם)

לא איש דברים אנכי וכו' כי כבד פה וכבד לשון אנכי... (ד. י.)

דער רשב"ם איז נישט מסכים מיט'ן געוועהנליכען אָנגענומענעם פשט,
אַז משה רבינו זאָל האָבען געווען אַ שטאַמלער. „וכי אפשר — שרייבט
ער — נביא אשר ידע השם פנים אל פנים וקבל תורה מידו לידו היה
מגמגם בלשונו"?... און לויט'ן רשב"ם ווערט געמיינט מיט'ן „כבד פה וכבד
לשון אנכי", אַז — איני בקי בלשון מצרים בחתוך לשון", אַז צוליעב דעם,
וואָס ער איז צעהנדליגער יאָהרען געווען דערווייטערט פון מצרים, פונוואַנען ער איז געהאַט אַנטלאָפען נאָכ'ן הרגנ'ען דעם מצרי, איז איהם שווער
געווען צו רעדען פליסיג אין דער דאָרטיגער לאַנדעס־שפּראַך...

ומאז באתי אל פרעה לדבר בשמך הרע לעולם הזה...

(ה. כג.)

אַזוי — האָט געזאָגט רבי לוי יצחק בערדיטשעווער — דאַרפען טענה'ן

צום רבונו של עולם אַלע אידישע מליצי יושר: „ומאז באתי אל פרעה לדבר בשמך — הרע לעם הזה", די גאַנצע שנאה צו אונז נעהמט זיך פון דעם „באתי אל פרעה לדבר בשמך", ווייל מיר רעדען צו אַלעמען אין דיין נאָמען און אין נאָמען פון דיינע הייליגע געבאָטען... צוליעב דיר, רבונו של עולם, ליידען מיר, צוליעב דיר האָט מען אונז אַזוי פיינד, האָבען מיר אַזוי פיעל צרות אויסצושטעהן, און עס ליגט דעריבער אויף דיר דער חוב צו העלפען אונז !...

כי נרפים הם על כן הם צועקים לאמר נלכה נזבחה...

(ה. ת.)

קלמן שולמאַן ברענגט אין זיין קובץ „גן פרחים" (תרמ"ב) א רייה ציטאַטען פון דער אַלטער וועלט-ליטעראַטור, פון וועלכע עס איז צו זעהען, אַז די נישט-אידישע וועלט האָט אַ לאַנגע צייט אויסגעלאַכט דעם שבת, וואָס די אידען האָבען איינגעפיהרט אַלס אָבליגאַטאָרישען רוה-טאָג, אַנווייזענ-דיג, אַז די אידען פראַווען שבתים וימים-טובים צוליעב פוילקייט. נישט-נאָר המן האָט גע'טענה'ט, אַז די אידען זענען עוסק בשה"י ופה"י, „בשבת היום ופסח היום". דאָס זעלבע שרייבט אויך דער בעקאַנטער רוימישער סאַטירי-קער אַפּענאַל (וועלכער האָט געלעבט אין אָנהויב פון צווייטען יאָהרהונ-דערט), דער אידישער פיהרער משה — חוזק'ט ער — איז געווען אַ'עצל און דאָס עצלות ד'האָט ער אויך איבערגעטראָגען אויף זיין פאָלק, ער האָט זיי אָבגעוועהנט פון אַרבייט און פעראָרדענט, אַז זיי זאָלען אַ גאַנצען טאָג אין דער וואָך אַרומגעהן לעדיג... אויך דער רוימישער שרייבער סענע-קאַ איראָניזירט וועגען אידישען שבת, אויפווייזענדיג, אַז עס איז זעהר אונ-געוואונשען צו רוהען יעדען זיעבעטען טאָג און אַז נאָר ביי אַזאַ פויל פאָלק, ווי אידען, האָט געקענט ענטשטעהן אַזאַ משונה'דיגער מנהג, צו זיצען אַ זיעבעטעל טייל פון לעבען מיט פערלעגטע הענד און גאָר-נישט טהון...

אָט אַזוי האָט די אַלטע וועלט, וועלכע איז ערשט מיט טויזענדער יאָהרען שפּעטער געקומען צום זעלבען „ווילדען שכל", אויסגעטייטשט די גרויסע רעליגיעזע און סאָציאַלע אידישע דערגרייכונגען, און ווי מיר זעהען האָט אויך דער „הומאַניטאַרער" פרעה דאָס זעלבע געטענה'ט: „כי נרפים

הס", אידען זענען פויל, אידען ווילען נישט ארבייטען, „על כן הם צועקים לאמר נלכה נזבחה לאלקינו"...

וועגען „גלות מצרים" – פלעגט זאגען דער חדושי הרי"ם — וועל־כער האט זיך געצויגען צוויי הונדערט און צעהן יאהר, און וועגען די צרות, וואס אידען האבען דארט געליטען, האבען מיר נישט מעהר ווי איין פרשה, פרשת שמות, דאגעגען מיט די הכנות צו דער גאולה, וועלכע האבען געדויערט אינגאנצען פיערציג יאהר, פערנעהמט זיך די גאנצע תורה, דען דער גלות, ווי לאנג ער זאל נישט זיין, איז ער בעצם נישט מעהר, ווי א קליינע פארבייגעהענדע הקדמה צום גרויסען עיקר...

וָאֵרָא

ולא שמעו אל משה מקוצר רוח ומעבודה קשה... (ו. ט.)

דאָס וואָרט „מקוצר" געהט אַרויף אויך אויפ'ן „עבודה קשה". די אידען האָבען זיך נישט צוגעהערט צו משה'ן, ערשטענס, „מקוצר רוח", ווי דער רלב"ג טייטשט: „מקוצר רוח של משה", ווייל משה האָט זיך אַרויס־געוויזען אונגעדולדיג און דענערווירט, אויסשרייענדיג: „למה הרעותה לעם הזה!" און זיי האָבען דעריבער מורא געהאַט, אַז צוליעב זיין אונגעדולד וועט משה נישט פעהיג זיין דורכצופיהרען זיין גרויסע אויפגאַבע, דען ביים אויסלייזען אַ פאָלק מוז מען קודם־כל בעזיצען אָהן אַ שיעור סבלנות... צווייטענס, „מקוצר עבודה קשה", ווייל משה האָט געהערט צום שבט לוי און דער שבט לוי, כידוע, איז געוועזען פריי פון שעבוד, פון דער שווערער אַרבייט. און אַ מענש וועלכער פיהלט אַליין נישט דעם צער־השעבוד — קאָן קיין גואל נישט זיין...

(רבי יצחק יעקב רייגעס)

וַיְצַוֵּם אל בני ישראל... (ו. יג.)

„על מה צום? — על פרשת שילוח עבדים. ואתיא כהאי דא"ר הילא, לא נענשו ישראל אלא על פרשת שילוח עבדים, הדא היא דכתיב מקץ שבע שנים תשלחו איש את אחיו העברי" (ירושלמי ר"ה פרק ג').

ווי קומט דאָ אַהער די מצוה פון שילוח עבדים?

נאָר — האָט געזאָגט דערויף רבי מאיר שמחה דווינסקער — אויך אין מצרים האָבען זיך געפונען אַ סך רייכע אידען, וועלכע האָבען געהערשט איבער די אָרימע אידען און געהאַלטען אידישע קנעכט, ווי עס איז צו זעהען פון די ווערטער אין מדרש: „כל השבטים לא הנהיגו שררה במצרים, ראובן ושמעון ולוי הנהיגו שררה במצרים" (מדרש רבה נשא פרשה י"ג),

און אָט צו די דאָזיגע בני ישראל, וועלכע האָבען נוהג שררה געווען, זיינען משה ואהרן געשיקט געוואָרען מיט דער אויפפאָדערונג, אַז קודם-כל זאָלען זיי אַליין ווייזען דעם ביישפּיעל פון „שלח את עמי ויעבדוני", פריי-הער פון אַלעם מוזען די אידען בעפרייט ווערען פון אידישען שעבוד און פון אידישען גלות און ערשט דאַן וועלען זיי ראוי זיין בעפרייט צו ווערען פון גלות פרעה... און דאָס איז אויך געווען איינע פון די ערשטע הויפּט-פאָדערונגען, וואָס עס איז פערלאַנגט געוואָרען פון די אידען בשעת זיי האָבען זיך אומגעקעהרט פון גלות בבל, ווי עס ווערט געזאָגט אין פסוק: „ועתה כבשר אחינו בשרינו, כבניהם בנינו, והנה אנחנו כובשים את בנינו ואת בנותינו לעבדים וכו' ויחר לי מאד כאשר שמעתי את זעקתם" (נחמיה ה. ה.). מען קאָן נישט אויסגעלייזט ווערען פון די גוים, כל-זמן מען ווערט נישט פריהער אויסגעלייזט פון די אייגענע, אידישע הענד...

(משך חכמה)

ושני חיי לוי שבע ושלשים ומאת שנה... (ו. טז.)

בעת רבי שניאור זלמן, דער בעל ה„תניא", איז געקומען קיין מעזי-ריטש, האָבען איהם די חסידים געוואָלט מאַכען פאַר אַ רבי, אויף וואָס רבי שניאור זלמן האָט זיי געענטפערט, אַז ער איז נאָכנישט ראוי דערצו, ער איז נאָך צו יונג. רופט זיך אָן צו איהם רבי מענדעלי וויטעבסקער (געווען איז דאָס פאַר זיין נסיעה קיין א"י): וואו געפינען מיר דען, אַז צווישען די אַלע מעלות, וועלכע די חכמים רעכענען אויס, וואָס אַ מנהיג דאַרף אַלץ בעזיצען, זאָל ער אויך דאַרפען זיין אַ בא בשנים?

— מיר געפינען עס — ענטפערט רבי שניאור זלמן — בפירוש אין דער תורה, אין פ' וארא. ביים אויסרעכענען די אַלע „ראשי בית אבותם" דערמאָהנט נישט די תורה ביי קיינעם פון זיי, ווי אַלט ער איז געווען, נאָר ערשט צוקומענדיג צו לוי'ן ווערט געזאָגט: „ושני חיי לוי שבע ושלשים ומאת שנה". שפּעטער ווידער, ביים אויסרעכענען די בני לוי ווערט ביי קיינעם פון זיי נישט דערמאָהנט די יאָהרען, נאָר ביי קהת: „ושני חיי קהת שלש ושלשים ומאת שנה". פון די ווייטערע אויסגערעכענטע בני קהת ווערט ווידעראַמאָל נישט דערמאָהנט קיינעמס יאָהרען אַ חוץ ביי עמרם'ן: „ושני חיי עמרם שבע ושלשים מאת שנה". דערפון איז אַלזאָ צו זעהען, אַז ביים מנהיג איז די צאָהל יאָהרען אַזאַ וויכטיגע זאַך, אַז די תורה געפינט

זאגאר פאר נויטיג צו דערצעהלען, ווי אלט עס איז געווען עמרם, קהת און לוי; זיין טאטע, זיידע און עלטער-זיידע...

הוא אהרן ומשה אשר אמר ד׳ להם וכו׳ הם המדברים אל פרעה... (ו. כו. כז.)

„הם המדברים אל פרעה", אזוי זאלען אויך אויסזעהען להבא די אלע, וואס וועלען רעדען מיט די פרעה׳ס. אלס אידישע פארשטעהער און שתדלנים כלפי-חוץ זאלען בעשטימט ווערען נאר אזעלכע, „אשר אמר ד׳ להם", וועלכע הערען גאט׳ס ווארט, וואס זענען טרייע, אבגעהיטענע אידען, נישט אזעלכע, וואס אליין שטעהען זיי ווייט פון אידישקייט...

(חתם סופר)

„בכל מקום מקדים משה לאהרן ובמקום אחד הוא אומר: הוא אהרן ומשה" (תוספתא סוף כריתות).

צו דער גאולה זענען נויטיג געווען צוויי פיהרער מיט בעזונדערע כאראקטערען; די אידען האבען זיך גענויטיגט אין א גוטמוטיגען מענש, א טרייסטער, וואס זאל זיי לינדערען די צרות און פערשטארקען אין זיי די גאולה-האפנונג, אזעלכער איז געווען אהרן, א נח לבריות, א אוהב שלום ורודף שלום; דאגעגען פאר דער אויסערליכער וועלט, פאר פרעה׳ן, האט מען געדארפט האבען א מענש מיט א שטרענגען ווילען, וועלכער זאל זיך נישט לאזען בויגען, וועלכער זאל אויספיהרען זיין שליחות אהן שום פחד, און צו דער דאזיגער ראל איז משה געווען מעהר צוגעפאסט, רעדענדיג צו פרעה׳ן מיט א דרייסטען טאן: „למען תדע כי לד׳ הארץ"... „גם אתה תתן בידנו זבחים ועולות"... „לא אוסיף ראות פניך!"...

און דעריבער: „הוא אהרן ומשה אשר אמר ד׳ להם הוציאו את בני ישראל", בשעת עס האט זיך געהאנדעלט וועגען ווירקען אויף די בני-ישראל ווערט אהרן געשטעלט פאר משה׳ן, דערצו איז ער געווען מעהר מסוגל, דאגעגען: „הם המדברים אה פרעה וכו׳ „הוא משה ואהרן", צו פיהרען די פערהאנדלונגען מיט פרעה׳ן — איז משה פריהער...

(כתב סופר)

ומשה בן שמונים שנה ואהרן בן שלש ושמונים שנה בדברם אל פרעה... (ז. ז.)

צוליעב וואס דערצעהלט אונז דער פסוק, ווי אלט זיי זענען געווען?

ווייל געוועהנליך איז ביי אונז אנ׳אנגענומענע מיינונג, אז נאר די יוגענד איז מסוגל צו מאכען רעוואלוציעס און אויסצוקעמפפען פאר׳ן פאלק די גאולה און די פרייהייט. בעמערקט אונז די תורה, אז ס׳איז לאו דוקא, אז בשעת עס איז נויטיג, דער אויבערשטער הייסט און עס איז די ריכטיגע צייט, קענען אויך עלטערע אידען, אכציג און דריי־און־אכציג־יעהריגע אידען, מאכען רעוואלוציעס...

(שערי ירושלים)

ותעל הצפרדע ותכס את ארץ מצרים... (ח. ב.)

„ותעל הצפרדע, רבי עקיבא אומר, צפרדע אחת היתה ומלאה כל ארץ מצרים, אמר לו רבי אלעזר בן עזריה, עקיבא מה לך אצל הגדה וכו׳ צפרדע אחת היתה, שרקה להם והם באו" (סנהדרין ס״ז).

אין וואס זענען זיי דא אייגענטליך מחולק און למאי נפקה מינה?

נאר, ווי בעקאנט, האבען אונזערע חכמים אין זעהר פיעל פאלען זיך נוהג געווען צו ריידען אלעגאריש, בדרך משל ומליצה, וועגען פערשידענע פאסירונגען, וואס זענען פארגעקומען אין זייער צייט און וועגען וועלכע מען האט מורא געהאט צו ריידען אפען. ווי עס ווייזט אויס, איז אין יענער צייט פארגעקומען אנ׳עהנליכע טרויעריגע ערשיינונג, ווי אין אונזער היינטיגער צייט, ווען אין א מדינה איז געקומען צו דער מאכט א שונא־ישראל און מיט איינמאל זענען אלע איינוואוינער פון דער דאזיגער מדינה פערוואנדעלט געווארען אין מורא׳דיגע אידען־פיינד. עס איז דאן ענטשטאנען צווישען די אידישע געלעהרטע דער זעלבער וכוח, ווי אין אונזער איצטיגער צייט וועגען דייטשלאנד; צי האט היטלער געשאפפען דעם איצטיגען דייטשען אנטיסימיטיזם, אדער דער דייטשער אנטיסימיטיזם האט געשאפען היטלער׳ן... רבי עקיבא זאגט: „צפרדע אחת היתה ומלאה כל ארץ מצרים", אנגעהויבען האט זיך עס בסך־הכל פון איין צפרדע, די איינע צפרדע האט מיט איהרע באצילען דאס גאנצע לאנד פערגיפטעט און פיל געמאכט די מדינה מיט צפרדעים... דערויף האט איהם רבי אלעזר בן עזריה געענטפערט: ניין, דאס איז אויסגעשלאסען. עס איז אונמעגליך, אז איין צפרדע זאל קענען געבוירען אזוי פיעל צפרדעים, אז איין רשע זאל

איבער נאָכט אימשטאַנד זיין צו פערוואַנדלען מיליאָנען מענשען אין רשעים, און דער אמת איז: „צפרדע אחת היתה, שרקה להם והם באו״. דאָס לאַנד איז אויך פריהער פול געווען מיט צפרדעים, נאָר זיי זענען גע־לעגען פערשטעקט, בעהאַלטען, מען האָט דאָס בעהאַלטענע רשעות נישט אַרויסגעוויזען, מחמת עס האָט געפעהלט דער מנהיג און פיהרער, וועלכער זאָל די אַלע צפרדעים אַרום זיך קאָנצענטרירען, און מיט׳ן מאָמענט, ווען ער האָט זיך בעוויזען — „שרקה להם והם באו״, האָט ער אַ פייף געטהון אַ סיגנאַל געגעבען און מיט איינמאָל האָבען זיך אַלע געשטעלט אויפ׳ן, פּלאַץ און זיך ענטדעקט אין זייער ריכטיגען, ווירקליכען געשטאַלט...

(הרב יקותיאל ארי׳ קאַמעלהאר)

רק ביאור תשארנה... (ח. ה.)

דער בעריהמטער רייזענדער, ר׳ יעקב אבן ספּיר, שרייבט אין זיינע מסעות וועגען מצרים, אַז דער דאָזיגער אָנזאָג: „רק ביאור תשארנה״, איז געבליבען לדורות, אַלס זכר פון די צפרדעים, און בכדי די דאָזיגע מכה זאָל קיינמאָל פון די מצריים נישט פערגעסען ווערען, זענען עד היום פערבלי־בען אין נילוס די קראָקאָדילען, וועלכע וואַרפען אויף אַלעמען אַ פחד אָן...

לא נכון לעשות כן כי תועבת מצרים נזבח... (ח. כב.)

לויט׳ן פּירוש פון אבן־עזרא איז דער פשט פון „תועבת־מצרים״, אַז די מצריים זענען שטאַרק נזהר געווען אין צער בעלי חיים, זיי האָבען נישט געגעסען קיין פלייש, ובכלל קיין שום דבר היוצא מן החי, און זיי האָבען זיך געמיאוס׳ט און עס האָט זיי שאָקירט, ווען אַ צווייטער האָט דאָס געטהון.

און דעריבער איז „לא נכון לעשות כן״, דען דער דין אין יורה־דעה (סימן ק״ד), אַז אַ „דבר שנמאס להדיוט אסור להקריב לגבוה״, און קוים איז עס נמאס פאַר די מצריים טאָר מען די דאָזיגע קרבנות דאָ נישט מקריב זיין, נאָר — „דרך שלשת ימים נלך במדבר״, מען מוז זיי אַוועקפיהרען ווייט מחוץ למדינה, דאָרט־וואו עס איז קיינעם נישט נמאס...

(רבי יוסף שאול נאַטאַנזאָהן)

„לא נכון לעשות כן"... עס נישט רעכט, אז מענשען, וועלכע זענען אזוי „הומאַניסטיש" געשטימט, וועלכע זענען דורכגעדרונגען מיט אַזוי פיעל רחמנות צו די בהמות, אַז אַזעלכע צער-בעל-חיים'ניקעס זאָלען אין דער זעלבער צייט זיין אַזעלכע אכזרים צו מענשען, צו אַרבייטען מיט די אידען עבודת-פרך און צו וואַרפען זייערע קינדער אין טייך...

(אמרי חן)

ויחזק ד' את לב פרעה ולא שמע אליהם... (ט. יב.)

פאַרוואָס שטעהט ביי אַלע אַנדערע מכות סתם: „ויכבד את לב פרעה", בלויז דאָ, ביי מכת שחין, ווערט געזאָגט: „ויחזק ד' את לב פרעה".

מחמת ביי יעדע מכה — זאָגט דערויף דער רמב"ם — האָבען די חרטומים מיטגעהאָלפען פרעה'ן אין זיין עקשנות און איהם צוגערעדט דערצו. דאָ אָבער, ביי דער מכה פון שחין, ווערט געזאָגט אין פסוק: „ולא יכלו החרטומים לעמוד לפני משה מפני השחין", אַז זיי האָבען זיך געשעמט צו ווייזען פאַר משה'ן בשעת ער איז געקומען צו פרעה'ן און זיי האָבען נישט געקענט זיין דאָרט. פרעה איז אַליין דאָס מאָל. בעת ער האָט געדאַרפט משה'ן געבען אַן ענטפער, געבליבען אַליין, אָהן די חרטומים, און דעריבער איז דאָס מאָל נויטיג געווען, אַז — „ויחזק ד' את לב פרעה"...

(מורה נבוכים)

כצאתי את העיר אפרוש את כפי... (ט. כט.)

דער בעריהמטער וואַרשאָווער גביר, ר' זלמן פויזנער, האָט, ווי בעקאַנט געפיהרט צווישען די פוילישע אידען אַ שטאַרקע אַגיטאַציע, זיי זאָלען זיך נעהמען צו לאַנדווירטשאַפט, און אין זיין אַגיטאַציע פלעגט ער זיך בענוצען מיט'ן דאָזיגען פסוק:

„כצאתי את העיר אפרוש ארת כפי אל ד'", נאָר ווען מען געהט אַרויס פון שטאָדט און מען בעזעצט זיך אויפ'ן דאָרף איז מען אימשטאַנד צו דינען דעם אויבערשטען און צו פיהרען אַ נאָרמאַל און עהרליך לעבען...

אַלס התחלה דערצו ד״האָט ער בעזעצט עטליכע אידישע פאַמיליעס אין זיין גוט אין קובאַרי, וואו ער האָט יעדען פון זיי געגעבען אַנ׳אומ־זיסטען שטח באָדען מיט אַ דירה און מיט אַלע נויטיגע מכשירים און זיי געמאַכט פאַר פויערען.

איינמאָל איז אַראָבגעקומען צו איהם צו גאַסט רבי יהושע׳לע קוטנער, וועלכער איז געוועזן טשיקאַווע צו זעהען, ווי אַזוי די אידען זענען עוסק אין ערד־אַרבייט, וואָס צו יענער צייט איז עס אין פוילען געווען אַ חדוש גדול.

רבי זלמן, וועלכער איז גראָד נישט איבריג צופרידען געווען פון זיי־נע ערשטע „חלוצים״, פיהרט איהם אַרויס אויפ׳ן פעלד. געווען איז דאָס אין דער אַקער־צייט. אויף איין זייט פעלד זענען געשטאַנען גוים און געאַקערט און אויף דער צווייטער זייט — אידען.

— איהר זעהט, רבי — מאַכט צו איהם ר׳ זלמן — גוים אַקערען און אידען, להבדיל, אַקערען. די קוקען אויפ׳ן הימעל און די זענען מתפלל. די גוים זענען מתפלל אויף אַ גוט געראַטעניש, ס׳זאָל געהען רעגען צו דער צייט, דער שניט זאָל זיך איינגעבען וכדומה. די אידען אָבער, אַז זיי קוקען אין הימעל אַריין, איז איטליכער פון זיי מתפלל: שיק מיר צו, רבונו של של עולם, אונטער׳ן אַקער, עפעס אַ טייערען אוצר, כ׳זאָל פטור ווערען פון דער דאָזיגער מלאכה בזויה...

והחטה והכוסמת לא נכו... (ט. לב.)

פאַרוואָס האָט מען עפּעס דאָס איבערגעלאָזט, הלמאי איז טאַקי נישט אַלץ פערניכטעט געוואָרען?

וייל דראָהען קאָן מען נאָר אַזעלכען, וועלכער פערמאָגט נאָך עפּעס. דער, וואָס פערמאָגט שוין גאָרנישט, דעם קאָן מען מעהר נישט דראָהען, ער האָט שוין נישט וואָס צו פערלירען... און דעריבער האָט מען פרעה׳ן עפּעס איבערגעלאָזט — ער זאָל נאָך האָבען פאַר וואָס מורא צו האָבען...

(יד יוסף)

ויחדלו הקולות והברד... (ט. לג.)

צוויי מאָל, איז אָנגעצייכענט אין דער מסורה, געפינט זיך אין דער

תורה דאָס וואָרט „ויחדלו“: דאָ — „ויחדלו הקולות“, און „ויחדלו לבנות העיר“ (בראשית יא. ח), אַ רמז אויף דער טראַגעדיע פון אידישען לאַנד, אין וועלכען מיר דערמאָהנען זיך באָר דאָן, ווען עס דערהערען זיך די קולות, דער „הקול קול יעקב“, ווען די צרות שטאַרקען זיך און דער באָדען הויבט אָן ברענען אונטער אונזערע פיס. דאַמאָלס ווערען מיר אַלץ דערוואַרימט, דאַמאָלס האָט דער רעיון וועגען בנין־הארץ גרויס ערפאָלג ביי אַלעמען. מיט׳ן מאָמענט אָבער ווען עס איז „ויחדלו הקולות“, ווען עס דוכט זיך, אַז עס הויבט אָן ווערען אַ ביסעל לייכטער, איז — „ויחדלו לבנות העיר“...

(הרב נתן פרידלאַנד)

בא

בא אל פרעה.. (י. א.)

דערויף ווערט געזאָגט אין זהר: „רבי יהודה פתח ואמר, אשרי העם יודעי תרועה וכו׳״.

וואָס פאַר אַ שייכות האָט דאָס צום דאָזיגען פסוק?

ווייל דאָ רעדט זיך וועגען דער מכה פון ארבה, און ארבה איז איינע פון די פורעניות׳ן, אויף וועלכע מען דאַרף בלאָזען שופר, ווי עס ווערט געזאָגט אין דער משנה: „על אלו מתריעין בכל מקום, על השדפון ועל הירקון ועל הארבה וכו׳״ (תענית י״ט)...

(רבי נפתלי הערץ דינאָווער)

ויגרש אתם מאת פני פרעה... (י. ו.)

„לפי שראה שעבדיו מתלחשים״ (מדרש)

רבי דוד בעכאָווער איז אַמאָל אַרעסטירט געוואָרען אין פעטערבורג צוליעב עפּיס אַ מסירה און נאָכ׳ן אָבהאַלטען איהם עטליכע טעג אין אַרעסט האָט מען איהם געשטעלט אויפ׳ן פערהער פאַר די אויספאָרשונגס-ריכטער. בשעת דער אויספאָרשונג האָבען די ריכטער געוואָלט זיך וועגען עפּיס מיישב זיין און, בכדי דער אַרעסטאַנט זאָל נישט פערשטעהן זייער געשפּרעך, האָבען זיי גענומען רעדען צווישען זיך אויף פראַנצויזיש.

רבי דוד בעכאָווער האָט אָבער געקענט פראַנצויזיש און בשעת זיי האָבען אָנגעהויבען רעדען האָט ער דעריבער אָבגעקעהרט דעם קאָפּ אָן אַ זייט.

איינער פון די ריכטער האָט איהם דערביי מיט כעס אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז עס איז אונטאַקטיש אָפּצודרעהען דעם קאָפּ. אַן אַרעסטאַנט דאַרף שטעהן ביי דער אויספאָרשונג גלייך, מיט דרך-ארץ.

דערויף האָט זיך רבי דוד פֿערענטפֿערט אויף פראַנצויזיש, אַז טאַקי צוליעב דרך־ארץ דרעהט ער אַוועק דעם קאָפּ, ווייל היות, ווי זיי האָבען אָנגעהויבען צו רעדען צווישען זיך אויף אַ פרעמדע שפּראַך דערפאַר, ווייל זיי מיינען, אַז ער פערשטעהט נישט. און היות ווי ער פערשטעהט גראַד יאָ די דאָזיגע שפּראַך, איז דעריבער קיין דרך־ארץ נישט אונטערצוהערען...

די דאָזיגע אונערוואַרטעטע תשובה האָט אויף זיי אַ שטאַרקען איינדרוק געמאַכט און זיי האָבען איהם גלייך בעפרייט.

— דאָס האָב איך אַראָבגעלערנט — האָט רבי דוד נאָכהער ערקלערט פאַר זיינע מקורבים — פון משה רבינו. אויפ׳ן פסוק „ויפן ויצא מעם פרעה״ זאָגט דער מדרש: „לפי שראה עבדיו מתלחשים״, אַז צוליעב דעם, הייסט עס, וואָס ער האָט געזעהען, אַז זיי ריידען צווישען זיך עפּיס אין דער שטיל, נישט וועלענדיג, אַז ער זאָל הערען זייער געשפּרעך, האָט ער זיך דעריבער אויפגעהויבען און איז אַרויסגעגאַנגען, בכדי נישט אונטערצוהערען קיין פרעמדע סודות...

דבר נא באזני העם וישאלו איש מאת רעהו וכו׳... (יא.ב.)

„כדי שלא יאמר אותו צדיק אברהם, ועבדום וענו אותם קיים בהם, ואחרי כן יצאו ברכוש גדול לא קיים בהם״ (רש״י)

רבי לוי יצחק בערדיטשעווער האָט אַמאָל געהערט, ווי אַ פשוט׳ער איד טענה׳ט זיך אויס מיט אַ מתנגד׳ישען מגיד און ער קלאָגט זיך פאַר איהם אויף זיין ביטערע לאַגע, באשר עס איז איהם געביך זעהר און זעהר שלעכט, ער איז אַרומגערינגעלט ל״ע מיט אָהן אַ שיעור צרות, אין דער צייט, וואָס ער בעמיהט זיך מיט אַלע כחות צו זיין גוט און פרום און ער האָט נאָך קיינעם חלילה קיין שלעכטס געטהון און ער פערשטעהט נישט, פאַרוואָס עס קומט איהם אַזוי צו ליידען. היתכן — זיפצט דער איד — זו תורה וזו שכרה? צי דאַרף מען שוין אויף דער וועלט גאַר קיין שום מינדעסטען שכר נישט בעקומען, אַפילו קיין שטיקעל ברויט צו דער זעט?— דערויף טרייסט איהם דער מגיד און גיט איהם צו פערשטעהן, אַז אַ טייל שכר פאַר די גוטע מעשים בעקומט מען אויך אויף דער וועלט, אבער דער דאָזיגער שכר בעשטעהט נישט פון פשוט׳ע גראָבע גשמיות, נאָר פון רוחניות און פון תענוגים רוחניים...

— גלויבט איהם נישט, ר׳ איד — רופט זיך אָן רבי לוי יצחק — ס׳איז נישט אמת!... אויך די צרות, וואָס דער רבש״ע גיט אייך, זיינען נישט

קיין רוחניות'דיגע, נאר גשמיות'דיגע, דארף ער אייך דעריבער אויך דעם שכר געבען א גשמיות'דיגען... איהר זענט מיט אייערע תביעות, ליעבער איד, פאלקאם גערעכט!

און צום מגיד ווענדעט ער זיך און זאגט:

— אט דאס איז דער פשט: „שלא יאמר אותו צדיק אברהם"... לעולם האט דער רבונו של עולם מיט זיין הבטחה „ואחרי כן יצאו ברכוש גדול" געמיינט אפשר גאר א רוחניות'דיגען רכוש — די תורה, וואס ער וועט געבען די אידען נאכ'ן ארויסגעהן פון מצרים, דאס איז אן'אונגעהעהנליך רכוש, אן'אונשעצבאר פערמעגען, „יקרה היא מפנינים" און „טוב לי תורת פיך מאלפי זהב וכסף" און ער וואלט זיכער געקענט יוצא זיין דערמיט זיין געגעבענע הבטחה... און דאך האט ער זיי געגעבען פשוט'ע כלי כסף וכלי זהב, „כדי שלא יאמר אותו צדיק אברהם", כדי אברהם זאל נישט קומען מיט א טענה, אז „ועבדום וענו אותם קיים בהם", האט ער מקיים געווען „בהם", אין זיי אליין, אין זייערע קערפער, אויפ'ן פשוט'ן גשמיות'דיגען אופן, דאגעגען „ואחרי כן יצאו ברכוש גדול לא קיים בהם", האט ער נישט מקיים געווען „בהם", אין זייערע גופים, נאר אין זייערע נשמות, אבצאהלענדיג זיי מיט רוחניות...

וישאלו איש מאת רעהו וכו' כלי כסף וכלי זהב...

דעריבער האט מען געזאגט די אידען, אז זיי בעקומען דאס אלץ גאר בדרך שאלה, בתור הלואה, ווייל ווען מען וואלט די אידישע פרויען אויסגעזאגט דעם סוד, אז דאס כסף וזהב בלייבט אויף אן'אמת זייערס, וואלטען זיי עס זעהר שנעל פערתכליתעט, זיי וואלטען צעטרענצעלט דאס ביסעל געלד אויף פערשיעדענע לוקסוס-זאכען און טואלעט-קליידער, אזוי, אז דער גאנצער „רכוש" וואלט ווידער אמאל געבליבען אין מצרים, ביי די מצרישע קרעמער און מצרישע שניידערינס...

(לחמי תודה, בדרך צחות)

וישאלו איש מאת רעהו...

רבי יצחק מאיר זינקאווער'ס טאכטער, רחל, רבי אהרן קארלינער'ס ווייב, האט אמאל געמוסר'ט א חסיד, הלמאי ער האט אראבגעווארפען פון

זיך די אידישע הלבשה און זיך גענומען קליידען אין אייראפעאישע מלבושים, מעשה גוי.

האט איהר דער חסיד דערויף געענטפערט: הלמאי איהר, רביצין, טראגט נישט קיין ספעציעלע אידישע הלבשה און איהר געהט געקליידעט פונקט אזוי, ווי די נישט-אידישע פרויען?

ענטפערט איהם די קארלינער רביצין: אין פרשת שמות ווערט געזאגט: „ושאלה אשה משכנתה וכו׳ כלי כסף וכלי זהב ושמלות״, דאגעגען אין פרשת בא שטעהט: „וישאלו איש מאת רעהו ואשה מאת רעותה כלי כסף וכלי זהב״. פארוואס ווערט דא אויך נישט דערמאהנט דאסווארט „ושמלות״?

נאר דארט, אין פ׳ שמות, ווערען קיין מענער איינגאנצען נישט דערמאהנט און עס רעדט זיך בלויז וועגען פרויען: „ושאלה אשה משכנתה״, ווערט דעריבער געזאגט, אז א חוץ כסף וזהב זאלען זיי אויך בארגען שמלות, קליידער, ווייל אידישע פרויען, איז פונדאגען א בעוויז, דארפען זיך נישט אויסצייכענען מיט קיין בעזונדערע אידישע הלבשה און זיי מעגען טראגען די קליידער פון די מצריות... דא אבער, אין פ׳ בא, רעדט זיך אויך וועגען מענער: „וישאלו איש מאת רעהו״, און דעריבער ווערט נישט דערמאהנט קיין שמלות, דען מענער טארען נישט טראגען קיין גוי׳אישע מלבושים...

ולכל בני ישראל לא יחרץ כלב לשונו... (יא. ז.)

צוליעב וואס איז אזש נויטיג געווען א בעזונדערע הבטחה, אז די הינד וועלען נישט בילען, פארוואס עפעס איז געווען א הוה-אמינא, אז זיי וועלען יא בילען?

דען די גמרא זאגט: „שלש משמרות הוי הלילה וכו׳ שניה כלבים צועקים״ (ברכות ג׳), און היות ווי מכת בכורות איז פארגעקומען בחצות הלילה, אין דער צווייטער משמורה, אינ׳ם זמן ווען עס איז „כלבים צועקים״, איז דעריבער געקומען די הבטחה אז — „ולכל בני ישראל לא יחרץ כלב לשונו״...

(קשורת ספרים)

ויאמר ד׳ אל משה לא ישמע אליכם פרעה וכו׳ ומשה ואהרן עשו את כל המופתים האלה.. (יא. א.)

הגם השי״ת האט זיי בפירוש געזאגט, אז זייער איצטיגע ארבייט איז אומזיסט, אז „לא ישמע אליכם פרעה", דאך „ומשה ואהרן עשו את כל המופתים האלה", האבען זיי געטהון דאס זייעריגע... ביים ערפילען דאס דאזיגע וויכטיגע שליחות דארף מען זיך נישט אבשרעקען און זיך נישט מתייאש זיין צוליעב דעם, וואס מען זעהט נישט קיין מאמענטאלע פעולה אין דער ארבייט, דען — אזוי איז דער דרך-הגאולה...

(רבי אלי׳ גריידיצער)

ויאמר ד׳ אל משה ואל אהרן... (יב. א)

דאס רוב דברות זענען געזאגט געווארען נאר צו משה׳ן, א טייל צו משה ואהרן, „חוץ משלשה מקומות" — ווערט דערויף געזאגט אין דער מכילתא — איז דער דבור געווענדעט געווען בלויז צו אהרנ׳ען — „מפני שאי אפשר", ווייל אנדערש, הייסט עס, האט נישט געקענט זיין.

אין וועלכע שלשה מקומות? און וואס איז דער פשט „מפני שאי אפשר"?

דער מגן אברהם אין ספר „זית רענן" ווייזט-אן, אז די שלשה מקומות זענען: „וידבר ד׳ אל אהרן לאמר יין ושכר אל תשת" (ויקרא י.ה.), „ויאמר ד׳ אל אהרן אתה ובניך וכו׳ תשאו את עון המקדש" (במדבר יח. א.) און „ויאמר ד׳ אל אהרן בארצם לא תנחל" (במדבר יח. כ.), און דאס איז דער פשט: „מפני שאי אפשר", אין די דריי פאלען האט מען נישט געקענט ריידען מיט משה׳ן, נאר מיט אהרן, ווייל די אלע זאכען זענען דאך נאר איהם, אהרנ׳ען, נוגע געווען.

החדש הזה לכם ראש חדשים... (יב. ב.)

פארוואס איז דאס גראד געווען די ערשטע מצוה, וועלכע איז גע-געבען געווארען די אידען בשעת זייער ארויסגעהן פון מצרים?

ווייל, ווי בעקאנט, זענען די עגיפטער געווען די ערפינדער פון

לוח, זיי האָבען די ערשטע איינגעפיהרט די צעהלונג פון זון־יאָהר, נישט פון לבנה־חודש, ווי עס איז געווען אָנגענומען ביי אַנדערע פעלקער, און דאָס איז דערפאַר, ווייל עס איז פאַר זיי נויטיג געווען צו צעהלען די טעג פון יאָהר, בכדי אויסצורעכענען ווען דער נילוס דאַרף זיך אויסגיסען און ניי־יאָהר איז טאקי ביי זיי אויסגעפאַלען אינ'ם טאָג פון נילוס־אויסגוס.

און דעריבער, ווייל די ערפינדונג פון לוח האָט זיך דאַן גערעכענט אַלס איינע פון די וויכטיגסטע דערגרייכונגען אין דער עגיפטישער קולטור, איז דעריבער אַלס מצוה ראשונה אָנגעזאָגט געוואָרען: „החודש הזה לכם ראש חדשים!" אַלס זעלבסשטענדיג, אונאָבהענגיג פאלק, זאלט איהר קודם־כל נישט פייערען דאס מצר'ישע ניי־יאהר און איינפיהרען ביי זיך אייגענע, אידישע חדשים...

(הרב זאב יעבץ)

דעריבער זענען מיר זיך נוהג ביי קדוש החודש צו זאגען: „דוד מלך ישראל חי וקים", מרמז צו זיין דערמיט, אַז מלכות בית דוד איז געגליכען צו דער לבנה, וואס הגם זי ווערט יעדעס מאל נעלם אויף אַ געוויסע צייט, איז דאך פאַר קיינעם דער מינדסטער ספק נישט פאַרהאַן, און עס איז קלאר און זיכער, אַז זי וועט זיך צוריק בעווייזען און צוריק בעניים ווערען...

(רמ"א)

צו רבי חיים צאַנזער איז אַמאל געקומען אַ געהיסער רב, אַ גרויסער למדן, אויף וועלכען מען האט אין דער שטיל געמורמעלט, אַז ער איז אַ קנאַפער ירא־שמים, און דער צאַנזער האט איהם דעריבער נישט איבריג פריינדליך אויפגענומען. גלייכצייטיג מיט איהם איז אויך געקומען צופאהרען עפעס איינער אַ רייכער מגושם'דיגער איד, וועלכע האָט נישט אויסגעזעהען צו זיין פון די שטאַרק אבגעהיטענע שומרי תורה ומצוות, און דער צאַנזער האט זיך דערפרעהט מיט איהם און איהם זעהר מקרב געווען.

ביים געזעגענען זיך האט דער רב אויסגעדריקט זיין תרעומות און געפרעגט: היתכן? מיט וואָס, רבי, איז יענער איד מעהר יחסן פאַר מיר, צי דערפאַר, וואָס ער האָט געלד?

— חס ושלום! — ענטפערט רבי חיים צאַנזער — נישט דערפאַר, נאָר ווייל ביים בענשען ראש־חודש זאָגען מיר: „חיים שיש בהם יראת שמים ויראת חטא" און נאָכהער זאָגען מיר נאָכאַמאָל: „חיים שתהא בנו אהבת תורה ויראת שמים". נאָכוואָס בעטען מיר עפעס צוויי מאָל אויף יראת־

שמים? ווייל — ווענדעט ער זיך צום רב מיט א שטרענגען בליק — צו אהבת תורה דארף מען האבען גאר א בעזונדער יראת-שמים!...

אל תאכלו ממנו נא ובשל מבשל במים... (יב. ט.)

אויפ'ן מאמר אין דער גמרא: „פסח שבשלו בחמי טבריא חייב שעבר משום צלי אש" (פסחים מ"א), פרעגען די מפרשים: ווי איז דען איבער-הויפט גאר מעגליך אזא פאל? דער דין איז דאך, אז „אין הפסח נאכל אלא בירושלים", איז אויב מען האט דאס פלייש פון קרבן-פסח געפיהרט קיין טבריא, ווערט עס דאך ממילא פסול, ווייל עס איז מחוץ-לחומה, אלא וואס, מען האט וואסער פון די חמי-טבריה געברענגט קיין ירושלים, ווערט דאך עס איבער'ן וועג פון אזא ווייטען מרחק קאלט און עס איז גאר אונמעגליך, אז מען זאל קענען דעריין קאכען דעם קרבן-פסח?

אויף דער דאזיגער הארבער קשיא, אויף וועלכער עס ווערען געגע-בען פערשידענע תירוצים, ווערט אין ספר „בכורי שלמה" געברענגט אין נא-מען פון היינטיגען גערער רבי'ן, אז בזמן-הזה איז עס לגמרי מעהר קיין קשיא נישט, מחמת עס איז דאך מעגליך, אז מען זאל דאס וואסער פון די „חמי טבריא" ברענגען אין א ווארים-פלאש, אין א טערמאס...

ואמרתם זבח פסח הוא... (יב. כז.)

דא, ביי דער תשובה, וועלכער ווערט געגעבען אויף דער שאלה פון רשע, שטעהט נישט, ווי ביי די תשובות פון די אנדערע דריי בנים' „ואמרת אליו", נאר סתם: „ואמרתם". צו איהם, דעם רשע, זאלט איהר נישט רעדען, מיט איהם זאלט איהר זיך אין קיין געשפרעכען נישט אריינ-לאזען, נאר — „ואמרתם", ענטפערען זאלט איהר די ארומיגע, וועלכע זע-נען געשטאנען דערביי און געהערט דעם רשע'ס שאלה...

(„חסד לאברהם" פאר'ן ווילנער גאון)

והיה כי יאמרו אליכם בניכם מה העבודה הזאת לכם...

(יב. כו.)

דערויף ווערט געזאָגט אין מכילתא: „בשורה טובה נתבשרו ישראל באותה שעה, שעתידים לראות בנים ובני בנים להם״.

פרעגט מען: אין דער פרשה ווערט דאָך בלויז דערמאָהנט בנים, טאָ פונוואַנען דרינגט מען עס, אַז דאָס בעציהט זיך אויך אויף בני בנים?

ווייל אויף בנים האָלט נישט נויטיג געווען דער „והיה כי יאמרו אליכם בניכם״ און „והיה כי ישאלך בנך״, דען לויט'ן דין איז דאָך „חייב אדם ללמד את בנו תורה״, ביי אייגענע קינדער דאַרף מען גאַרנישט וואַרטען, ביז זיי וועלען פרעגען, און דעריבער דרינגען דערפון די חז״ל, אַז דאָ רעדט זיך נישט בלויז וועגען בנים, נאָר אויך וועגען בני בנים...

(זית רענן פון מגן אברהם)

ויהי בחצי הלילה... (יב. כט.)

„מלמד שזרחה השמש כצהרים״ (מדרש)

פונוואַנען דרינגט עס דער מדרש? וואו איז עס דען מרומז אין פסוק?

נאָר אין בראשית, אויפ'ן פסוק „ויקרא אלקים לאור יום ולחשך קרא לילה״, ווערט געזאָגט אין מדרש רבה: „ולחשך קרא אלקים לילה אין כתיב כאן, אלא ולחשך קרא לילה״, ווייל „אין הקב״ה מייחד שמו על הרעה אלא על הטובה״. איז דאָך אַלזאָ קשה: פאַרוואָס ווערט דאָ יאָ דערמאָהנט דעם אויבערשטענס נאָמען, „ויהי בחצי הלילה וד׳ הכה כל בכור״? און דערפון דרינגט דער מדרש, אַז נישט אַנדערש, נאָר „מלמד שזרחה השמש כצהרים״.

(רבי ר׳ העשיל)

והיה לאות על ידכה ולטוטפות בין עיניך וכו׳... (יג. טז.)

און גלייך דערויף ווערט געזאָגט: „ויהי בשלח פרעה את העם וכו׳״.

וואס פאר א צוזאמענהאנג האט די סמיכות פון די דאזיגע צוויי פסוקים ?...

האט געזאגט דערויף רבי יונתן אייבעשיץ:

אויפ'ן פסוק „ויהי בשלח פרעה״ ווערט געזאגט אין מדרש תנחומא: „מי קרא ווי ? פרעה קרא ווי״, אז פרעה האט זיך שוין דאמאלס מייאש געווען פון די אידען, און די גמרא זאגט: „עבד שברח ורבו מתייאש הימנו חייב בתפלין״...

בְּשַׁלַּח

בראותם מלחמה ושבו מצרימה... (יג. יז.)

„כנון מלחמת ויורד העמלקי והכנעני" (רש"י)

דעריבער װעלען זיי, אויב דער װעג װעט זיין נאָהנט, צוריקגעהן קיין מצרים, װייל נאָך דער גרויסער מפלה, װאָס די מצריים װעלען ליידען, װען עס װעט זיין „לא נשאר בהם עד אחד", װעלען זיך די אידען טראַכטען: נאָכװאָס זאָלען זיי געהן קיין ארץ־ישראל און אויסשטעהן פערשידענע מלחמות אויפ'ן װעג, פריהער מיט עמלק'ן, מיט סיחון ועוג און דאַן ערשט מיט די מלכי כנען, װיבאַלד זיי האָבען פאַר זיך א פאַרטיג, אונבעהערשט און אונבעװאָפענט לאַנד, מצרים, װאָס זיי קענען איצט זעהר לייכט איינ־נעהמען און זיך בעזעצען דאָרט, שוין נישט אַלס קנעכט, נאָר אַלס בעלי־בתים !...

(ביאור ומדרש תורה)

ויוגד למלך מצרים כי ברח העם... (יד. ה.)

מעגליך, אַז דערפאַר האָט זיך פרעה געכאַפּט, אַז די אידען זענען אַנטלאָפען און האָבען נישט בדעה מעהר צוריק צוקומען, װייל מען האָט איהם דער־צעהלט, אַז „ויקח משה את עצמות יוסף עמו" און קוים װאָלטען זיי גע־האַלטען ביי צוריקקומען, װאָלטען זיי, געהענדיג אויף עטליכע טעג אין דער מדבר אַריין, נישט מיטגענומען מיט זיך יוסף'ס ביינער...

(הכורם)

ויהי הענן והחשך ויאר את הלילה... (יד. כ.)

„ויאר עמוד האש את הלילה לישראל" (רש״י)

דאַגעגען אין תהלים אויפ'ן פסוק „ואומר אך חושך ישופני ולילה אור בעדני" (תהלים קלט. יא.) זאָגט רש״י: „אור זה לשון אופל הוא כמו לא יפוק ענן אורו וכו' וכן ויאר את הלילה", לויט יענעם פירוש פון רש״י איז אַלזאָ דער טייטש: „ויאר את הלילה", ער האָט פערפינסטערט די נאַכט, להיפוך צו רש״י'ס ווערטער דאָ אויפ'ן אָרט... אַ פלא!

(ש זאקאן)

ויהי הענן והחשך ויאר את הלילה...

בשעת דאָס חשכות איז זיך מתגבר און עס איז שוין שטאָק-פינסטער איז אַ סימן, אַז דאָס ליכט און די הילף דערנעהנטערט זיך... בשעת עס איז „עת צרה ליעקב – דאַן — וממנה יושע", דאַרף מען ערוואַרטען די ישועה...

(בינה במקרא)

זה אלי ואנוהו... (טו. ב.)

„בכבודו נגלה עליהם והיו מראין אותו באצבע, ראתה שפחה על הים מה שלא ראו נביאים" (רש״י).

פונוואַנען דרינגט עס דער דרש, אַז די דאָזיגע ווערטער האָבען גע- זאָגט די שפחות?

האָט געזאָגט דערויף דער סאָכאַטשעווער גאון, רבי אברהם-עלע:

דער דין איז אין דער משנה: „הגר מביא ואינו קורא", אַז דער גר ביים ברענגען בכורים לייענט נישט די פרשה פון בכורים, ווייל ער קאָן נישט זאָגען: „אשר נשבע לאבותינו לתת לנו", און דאָס זעלבע איז אויך ביי עבדים ושפחות (בכורים פרק א').

אין פסוק דאָ ווערט געזאָגט: „זה אלי ואנוהו, אלקי אָבי וארוממנהו", פאַרוואָס איז דער „אלקי אָבי" נישט דערמאָהנט פריהער, באַלד אינ'ם ערשטען פסוק? איז דערפון דרינגט דער דרש, אַז די ערשטע ווערטער זענען געזאָגט געוואָרען דורך אַזעלכע, וועלכע קאָנען נישט זאָגען „אלקי

אָבִי״, דורך די עבדים ושפחות און — ראתה שפחה על הים מה שלא ראו נביאים״...

כל המחלה אשר שמתי במצרים... (טו. כו.)

דוד המלך, ווי עס ערקלערען די חז״ל (סנהדרין צ״ה), איז נענש געוואָרען דערפאַר, ווייל צוליעב דעם, וואָס דואג האדומי האָט גערעדט אויף איהם רכילות פאַר שאול׳ן, האָט שאול געהייסען אויסהרג׳ענען די שטאָדט נוב עיר הכהנים און צוליעב דעם חטא איז נאָכהער אומגעקומען שאול און זיינע דריי זיהן, הגם דוד אַליין איז ביי דעם אַלעם אַבסאָלוט נישט געווען שולדיג איז ער דאָך נענש געוואָרען, ווייל דאָס אַלץ איז דאָך סוף כל סוף געשעהן צוליב איהם און ער האָט אונדירעקט דערצו גורם געווען...

און צוליעב דעם איז איצט, נאָך די מפלה פון די מצריים, נויטיג געווען די הבטחה, אַז כאָטש די מצריים זענען צוליעב זיי אומגעקומען, כאָטש זיי, די אידען, האָבען דערצו גורם געווען, דאָך — „כל המחלה אשר שמתי במצרים לא אשים עליך״, וועלען זיי דערפאַר נישט נענש ווערען...

(חתם סופר)

כי אני ד׳ רופאיך... (טו. כו.)

רבונו של עולם! — האָט זיך אַ מאָל רבי לוי יצחק אויסגע׳טענה׳ט מיט׳ן אויבערשטען - דער דין איז דאָך, אַז החובל בחבירו איז ער מחויב אין חמשה דברים, דאַרף ער איהם בעצאָהלען פאַר נזק, צער, ריפוי, שבת און בושת. טאָ וואו איז די בעצאָהלונג פאַר אַלע אונזערע יסורים און ליידען? וועסטו אפשר זאָגען, אַז דו ביזט פטור פון רפא ירפא, ווייל דו שלאָגסט דיינע אייגענע קינדער? איז דאָך אָבער דער דין, אַז החובל בבניו, און זיי זענען נישט קיין סמוכים על שלחנו, ער האָלט זיי נישט אויס מיט קיין פרנסה, איז ער חייב? וועסטו אפשר ענטפערן, אַז אויף דיר איז נישט חל דער רפא ירפא, ווייל „אני ד׳ רופאך״, דו ביזט אַליין אַ דאָקטאָר? זאָגט אָבער די גמרא, אַז אויב דער חובל איז אַליין אַ דאָקטאָר קאָן ער זיך דערמיט נישט פטר׳ן און „ואי אמר ליה אסייך אנא, אומר ליה דמית עלי כאריא ארבא״ (בבא קמא פ״ה:) טאָ פאַרוואָס ביזטו

רבונו של עולם, נישט מקיים דעם דין, פארוואס בעצאהלסטו אונז נישט פאר אונזערע שווערע ליידען ?...

למען אנסנו הילך בתורתי אם לא... (טז. ד)

ווי אזוי וועלען זיי דורכ'ן מן געפרובט ווערען, צי זיי זענען מקיים די תורה ?

נאר – ווערט דערויף נאכגעזאגט אין נאמען פון א גדול – אין מן, זאגען די חז"ל, האט יעדער געהאט די מעגליכקייט צו פיהלען וואס פאר א טעם ער האט געוואלט. לויט דעם טעם, אלזא, וואס יעדער איינער האט מכוון געווען צו פיהלען אין מן, איז קענטיג געווען דער „הילך בתורתי אם לא", צי ער איז אדוק בדרך התורה, אדער נישט. דער בן תורה האט עסענדיג דעם מן זיך בעגנוגענט, צו פיהלען בלויז דעם טעם פון „פת במלח ומים במשורה", דען נאר אזוי ארום קאן מען מקיים זיין דעם „כך דרכה של תורה" און דעם „ובתורה אתה עמל", דאגעגען דער עולם-הזה'ניק האט אין זינען געהאט בלויז דעם פרעס, צו פיהלען וואס מעהר דעם טעם פון גוטע מאכלים...

„רבי שמעון היה אומר לא ניתנה התורה לדרוש אלא לאוכלי המן" (מכילתא).

רבי יוסף שאול נאטאנזאהן האט איינמאל, בשעת עס איז געווען א גרויסער מאנגעל און יקרות אויף פלייש, מתיר געמאכט די לעמבערגער קצבים מנקר צו זיין די אחוריים.

בעת רבי חיים צאנזער האט דאס דערהערט, האט ער אוועקגעשיקט צו איהם א בריעף מיט אנ'אנפראגע: היתכן ? ווי ערלויבט ער זיך מתיר צו מאכען א זאך, וואס די גדולי ישראל אין פוילען האבען געאסר'ט ?

דערויף האט איהם רבי יוסף שאול אבגעענטפערט מיט כמה וכמה ראיות וסברות, אז בשעת הדחק, ובפרט אין א הונגער צייט, מעג מען עס מר'תיר מאכען.

רבי חיים צאנזער איז פון דער תשובה נישט געבליבען צופרידען און ער האט איהם אבגעענטפערט מיט א צווייטען בריף, אין וועלכען ער האט אבגעווענדעט אלע געבראכטע ראיות און דערביי צוגעגעבען צום סוף,

אַז איצט וערט איהם פערשטענדליך די מכילתא: „לא ניתנה התורה לדרוש אלא לאוכלי המן". נאָר די אוכלי־המן, וועלכע האָבען זיך נישט געזאָרגט אין קיין זאַך, האָבען זיך געקענט ערלויבען בנוגע די עניני אכילה צו דרשנ'ען פון דער תורה כל מיני דרשות און פשט'לעך, דען זיי האָבען צו קיין שום מכשול נישט געקאָנט ברענגען, היינט אָבער, בעת עס האַנדעלט זיך וועגען אכילה, מוז מען זיין זעהר פאָרזיכטיג מיט די דרשות, וואָרום מען קאָן לייכט נכשל ווערען להתיר את האסור...

הנני ממטיר לכם לחם מן השמים וכו' למען אנסנו הילך בתורתי אם לא...

אַן אָרימאַן איז קיין רביחא נישט, אויב ער איז פרום. אַלע אָרימעלייט זענען בטבע פרום. די אמת'ע פּראָבע וועט זיין בשעת „הנני ממטיר לכם לחם מן השמים"... דאַמאָלס ערשט וועל איך מיך קענען איבערצייגען, צי איהר זענט טאַקי באמת פרום.

(בן פורת יוסף)

רבי שמעלקע ניקעלשבורגער פלעגט זאָגען: ס'איז אַ טעות, וואָס טייל מענשען מיינען, אַז דערפאַר ווייל זיי זענען פרום און אָבגעהיטען, זענען זיי אָרים, און אַז אויב זיי וואָלטען נישט פרום געווען, וואָלט זיי געגאַנגען בעסער. שקר וכזב! „יראו את ד' קדושיו — וואָרום — כי אין מחסור ליראיו — דער מחסור, די אָרימקייט, נעהמט זיך נישט פון יראה, פון פרומקייט, וואָרום והא ראיה, מיר זעהען גאַנץ אָפט, אַז — „כפירים רשו ורעבו" — אַז עס זענען פאַרהאַן אַזעלכע כופרים וועלכע זענען פער־אָרימט און הונגעריג, דאַגעגען זעהען מיר אויך פערקעהרט, אַז — „ודורשי ד' לא יחסרו כל טוב", אַז ס'זענען פאַרהאַן פרומע, עהרליכע אידען, וועלכע זענען געבענשט מיט אַלעם גוטען...

בשעת דער „מחנה לוי" איז געווען רב אין פראַנקפורט האָט ער געפיהרט אַ שטאַרקע אַגיטאַציע געגען דעם פריצת־גדר פון די רייכע אי־

דישע פרויען, וועלכע האָבען אָנגעהויבען געהן אין די אייגענע האָר. איינמאָל, געהענדיג אין גאַס, בעמערקט ער אַנ'ארימע פרוי אין אבגעריסענע מלבושים, און אויך זי געהט אין די אייגענע האר, שטעלט ער זיך אב, שאקעלט מיט'ן קאפ און זאגט צו איהר מיט'ן פסח'דיגען הגדה־ניגון: „ושערך צמח — ואת ערום ועריה"... ערום ועריה, נאַקעט און בארוועס, און דאך — ושערך צמח, אין די אייגענע האר!...

לִקְטוּ מִמֶּנּוּ אִישׁ לְפִי אָכְלוֹ... (טז. טז.)

בשעת רבי משה קרעמער, דער זיידע פון ווילנער גאון, איז אויפ־גענומען געוואָרען אָלס רב אין ווילנא, האָט ער זיך אָבגעזאָגט פון צו נעהמען שכירות און געלעבט האָט ער דערפון, וואס די רביצין האָט גע־האַט אַ קרעמעל, פון וועלכען זיי האָבען זיך בצמצום מפרנס געווען. די בעלי־בתים האָבען דאָך איהם אָבער געוואָלט מהנה זיין, זענען אַלע אַוועק קויפען אין דער דאָזיגער קראָם. בשעת רבי משה האָט זיך דערוואוסט וועגען דעם, האָט ער גוזר געווען אויף דער רביצין, אַז יעדען טאָג, ווי נאָר זי וועט האָבען געלייזט אַזויפיעל, אַז עס זאָל קלעקען אויפ'ן טאָג פרנסה, זאָל זי תיכף שליסען די קראָם. די תורה האָט אונז אָנגעזאָגט — האָט ער איהר ערקלערט — „לקטו ממנו איש לפי אכלו", מען טאָר זיך נישט אָנ־גרייטען מעהר וויפיעל מען דאַרף און עס איז, אַחוץ דעם, קיין יושר נישט, אַז צוליעב מיר, דערפאַר ווייל כ'בין רב, זאָלען די אַנדערע קרעמער ליי־דען און היזק האָבען פדיון...

אִישׁ לַאֲשֶׁר בְּאָהֳלוֹ תִּקָּחוּ... (טז. טז.)

פונדאַנען — דרינגען די גאונים — איז אַנ'אסמכתא, אַז אַ מענש אי חייב במזונות אשתו.

און דעריבער — ווערט דערויף צוגעגעבען — ווערט דאָס געזאָגט ביים מן; אָלס אָנדייטונג, אַז מחויב איז מען מפרנס צו זיין דאָס ווייב נאָר מיט אַזעלכע מזונות, וועלכע זאָלען זיין עהרליך און כשר, ווי דער מן, און אַזוי טאַקי ווערט בפירוש איינגעשריבען אין דער כתובה: „ומפרנסון לנשיהון בקושטא"... (מעדני מלך)

ויותירו אנשים ממנו עד בקר... (טז. כ)

צווישען די, וואָס האָבען נישט געפאָלגט דעם בעפעהל און האָבען זיך בעהאַלטען אַ טייל מן אויף מאָרגען, האָבען דאָס אַ טייל געטהון, ווייל זיי זענען געווען קטני אמנה און זיי האָבען נישט געגלויבט, אַז מאָרגען וועט פאַלען פרישער מן, און אַ טייל — צוליעב קארגשאַפט, ווייל עס איז זיי אַ שאָד געווען עס אַרויסצוּוואַרפען. איז אין בעצוג צו די קטני אמנה — „ויקצוף עליהם משה", האָט ער געצאָרענט אויף זיי און גע'מוסר'ט פאַר זייער אונגלויביגקייט, בנוגע ווידער די, וואָס האָבען דאָס געטהון פון קמצנות און קאַרגשאַפט, איז — „וירם תולעים ויבאש", דען אַזוי איז דער עונש און דער סוף פון יעדען קמצן, אַז ער זאָל פון זיין אָנגעזאַמעלטען גוטס קיין שום הנאה נישט האָבען...

(הכורם)

ובני ישראל אכלו את המן וכו' עד בואם אל ארץ נושבת... (טז. לה.)

אין גלות, אין דער מדבר, מוז מען לעבען מיט נסים, מיט מן פון הימעל, מיט „בארה של מרים", מיט שמלתך לא בלתה". קומענדיג אָבער „אל ארץ נושבת", אין אייגענעם לאַנד און היים — דאַן איז מעהר קיין אָרט נישט פאַר נסים, דאַן מוז מען אָנהויבען אַרבייטען און לעבען נאָרמאַל פשוט, בדרך־הטבע, כדרך כל האדם...

(רבי מרדכי גימפעל יפה)

כי יד על כס י' (יז טז)

אין דער גמרא (פסחים קי"ז) איז אַ ספק, צי „כס יה" רעכענט זיך אַלס איין וואָרט, אָדער צוויי ווערטער.

און דערמיט ווערט אונז פערשטענדליך, פאַרוואָס ביים אויסרעכענען די צאָהל פון דער העלפט אותיות אין דער תורה, ווייזען אָן די חז"ל (קידושין ל') נאָר אויף איין אות ו' פון „גחון", ביי דער צאָהל פסוקים — אויף איין פסוק: „והתגלח". דאַגעגען ביי דער צאָהל ווערטער — אויף

צווייטער ווערטער: „דרש דרש" („דרש דרש משה"). דאָס איז דערפאַר, ווייל עס איז ביי אונז אַ ספק, צי „כס י'" איז איין וואָרט, אָדער צוויי ווער־טער, און אויב עס איז איין וואָרט, דאַן איז דער ערשטער „דרש" די העלפט פון די ווערטער אין דער תורה, אויב אָבער עס איז צוויי ווער־טער, דאַן ענדיגט זיך די העלפט מיט'ן צווייטען „דרש".

און דערפאַר, מעגליך, ווערט אויך אין דער גמרא אויסגערעכענט בלויז די צאָהל אותיות פון תהלים, און נישט די צאָהל ווערטער, ווייל וועגען וועל־כע עס איז שווער פעסטצושטעלען, צי זיי זענען איינציגע, אָדער דאָפּעלטע ווערטער, ווי: „מרחביה", „הללויה" א. אז. וו.

(הדרש והעיון)

יִתְרוֹ

ויהי ממחרת וישב משה לשפוט את העם... (יח יג)

איינפאך חערט געמיינט: „ויהי ממחרת", צומארגענס, ווי זיין שוועהר יתרו און זיין ווייב און קינדער זענען געקומען צו איהם, און דער פסוק איז אונז דערמיט אויסען צו דערצעהלען, אז נישט קוקענדיג אויפ'ן דאזי־גען וויכטיגען פאמיליען־געשעהעניש, האט משה פערבראכט מיט זיי נישט מעהר ווי איין טאג און — „ויהי ממחרת וישב משה לשפוט את העם", צומארגענס האט ער זיך גלייך אומגעקעהרט צו זיין ארבייט פאר'ן פאלק, נישט האבענדיג קיין צייט אבצוגעבען זיך צופיעל מיט זיין פריוואט־לעבען...

(אברבנאל)

כי יבא אלי העם לדרוש אלקים... (יח טו)

רבי לוי יצחק בערדיטשעווער האט צוליעב זיין רבנות, כידוע, גע־האט אויסצושטעהן גרויסע און אונאויפהערליכע רדיפות. איינמאל האט ער זיך צונויפגעטראפען מיט רבי מאיר'ל אפטער, פאר וועלכען ער האט זיך אבגערעדט פון הארצען וועגען די רדיפות, וואס ער ליידט. רופט זיך אן צו איהם רבי מאיר'ל:

— בשעת יתרו איז געקומען צו משה'ן און ער האט איהם געפרעגט: „מה הדבר הזה אשר אתה עושה לעם", מיט וואס אלץ פערנעהמסטו זיך? האט איהם משה געענטפערט, אז ערשטענס, איז ער רבי: „כי יבא אלי העם לדרוש אלקים", דאס פאלק קומט צו איהם וועגען געטליכע ענינים. צווייטענס, איז ער אויך רב: „ושפטתי בין איש ובין רעהו", ער מוז זיך אבגעבען מיט משפטים, מיט פסק'נען שאלות און דיני־תורות, און דערויף האט איהם יתרו גע'עצה'ט: „עתה שמע בקולי איעצך וכו' היה אתה לעם

מול האלקים", דו פאלג מיך און זיי בלויז רבי — "מול אלקים", גיב דיך אב בלויז מיט געטליכע זאכען, דאגעגען דאס רבנות לאז איבער פאר אנ־דערע: "ואתה תחזה מכל העם וכו' ושפטו את העם בכל עת", זאלען זיי זיך פערנעהמען מיט משפטים, ווארום זיין גלייכצייטיג אי רב אי רבי, דאס איז א צו שווערע זאך...

ואתה תחזה מכל העם אנשי אמת שונאי בצע... (יח. כא)

ווענען אלע אנדערע מדות מגונות, פון וועלכע די ראשי־העם דאר־פען זיין ריין, ווערט געזאגט בדרך כלל: "ירא אלקים, אנשי אמת", בלויז וועגען איין מדה מגונה ווערט אנגעוויזען בפרטות: "שונאי בצע!" דען דאס איז די ערגסטע תאוה פון אלע תאוות. קיין שום תאוה איז נישט אזוי טיעף איינגעווארצעלט אין מוח און אין הארץ, קיין שום תאוה איז נישט אזא שטענדיגע און אונאויפהערליכע, און קיין שום תאוה איז נישט אזוי שווער אויסצוראטען פון זיך, ווי די תאוה צו געלד...

(רבי זושא האניפאלער)

אין לאנצוט איז געווען א מחלוקה איבער א חסידישען רב, וועלכען די שטאדט האט געוואלט אראבזעצען פון כסא־רבנות, טענה'דיג, אז ער איז נישט ראוי לאותה איצטלא, און דער סכסוך איז געברענגט געווארען פאר רבי שלמה קלוגער. געווען איז יענער רב א פרימישלאנער חסיד און אט בעקומט רבי שלמה קלוגער א בריעף פון רבי מאיר'ל פרימישלאנער, וועל־כער שרייבט איהם, אז ער פיהלט מיט זיין הרגשה, דאס דער דאזיגער לאנצוטער רב איז א מענש מיט א הויכע נשמה און א גרויסער ירא־שמים און עס איז דעריבער א מצוה גדולה צו פערהיטען איהם פון בזיונות...

דערויף האט איהם רבי שלמה קלוגער אבגעענטפערט:

אויפ'ן פסוק "ואתה תחזה מכל העם" ווערט געזאגט אין מכילתא: "ואתה תחזה — תחזה להם בנבואה, אנשי חיל — אלו עשירים ובעלי ממון, יראי אלקים — אלו שהן יראין מן המקום בדין וכו' דברי רבי יהושע, רבי אליעזר המודעי אומר, ואתה תחזה — אתה תחזה להם באספקלריא כמחזה זו שחוזין בה חכמים, אנשי חיל — אלו בעלי הבטחה וכו'".

פרעגט זיך: משה רבינו דער אדון כל הנביאים האט דאך זיכער גע־

ד׳האט רוח־הקודש, פאַ פאַרוואָס געפעלט נישט רבי אליעזר המודעי צו זאָגען: „תחזה להם בנבואה״, נאָר „תחזה להם באספקלריא כמחזה שחוזין בה חכמים״, איז דען נישט די נבואה קלאָרער און ריכטיגער, ווי דער „מחזה שחוזין בה חכמים״?

נאָר מוז זיין, אַז ביים בעשטימען אַ מנהיג על הצבור, ביי וועלכען דער דין איז: „אין מעמידין פרנס על הצבור אלא אם כן נמלכין בצבור״ (ברכות נ״ה), טאָר מען עס נישט דורכפיהרען מיט נביאות און רוח־הקודש, דען דער צבור איז קיין נביא נישט און ער קאָן זיך נישט אויף קיין פערבאָרגענע נשמה־זאכען, און דעריבער האַלט רבי אליעזר, אַז עס מוז זיין „כמחזה שחוזין בה חכמים״, חכמה איז שוין אַ זאך, וואָס אויך דער צבור איז אַ מבין דערויף...

דער אונטערשיעד — פללגט זאָגען רבי פנחס הורוויץ — צווישען רבי יהושע וועלכער טייטשט: „אנשי חיל אלו בעלי־עשירים ובעלי־ממון״ און רבי אליעזר, וואָס זאָגט: „אנשי חיל אלו בעלי הבטחה״, בעשטעהט אין דעם, וואָס לויט רבי יהושע׳ן מיינט מען, אַז דאָס זאָלען זיין אמת׳ע עשירים, עשירים מיט געלד, און לויט רבי אליעזר איז גענוג אַנ׳עשיר השמח בחלקו, אַ בעל־בטחון...

וישלח משה את חותנו... (יח. כז)

יתרו, תיכף ווי ער איז געקומען, האָט ער אָנגעהויבען צו פרעגען קשיות און דורכפיהרען רעפאָרמען. עס איז דעריבער געוועהן אַ מורא, ער זאָל נישט אַמאָל אַגיטירען שפעטער די אידען צו רעפאָרמירען אויך די תורה און דעריבער האָט איהם משה פאַר קבלת־התורה אַהיימגעשיקט...

(רבי משה קאָברינער)

ומשה עלה אל האלקים... (יט. ג.)

„בשעה שעלה משה למרום אמרו מלאכי השרת לפני הקב״ה, רבש״ע מה לילוד אשה בינינו וכו׳״ (שבת פ״ח).

בשעת די ברידער רבי אלימלך און רבי זישא, האבען אבגעריכט גלות, זענען זיי איינמאל, קומענדיג אין א שטעדטעל אריין, אריינגעגאנגען צום רב אין בית מדרש, וואו זיי האבען זיך אויסגעזעצט צווישען עולם הערען דעם שיעור. אזוי זענען אריבער עטליכע טעג. קיינער האט זיי די גאנצע צייט קיין שלום נישט געגעבען און נישט געפרעגט, ווער און פון וואנען זיי זענען. ערשט, אז סאיז געקומען שבת נאכ'ן דאוונען, ווען מען האט גענומען פונאנדערטיילען צווישען די בעלי-בתים די פרעמדע אורחים, איז דער רב צוגעגאנגען צו זיי און געפרעגט: ווער זיי זענען.

רופט זיך אן צו איהם דער רבי אלימלך:

בשעת משה רבינו איז געקומען מקבל זיין די תורה, האבען די מלאכים געפרעגט: „מה לילוד אשה בינינו", ווער איז ער? דאגעגען בעת די מלאכים זענען געקומען צו אברהם אבינו, האט ער זיי נישט געפרעגט, ווער זיי זענען, וויל — „און בודקין למזונות". ביי אייך דאגעגען, רבי, זעהען מיר, איז פארקעהרט. ביים לערנען האט אונז קיינער נישט געפרעגט און עס האט אונז קיינער אפילו קיין שלום נישט געגעבען, נאר ערשט, אז עס קומט צום געבען עסען — פרעגט איהר...

ואתם תהיו לי ממלכת כהנים וגוי קדוש... (יט. ו.)

אידען זענען א כהנים-פאלק, א לעהרער פאלק פאר אלע אנדערע פעלקער, אבער נישט אין פערשפרייטען לעהרע און וויסען צווישען די פעלקער בעשטעהט די אידישע מיסיע, נאר אינ'ס — „וגוי קדוש", אין דעם, וואס מיט זייער מוסטערהאפטער אויפפיהרונג, מיט זייער זויבערען לעבענס-שטייגער און טהרת המדות, זאלען זיי, ווי א לעבעדיג ספר, דינען אלס ביישפיל פאר די אומות-העולם... אט אין דעם בעשטעהט די אזוי גע-רופענע אידישע מיסיע און נישט ווי עס האבען עפ"י טעות געמיינט די פערפאסער און זאמלער פון „חכמת ישראל", אז די אויפגאבע פון דער „אידישער מיסיע" בעשטעהט אין איבערגעבען אויף שבעים לשונות און ווייזען פאר די פעלקער די טעאריע פון דער אידישער עטיק... ספרים שרייבען אליין איז וועניג און דערמיט ווערט מען נאכנישט קיין „ממלכת כהנים", דאס בעסטע און ווירקזאמסטע ספר איז צו זיין א „גוי קדוש", א פאלק וואס איז אליין מקיים און בעווייזט ממילא דערמיט אויך פאר

אַנדערע דעם וועג, ווי אַזוי צו פיהרען אַ רייך, היילגע לעבען אין די דאָזיגע מיסיע וועט ישראל זיין אימשטאַנד צו ערפילען בשלימות נאָר דאַן, ווען ער וועט זוכה זיין צו זיצען אונגעשטערט על אדמתו...

(רבי אברהם יצחק הכהן קוק)

ויענו כל העם יחדיו ויאמרו כל אשר דבר ד׳ נעשה...

(יט. ח.)

יעדער איד בעזונדער איז נישט ביכולת מקיים צו זיין אַלע מצוות פון דער תורה, דען עס זענען פערהאַן בעזונדערע מצוות, וועלכע זענען נוגע נאָר די כהנים, בעזונדערע מצוות פאַר די לויים, בעזונדערע מצוות פאַר׳ן כהן גדול, פאַר׳ן מלך, בעזונדערע מצוות נאָר פאַר אַזעלכע, וועלכע פערמאָגען אַנ׳אייגען פעלד און אַנ׳אייגען הויז וכו׳ און דעריבער „ויענו כל העם יחדיו ויאמרו כל אשר דבר ד׳ נעשה״, נאָר דער גאַנצער כלל צוזאַמען בשותפות האָט געקאָנט אויסרופען: כל אשר דבר ד׳ נעשה! אָבער נישט יעדער יחיד בעזונדער...

(רבי מאיר שמחה דווינסקער)

דער כתב סופר האָט אַמאָל געשיקט נאָך אַ בודאַפּעשטער אידישען באַנקיר און גענומען מיט איהם איינטענה׳ן און פועל׳ן ער זאָל האַלטען זיין באַנק־הויז געשלאָסען אום שבת. דער באַנקיר, אַליין אַ פריינעזאָנענער, אַ אַסימילאַטאָר, האָט נישט געוואָלט נאָכגעבען, ערקלערענדיג, אַז ער איז נישט רעליגיעז און ער אַנערקענט נישט די מצוות־מעשיות.

— אויב נישט צוליב פרומקייט — האָט זיך דער כתב־סופר ביי איהם געבעטען — טהוט עס כאָטש צוליב בושה.

— בושה? — שמייכעלט דער באַנקיר — וואָס האָט עס צו טהון מיט בושה, וואָס פאַר בושה איז עס, נישט צו זיין פרום?

ענטפערט איהם דער כתב־סופר:

— אונזערע אלטע חכמים האָבען אונז געזאָגט: „מי שאין לו בושת פנים בידוע שלא עמדו אבותיו על הר סיני״ (נדרים כ׳). פונוואַנען האָבען זיי גענומען די דאָזיגע זיכערקייט, ווי אַזוי איז עס ידוע? נאָר בשעת מען האָט אידען געגעבען די תורה האָבען זיך אויך זיכער דאַמאָלס, פונקט ווי היינט, געפינען צווישען זיי פיעל כופרים און אַפּיקורסים, וועלכע האָ־

בען נישט געהאלטען דערפון און האבען אין הארצען קיין חשק נישט געהאט איינצושפאנען זיך אינ'ם עול התורה והמצות, טא נאכוואס האבען זיי עס פארט געטהון? דערפאר ווייל עס איז געווען „ויענו כל העם יחדיו", ווייל דאס גאנצע פאלק האט אויסגערופען נעשה-ונשמע און זיי האבען זיך געשעמט צו זיין אנ'אויסנאהם פון כלל, און אט דערפון האבען אונזערע חכמים געדרינגען, אז וויבאלד איינער פערמאגט נישט אין זיך די דאזיגע מדה פון בושה און ער שעמט זיך נישט צו זיין קיין יוצא מן הכלל, איז א סימן, אז זיינע עלטערן זענען נישט געשטאנען אויפ'ן בארג סיני...

אל תגשו אל אשה... (יט. טו.)

דערויף מאכט דער תרגום אונקלס: „לא תקרבון לצד אתתא".

דער תרגום — האט דערויף געזאגט רבי מענדעלי קאצקער — איז אונז דערמיט מסביר, אז צו ביידע צדדים קאן מען נישט געהערען. אז אויב מען איז אויף איין צד, אויפ'ן צד פון עולם הזה און תאוות גופניות, קאן מען נישט זיין אויף יענעם צד, וד"ל...

לא תשא את שם ד' אלקיך לשוא... (כ. ז.)

א געוויסער משכיל האט אמאל אין א שמועס מיט רבי הערשעלע בערלינער זיך בעמיהט פאר איהם אויפצוקלערען, אז ס'איז נישט נויטיג מקיים צו זיין די מצוות מעשיות, דען עס לעגט זיך נישט אויפ'ן שכל, אז דער רבונו של עולם זאל זיך אינטערעסירען מיט אזעלכע קלייניגקייטען. ווי לעגען תפלין וכדומה, דער עיקר איז דער רעיון, די השגה, דאס פערטיפען זיך אין געטליכקייט.

ענטפערט איהם רבי הערשעלע: איצט ערשט פערשטעה איך דעם ריכטיגען פשט פון פסוק „לא תשא את שם ד' אלקיך לשוא", דער פשט איז: הויב נישט אויף גאט באמען אזוי הויך, דורך וועלכען דו זאלסט אזש קומען „לשוא", לידי כפירה...

„כל העולם כולו נזדעזע בשעה שאמר הקב״ה בסיני לא תשא״ (שבועות ל״ט).

פאַרוואָס גראַד ביי „לא תשא״ האָט די וועלט אַ ציטער געטהון און נישט ביי די איבריגע דברות?

ווייל פריהער, איידער עס איז געזאָגט געוואָרען דער „לא תשא״ האָט די וועלט, דערהערענדיג: לא תגנוב, לא תרצח וכו׳, זיך געטראַכט: עס, מען וועט זיך שוין ווי עס איז אַנ׳עצה געבען און געפינען אַ היתר: מען וועט גנב׳ענען און רצח׳נען און דערביי מאַכען דעם אָנשטעל, אַז מען טהוט עס לשם-שמים... בשעת אָבער זיי האָבען דערהערט: „לא תשא את שם ד׳ אלקיך לשוא!״ בעגוץ נישט גאָט׳ס נאָמען צו דיינע פאַלשקייטען! נזדעזע העולם, האָט די וועלט אַ ציטער געטהון, וואָרום אויב אַזוי ווערט דאָך פערשלאָסען דער וועג און עס איז שוין נישטאָ קיין שום היתר צום לא תגנוב, לא תרצח און צו אַלע איבריגע לאוו׳ן...

(חזיונות אברהם)

זכור את יום השבת לקדשו — ששת ימים תעבוד (כ. ח)

נאכוואס ווערט נאכ׳ן „זכור את יום השבת לקדשו״, נאכאַמאל דערמאָהנט: „ששת ימים תעבוד״?

נאר דער דין איז: „היה מהלך בדרך או במדבר ואינו יודע אימתי שבת, מונה ששת ימים ומשמר יום אחד״, און דערביי ווערט אויסגעפיהרט „בכל יום ויום עושה לו כדי פרנסתו״. אַז יעדען טאג מעג ער אַרבייטען נאר אַזויפיל, וויפיל ער איז איהם נויטיג אויף חיונה, מעהר נישט (שבת ס״ט)...

און דאס, אַלזא, איז מכוון דער פסוק: „זכור את יום השבת לקדשו״, זאלסט געדענקען ווען שבת איז, און דאן — ששת ימים תעבוד ועשית כל מלאכתך״, וועסטו קאָנען אַרבייטען אַ גאַנצע וואָך און טהון כל מיני אַרבייט, אַזוי לאַנג און וויפיל דו וועסט וועלען, וואָרום אויב דו וועסט נישט האַלטען קיין חשבון און פערגעסען ווען עס איז שבת, וועסטו דאַן אין די איבעריגע זעקס טעג נישט טאָרען טהון „כל מלאכתך״ נאר בלויז— „כדי פרנסתו״...

(ווילנער גאון)

כבד את אביך ואת אמך למען יאריכון ימיך... (כ יב)

דער שכר, וואס ווערט אבגעצאהלט פאַר יעדע מצוה ווערט צוגע־פאַסט צו זיין מדה כנגד מדה. אויף דער מצוה פון „כבד את אביך ואת אמך“ וואלט דאך, אַלזא, אַלס מדה כנגד מדה, געדאַרפט זיין דער אויס־פיהר: „למען יכבדוך“, אַז מען וועט איהם אויך מכבד זיין?

נאר די דאזיגע בפירושע הבטחה האט מען איהם נישט געקאנט געבען, מחמת טאמער וועט ער מיט זיינע מעשים נישט ראוי זיין, אַז די אַרומיגע מענשען זאלען איהם אבגעבען כבוד, האט מען איהם דעריבער מבטיח געווען: „למען יאריכון ימיך“, אַז ער וועט זוכה זיין אַלט צו ווערען און אַנ'אַלטען מאַן גיט מען אָב כבוד אפילו ווען ער פערדינט זיך נישט דערויף...

(רבי יצחק קאַראַ)

לא תגנוב... (כ. טו.)

ווען אין אַנ'איי געפינט זיך אַ טראָפּען בלוט פון אַ הוהן, טאָר מען עס נישט עסען. ווען אין דיין געלד געפינט זיך אַ טראָפּען בלוט פון אַ מענש — טאָר מען עס אַודאי און אַודאי נישט עסען...

(חזון נחום)

וכל העם רואים את הקולות... (כ. יח.)

„רואין את הנשמע מה שאי־אפשר לרשות במקום אחר“. (רש"י)

דאָס לשון „במקום אַחר“ איז אומפערשטענדליך און לויט דער מיינונג פון רבי אפרים זלמן מרגליות איז דאָ אַ טעות הדפוס. עס דאַרף בלויז זיין: „רואין את הנשמע מה שאי־אפשר לראות“ און דערמיט איז אייגענט־ליך דער זאַץ געענדיגט, דערביי איז געווען צוגעגעבען מיט ראשי־תיבות: „במ"א“, און רש"י האָט דערמיט געמיינט אָנצוווייזען, אַז דער דאָזיגער מאמר געפינט זיך „במדרש אגדה“ (און ווירקליך איז דער מאמר גענומען פון מדרש אַגדה שמואל פ' ט'), אָבער דער מדפיס האָט קענטיג אַ טעות געהאַט און פון „במ"א“ איז ביי איהם אַרויסגעקומען — „במקום אַחר“...

לא תעשון אתי אלהי כסף ואלהי זהב... (כ. כג.)

מאַך נישט מיט מיר קיין געלד-געשעפט, מאַך נישט קיין עסקים פון געטליכקייט, ציה נישט קיין פרנסה פון יראת-שמים...

(רבי יעקב אהרן זאלאשינער)

מִשְׁפָּטִים

ואלה המשפטים אשר תשים לפניהם... (כא. א.)

אַ זעהר כאַראַקטעריסטישען מאמר געפינען מיר אויפ׳ן דאָזיגען פסוק אין „מדרש והזהיר", און נעמליך:

„מי שהוא חנון אל ימנע מלישא משוי של ישראל, כשהכל צריכין לו ומבקשין לשמוע ממנו, אבל אם מקצת צריכין לו ומקצת אין צריכין לו, מקצת מקרבין אותו ומקצת מרחקין אותו, דין הוא שידחה מהם ואל יטיל מחלוקת בישראל. יונה אָמר שאוני והטילוני אל הים וישתוק הים מעליכם (יונה א׳), ואם לעובדי אלילים אמר כן, לשלומן של ישראל על אחת כמה וכמה"...

(מדרש והזהיר משפטים סי׳ ב׳)

כי תקנה עבד עברי... (כא. ב.)

דער סדר המשפטים, די דינים פון דער אידישער תורה, הויבט זיך אָן מיט׳ן בעפעהל אָבצושאַפען דאָס שקלאַפענטום, אַז איין איד טאָר נישט הערשען און פערקנעכטען דעם צווייטען. דער דאָזיגער שריט איז ביי אידען געמאַכט געוואָרען מיט דריי טויזענד יאָהר פריהער, איידער דער דאָזיגער געדאַנק איז רייף געוואָרען און איידער דאָס האָבען אָנגעהויבען נאָכצוטהון אַנדערע פעלקער. די שטענדיגע, אייביגע קנעכטשאַפט, וואָס האָט דאַן עקזיסטירט אין דער גאַנצער וועלט, איז דורך דער תורה מיט איינמאָל רעדוצירט און בעגרעניצט געוואָרען אויף אַזוי פיעל, אַז עס ווערט בלויז ערלויבט צו דינגען אַן׳עבד אויף העכסטענס זעקס יאָהר, אָבער אויך די דאָזיגע ערלויבניש איז געוואָרען אַרומגעצוימט מיט די פער־שיעדענסטע תנאים און חומרות: מעהר ווי אויף זעקס יאָהר טאָר ער

זיך נישט פערדינגען; אויב אין מיטען די זעקס יאָהר איז יובל, ווערט דער קאָנטראַקט פון זיך זעלבסט בטל און ער געהט אַרויס פריי פאַר דער צייט; אויב ער ווערט במשך פון דער צייט פערמעגליך, האָט ער אַ ברירה צו בעפרייען זיך, צוריקצאָהלענדיג דעם בעל-הבית נאָר אַזוי פיעל, וויפיעל ער האָט ביי איהם לויט'ן חשבון פאַראויסגענומען פאַר די וייטערדיגע יאָהרען; אויב אין מיטען די זעקס יאָהר שטאַרבט דער בעל-הבית און ער האָט נישט איבערגעלאָזט קיין זיהן, נאָר טעכטער, ווערט ער בעפרייט; אויב דער עבד האָט אַ פרוי מיט קינדער, איז זיי דער בעל-הבית מחויב אויסצוהאַלטען.

חוץ לזה: אויב דער עבד-עברי האָט זיך נישט פערקויפט אַליין, נאָר ער איז פערקויפט געוואָרען דורכ'ן בית-דין צוליעב אַ גנבה, פאַר וועלכע ער האָט נישט געהאַט צו בעצאָהלען, טאָר איהם דער בעל-הבית נישט בעלאַסטען מיט קיין צו-שווערע ארבייט, אָדער מיט אַזאַ אַרבייט, אין וועלכע ער, דער בעל-הבית, נויטיגט זיך גאָרנישט; ער טאָר איהם אויך נישט אָנ-וואַרפען קיין בזיונ'דיגע אַרבייט, ווי, למשל, ער זאָל איהם אָנטהון די שיך, אָדער ער זאל איהם נאָכטראגען די וועש אין מרחץ אַריין; ער טאר נישט געבען דעם עבד עברי קיין ערגערע שפייז און קיין ערגער געלעגער, ווי ער אליין האָט: „כי טוב לו עמך – עמך במאכל, עמך במשתה, שלא תהא אתה אוכל פת נקיה והוא פת קיבר, אתה שותה יין ישן והוא יין חדש, אתה ישן על גבי מוכין והוא על גבי תבן"; דער עבד-עברי, וואָס נישט ער אַליין, נאָר דאָס בית-דין האָט איהם פערקויפט, האָט נאָך דערביי אַ בעזונדערע פריווילעגיע, אַז ביים אַרויסגעהן פריי, מוז איהם דער בעל-הבית דאַן בעלויהנען מיט אַ ספעציעלע גראַטיפיקאַציע פון פערשידענע שפייז-פראָדוקטען, וועלכע זאָלען ווערט זיין נישט וועניגער ווי דרייסיג טאָלער. די אַלע חומרות האָבען געהאַט דעם אויסדריקליכען צוועק, אַז דעם בעל-הבית זאָל פאר קיין שום פאַל נישט לוינען צו דינגען זיך אַנ'עבד-עברי, דען — „כל הקונה עבד עברי, כקונה אָדון לעצמו"...

אָבער אויך בנוגע דעם עבד כנעני זענען אויפ'ן אידישען בעל-הבית אַרויפגעלעגט געוואָרען פערשיעדענע פערפליכטונגען: אויב דער בעל-הבית האָט איהם אַכזריות'דיג געשלאָגען און ער האָט איהם אויסגעהאַקט אַנ'אויג, אדער אַ צאָהן, ווערט ער גע'קנס'עט אַרויסצולאָזען דעם עבד אינגאַנצען פריי; אויב ער האָט דעם עבד דער'הרג'עט קומט דעם אידישען בעל-הבית טויט-שטראָף; ער טאָר נישט פערקויפען דעם עבד כנעני צו אַ צווייטען איד אין אַנ'אַנדער לאַנד, און אויב ער טהוט דאָס, ווערט דער עבד בע-פרייט; אויב אַנ'עבד-כנעני איז אַנטלאָפען פון זיין אידישען בעל-הבית פון חוץ-לארץ קיין אדץ-ישראל, טאָר מען איהם נישט אַרויסגעבען: „לא תסגיר

עבד אל אדוניו, אשר ינצל אליך מעם אדוניו״ — און אויך וועגען עבד־כנעני ווערט געזאגט: „יאכילהו וישקהו מכל מאכל ומשקה ולא יבזהו לא ביד ולא בדברים, ולא ירבה עליו צעקות וכעס, אלא ידבר עמו בנחת וישמע טענותיו״ (שו״ע יו״ד סי׳ רס״ז)...

ורצע אדוניו את אזנו... (כא. ו.)

דאס פיערטע ווייב פון רבי חיים צאנזער איז געווען א זעהר בייזע אידענע. נאכדעם ווי דער צאנזער רבי האט מיט איהר חתונה געהאט איז איינמאל אריינגעקומען צו איהם זיין הויפט־משמש, ר׳ אברהם לאזער למדן (אזוי האט מען איהם גערופען) און געמאלדען, אז ער זאגט זיך אב פון פאסטען, ווייל ער קאן נישט מעהר איבערטראגען די נגישות פון דער רביצין.

— איז צוליעב אזא נארישקייט — וואונדערט זיך דער צאנזער — ווילסטו זיך אבזאגען ?

— דאס איז גארנישט קיין נארישקייט—ענטפערט ר׳ אברהם לאזער — אויפ׳ן פסוק „ורצע אדוניו את אזנו״ זאגט די גמרא: „תנו רבנן, לו אשה ובנים ולרבו אין אשה ובנים אינו נרצע״ (קידושין כ״א). פרעגט זיך: וואס איז דער שכל דערפון ? פארוואס, אויב דער בעל־הבית האט נישט קיין אשה ובנים, ווערט דערפאר נישט אויסגעפיהרט איבער׳ן עבד דער דין פון „ורצע אדוניו את אזנו במרצע ועבדו לעולם״ ? נאר, ווי עס ווייזט אויס, איז דער טעם דערביי, ווייל ווער ווייס, וואס פאר א פריש ווייב דער בעל-הבית קאן נעהמען און וואסערע צרות דער עבד קאן האבען פון איהר אויסצושטעהן, און אויף אזא עבד דארף מען דעריבער רחמנות האבען און מען טאר איהם נישט פערבינדען אויף שטענדיג...

ונפל שמה שור או חמור... (כא. לג.)

„שור ולא אדם חמור ולא כלים״ (ב״ק נ״ב).

פונוואנען איז גענומען דער דיוק, אז גראד שור איז ממעט אדם און חמור — כלים, און נישט פערקעהרט ?

ווייל אין פסוק ווערט געזאגט: „ידע שור קונהו וחמור אבוס בעליו״

(ישעי׳ א.) איז דערפון צו זעהען, אז דער שור איז מעהר געניגט צום מענש, און חמור — צו כלים...

(משה אהרן הספרדי)

על כל אבדה, אשר יאמר כי הוא זה... (כב. ח.)

צום קאזשעניצער מגיד איז אמאל געקומען א חסיד-שוטה און פערלאנגט, אז דער מגיד זאל איהם געבען עפעס א סגולה, ער זאל געפינען די אבדה, וואס ער האט פערלוירען. האט איהם דער מגיד געהייסען געהן אהיים און זאגען דריי מאל „איזהו״.

דער חסיד, מיינענדיג, אז דער מגיד הייסט איהם זאגען דריי מאל „איזהו מקומן של זבחים״, האט אזוי געטהון, ער האט מיט גרויס ערנסטקייט בדחילו ורחימו, ווארט ביי ווארט, אבגעזאגט דריי מאל „איזהו״ און — די אבדה נישט געפונען...

— ניין–ערקלערט איהם דער מגיד, בשעת דער חסיד איז צוריקגעקומען קלאגען זיך, אז די סגולה האט נישט געהאלפען,–נישט דעם „איזהו מקומן״ האב איך דיר געהייסען זאגען, נאר אן אנדערען „איזהו״ — „איזהו שוטה, המאבד מה שנותנים לו״...

וגר לא תונה ולא תלחצנו כי גרים הייתם... (כב. כ.)

דער „כי גרים הייתם״ איז א נתינת-טעם, א בעגריגדונג און מאטיווירונג צו די פריהערדיגע ווערטער. דעריבער דארף מען אייך אנזאגען און ווארענען, אז „וגר לא תונה ולא תלחצנו״, ווייל „כי גרים הייתם בארץ מצרים״ און דער דרך-העולם איז, אז בשעת איינער, וועלכער איז פריהער אליין געוועזן אונטערדריקט, ווערט בעפרייט, ווערט ער נאכהער זעלבסט אג׳אונטערדריקער. אמערגסטען און אממעהרסטען ווערט מען על-פי-רוב געפייניגט פונ׳ם „עבד כי ימלוך״...

(דון יצחק אברבנאל)

והיה כי יצעק אלי ושמעתי... (כב. כו.)

צו רבי הערשעלע רימאנאווער איז א מאל אריינגעקומען אנ׳ארימע

אלמנה מיט א גרויס געוויין און זיך געקלאגט, אז זי האט געהאט מיט איי־נעם א דין־תורה ביים שטאדט־דיין און דער דיין האט איהר שלעכט גע־פסקנ'ט. רבי הערשעלע, נישט וויסענדיג אייגענטליך וועגען וואס פאר א דין־תורה דא האט זיך געהאנדעלט, האט געשיקט נאכ'ן דיין און איהם געבע־טען, ער זאל איהם אנווייזען דעם דין, אויף וועלכען ער האט זיך גע־שטיצט ביים ארויסגעבען דעם פסק. דער דיין האט איהם אנגעוויזען דעם מקור, פון וועלכען עס איז קלאר געווארען, אז ער האט טאקי געהאט א טעות אין דין.

— ריכטיג, רבי - האט זיך דער דיין מודה געווען — כ'האב טאקי א טעות געהאט, דאס קאן טרעפען מיט'ן גרעסטען למדן... אבער ווי אזוי אייגענטליך האט זיך גענומען צו אייך דער דאזיגער חשד? איהר האט דאך די טענות פון דער אלמנה נישט געהאט פריהער אויסגעהערט און נישט גע־וואוסט גאר, וועגען וואס די דין־תורה איז פארגעקומען?

— פון איהר געוויין — האט רבי הערשעלע געענטפערט — האט זיך צו מיר גענומען דער דאזיגער חשד. ווען דאס וואלט געווען אנ'עהרליכער און אמת'ער פסק, וואלט די אידענע נישט געווען אזוי ביטער געוויינט, נאך אנ'עהרליכען פסק דארפען זיך ביידע בעלי־דינים בערוהיגען...

דער דין איז אין דער גמרא, אז ביי א זאך, אויף וועלכער עס איז נישטא קיין עדות און חזקה און "זה אומר של אבותי וזה אומר של אבותי", זאגט דערויף רב נחמן: "כל דאלים גבר" (ב"ב ל"ד). דער טעם דערפון — זאגט דערויף דער רא"ש — הגם אין פלוג זעהט עס אויס צו זיין נגד די חוקי המוסר, ערקלערט זיך דערמיט, ווייל אויב די זאך געהער באמת צו יענעם, שטעלט ער זיך נישט אב פאר קיין זאך, אום עס צוריק צו בעקוי־מען, און אויב ער האט זיך ענדליך ארויסגעוויזען אלס גבר אלים — איז א סימן, אז עס געהער ווירקליך צו איהם און אז טאקי אט די מאראלי־שע בערעכטיגונג און הונדערט־פראצענטיגע זיכערקייט, אז עס איז זיינס, האט איהם געגעבען כח גובר צו זיין...

ונשיא בעמך לא תאור... (כב. כז.)

אפילו "נשיא בעמך" — האט דערויף צוגעגעבען דער רבי ר' בונם — אפילו א נשיא זאלסטו נישט שעלטען...

ובשר בשדה טרפה לא תאכלו... (כב. ל.)

רבי חיים וואָסערצוג איז געווען בעקאַנט אַלס גרויסער מקיל, דאַגעגען אַ דיין האט ער געהאַט, וועלכער איז געוועז בטבע אַ שלעכטער מענש, אַ קפדן, אַ כעסן, וממילא אויך אַ שטרענגער מחמיר, און ביי יעדע שאלה האט ער געהאַט צו רבי חיים'ן טענות, הלמאי ער זוכט רק מקיל צו זיין. איז רבי חיים איינמאָל אין כעס געווארען און האט אַ זאג געטהון צו איהם:

— אייגענטליך, נאך וואס קומט מען מיט אַ שאלה וועגען כשרות צום רב? עס שטעהט דאך בפירוש אין פסוק: „לכלב תשליכון אותו", קאן מען דאך עס גלייך אַוועקטראָגען צום הונד און דאַן וועט מען זעהען: וועט עס דער הונד אויפפרעסען, איז עס טרפה, און אויב נישט — איז עס כשר?..

נאר דער תירוץ איז: אויף אַ הונד קאן מען זיך נישט סומך זיין, אַ הונד איז בטבע אַ מחמיר און כשר'ס וועט ער אויך מאַכען טריף...

אל תשת ידך עם רשע להיות עד חמס... (כג. א.)

פאַראַן אַזעלכע לייט, וועלכע חבר'ן זיך בכיוון מיט רשעים, חנפנ'ען זיך צו זיי און ווערען מיט זיי מכלומר'שט ידידים, בכדי צו קענען זיי באַכשפּיאָנירען און צו דערצעהלען נאָכהער וועגען זייערע עבירות און חטאים. אַט די דאָזיגע לייט ווערען געוואָרענט, אַז מען איז זיי מוחל די טובה... „אל תשת ידך עם רשע", חבר דיך נישט מיט'ן רשע — „להיות עד חמס", כדי צו קענען נאָכהער דיענען געגען איהם אַלס עד-חמס...

(אור זהר)

אחרי רבים להטות... (כג. ב.)

אויף איינע פון די אָפטע רעליגיעזע דיספוטען, אויף וועלכע די אידישע רבנים פלעגען געצוואונגען ווערען צו קומען און אויסצוהערען די שענדליכסטע חירופים וגידופים אויפ'ן אידישען דת, האָט אַמאָל אַ רוימישער קאַרדינאַל זיך געווענדעט צו די רבנים מיט אַ פראַגע, פאַרוואָס די אידען זענען איינגע'עקשנ'ט און ווילען נישט אָננעהמען דאָס קריסטענטום, עס שטעהט דאָך בפירוש אין דער אידישער תורה „אחרי רבים להטות" און די קריסטען זענען דאָך היינט דער רבים?... דערויף האָט איהם איינער פון

די רבנים געענטפערט, אַז „אחרי רבים להטות" איז געזאָגט געוואָרען נאָר וועגען אַן'אונקלאָרען פאַל, ביי וועלכען עס געשיקט זיך דער אויסדרוק „להטות", עס איז פאַרהאַן דערביי אַ נטיה לכאן ולכאן, מחמת מען ווייסט נישט, וואו דער אמת איז, איז דערויף געזאָגט געוואָרען, אַז אין אַזאַ דבר ספק דאַרף מען געהן נאָכ'ן רוב. קיין שום רוב איז אָבער נישט אימשטאַנד מכחיש צו זיין אַ זאַך, וואָס איז פאַר יענעם ברור כשמש, וואָס ער האָט איבערגעגעבען בקבלה פון דור צו דור, פון אברהם אבינו אָן, און צו צווינגען איהם, ער זאָל זאָגען אויף נאַכט, אַז עס איז טאָג. וועגען אַזעלכע פאַלען האָרענט אונז די תורה אינ'ם זעלבען פסוק: „לא תהיה אחרי רבים לרעות"...

(שבט יהודה)

ושם אלהים אחרים לא תזכירו לא ישמע על פיך... (כג. יג.)

צו רבי מאיר שמחה דווינסקער זענען אַמאָל געקומען עטליכע אידישע פאַבריקאַנטען אַרויסנעהמען שטרי-מכירות, אַז זיי נעהמען-צו אַ גוי אַלס שותף צו זייערע פאַבריקען, אין וועלכע מען זאָל דאַדורך מעגען אַרבייטען אום שבת.

אַזוי האָבען זיך געפיהרט און אַזוי פיהרען זיך, כידוע, עד-היום דער רוב אידישע פאַבריקאַנטען, און צו דעם צוועק ווערען שוין ממילא בעשעפטיגט אין די אַלע אידישע פאַבריקען מעהרסטענטייל גוי'שע אַרבייטער...

רופט זיך אָן צו זיי רבי מאיר שמחה, אַז איצט ווערט איהם פערשטענדליך, פאַרוואָס נאָך די אזהרות וועגען שמירת שבת און שמיטה, פיהרט די תורה אויס: „ושם אלהים אחרים לא תזכירו לא ישמע על פיך" און דערויף ווערט געדרשנ'ט אין דער גמרא, אַז „אסור לאדם שיעשה שותפות עם העכו"ם (סנהדרין ס"ג). די תורה האָט פאַראויסגעזעהן, אַז כדי אויסצושלאָגען דעם היזק פון שבת און שמיטה וועלען אידען אָנהויבען שותפות מאַכען מיט גוים און אויסמיידען צו בעשעפטיגען אידישע אַרבייטער, און דעריבער איז דערביי צוגעגעבען געוואָרען די אזהרה: „לא ישמע על פיך!"...

וחג האסיף בצאת השנה... (כג. טז.)

פון „בצאת השנה" איז משמע, אַז סוכות דאַרף געפייערט ווערען אין

סוף פון פערגאנגענעם יאָהר, אין אלול, און דאָס איז דאָך אין סתירה צום ווייטערען פסוק אין פ׳ תשא: „וחג האסיף תקופת השנה״, אז דאָס דאַרף זיין אין אָנהויב פון נייעם יאָהר, אין תשרי?

האָט געזאָגט דערויף דער גאון רבי ליב פּאָפּאָוויטשער:

אין ילקוט פ׳ פנחס איז פאַרהאַן אַ מאמר בזה הלשון: „אמר ריש לקיש, בכל חדש וחדש ביקש הקב״ה ליתן לישראל מועד, בניסן נתן להם פסח, באייר — פסח שני, בסיון — שבועות, בתמוז רצה ליתן להם מועד גדול (ראש־השנה), באב — יום־הכיפורים, ובאלול — סכות, ועשו את העגל וביטל תמוז אב אלול ובא תשרי ופרע להם: ר״ה, יוה״כ, סוכות ושמיני־עצרת״.

דעריבער אַלזאָ ווערט דאָ אין פ׳ משפטים געזאָגט: „וחג האסיף בצאת השנה״, דען דאָ איז דאָך נאָך געווען פאַר׳ן חטא העגל און קודם החטא, ווי עס איז צו זעהן פון דערמאָהנטען ילקוט, האָט טאַקי סוכות געזאָלט בעשטימט ווערען „בצאת השנה״, אין לעצטען חודש פון יאָהר, אין אלול, דאַגעגען דאָרט, אין פ׳ תשא, איז דאָך שוין געווען נאָך מעשה־העגל און דעריבער ווערט דאָרט געזאָגט „לתקופת השנה״, אַז סוכות זאָל געפייערט ווערען אין ערשטען חודש פון נייעם יאָהר, אין תשרי...

ועבדתם את ד׳ אלקיכם וברך את לחמך... (כג. כה.)

בשעת עס האָט זיך געגרינדעט אין בריסק דער ערשטער האַנדוועָר־קער־פאַראיין, האָט רבי חיים בריסקער דאַן געזאָגט, אַז ער גלויבט נישט אין זיין עקזיסטענץ, ער גלויבט נישט אין קיין פּראָפעסיאָנעלען פאַראיין.

— „ועבדתם״ — האָט ער ערקלערט — שטעהט בלשון רבים, דאַגעגען „וברך את לחמך״ — בלשון יחיד. די התחברות פון אַ רבים איז נור מעגליך ביי גייסטיגע ענינים, אָבער נישט ביים „לחמך״, דאָ וועט יעדער איינער שטענדיג אין זינען האָבען קודם־כל זיך, זאָרגענדיג רק פאַר זיינע אייגענע אינטערעסען...

ויאמרו כל אשר דבר ד׳ נעשה ונשמע... (כד. ז.)

„בשעה שהקדימו ישראל נעשה לנשמע אמרו מלאכי השרת: תנה הודך על השמים״ (מדרש רבה)

איז דאָך עס אונפערשטענדליך, צי דערפאַר, ווייל די אידען האָ־

בען אַרויסגעוויזען אזא התלהבות און האָבען מקדים געווען דעם „נעשה" פאַר'ן „נשמע", זענען זיי צוליעב דעם נישט ראוי מקבל צו זיין די תורה? אדרבה!

נאָר ווי עס זאָגען די חז"ל, האָבען די מלאכים אויף זייערע פערשיעדענע טענות בעקומען פון השי"ת אַ תשובה: „כלום יצר הרע יש ביניכם", אז די תורה דאַרף געגעבען ווערען צו מענשען, צו די בעלי הבחירה, נישט צו מלאכים, און בשעת, אַלזאָ, די אידען האָבען מקדים געווען נעשה לנשמע, וואָס דאָס איז דאָך געגען דעם מענשליכען שטייגער, אויפהויבענדיג זיך צו דער מדרגה פון מלאכים, האָבען דעריבער די לעצטע אויסגעשריען: אויב אַזוי „תנה הודך על השמים!" אויב שוין יאָ מלאכים — זענען מיר דאָך קודם, בילכער...

(בן פורת יוסף)

כמעשה לבנת הספיר... (כד. י.)

„היא היתה לפניו בשעת השעבוד לזכור צרתן של ישראל שהיו משועבדים במעשה לבנים" (רש"י)

און דערביי איז אין רש"י אָנגעצייכענט: סוטה י"ב.

אין מאַנכע חומשים איז בעצייכענט: סוטה י"ז, אָבער דאָרט ווערט בלויז אויפ'ן דאָזיגען פסוק געזאָגט: „מה נשתנה תכלת וכו' מפני שהתכלת דומה לים וים לרקיע ורקיע לכסא הכבוד", דאַגעגען דער דרש, וואָס רש"י ברענגט דאָ, געפינט זיך נישט אין מס' סוטה, נאָר אין ירושלמי סוכה פרק ד' הלכה ג', און העכסט וואַהרשיינליך איז אין דער בעצייכענונג אין רש"י אריינגעפאַלען אַ קליינער טעות-הדפוס און אנשטאט מס' „סוטה" דאַרף זיין „סוכה".

תְּרוּמָה

דבר אל בני ישראל ויקחו לי תרומה... (כה. ב)

„זה שאמר הכתוב כי לקח טוב נתתי לכם" (מדרש)

וואָס מיינט דער מדרש צו זאָגען דערמיט?

נאָר דעם מדרש האָט געאַהרט, פאַרוואָס שטעהט נישט „ויתנו לי תרומה", נאָר „ויקחו"? און אַלס ענטפער דערויף ווייזט אָן דער מדרש, אַז מיט דעם דאָזיגען לשון איז דער פסוק דאָ נישט קיין אויסנאַהם. פאַרהאַן אַן'עהנליכער פסוק, וואו עס איז געשריבען קיחה אנשטאט נתינה: „כי לקח טוב נתתי לכם", הגם עס וואָלט געדאַרפט שטעהן: „כי מתנה טובה נתתי לכם"...

(ווילנער גאון)

„ויקחו לי תרומה, הדא הוא דכתיב תורה צוה לנו משה מורשה קהלת יעקב וכו' אל תהי קורא מורשה אלא מאורסה" (מדרש רבה)

וואָס איז דער פשט פון דאָזיגען מאמר?

נאָר צוויי פערמעגענס זענען פאַרהאַן, וועלכע דער מענש ערווערבט אהן שום מיה און אנשטרענגונג: ירושה און נדן. די לייכטסטע און בעקוועמסטע זאַך איז ירושה-געלד, מחמת די יעניגע, פון וועלכע ער האט די ירושה בעקומען, זענען מעהר אויף דער וועלט נישטא, און נישט ער האט געגעבן זיי וועלכע-עס-איז פליכטען, נישט ער דאַרף זיי אבגעבען חשבון. דאָגעגען נדן-געלד, הגם טאַקי עס קומט איהם לייכט אן, לעגט עס אבער ארויף אויף איהם גרויסע התחייבות'ן, ער איז דערפאר מחויב מפרנס צו זיין דאס ווייב, וועלכע האט איהם דעם נדן אריינגעבראכט, און א גאנץ לעבען צו האָרעווען פאר איהר...

אויף די תורה, וועלכע איז אונז געגעבען געוואָרען, שטעלט פאר

מיט זיך א זעהר ווערטפול פערמעגען: „אורך ימים בימינה ובשמאלה עושר וכבוד". און דאס, אלזא, איז דער זין פון מדרש: „ויקחו לי תרומה, הדא הוא דכתיב תורה צוה לנו משה מורשה קהלת יעקב, אל תהי קורא מורשה אלא מאורסה". דו זאלסט נישט מיינען, אז דאס דאזיגע פערמעגען האט דעם דין פון א ירושה, פאר וועלכע מען האט קיין שום התחייבות'ן נישט און מען איז יוצא בלויז מיט לערנען — „אלא מאורסה", זי איז באמת ווי דער נדן, וואס מען בעקומט פון א כלה, לגבי וועלכע מען נעהמט אויף זיך זעהר פיעל פערפליכטונגען און די ערשטע פליכט קודם-כל איז — „ויקחו לי תרומה", צו געבען צדקה, צו העלפען און שטיצען דעם צווייטען, נישט צו לעבען בלויז פאר זיך...

(לשון חכמים)

„ויקחו לי תרומה, הדא הוא דכתיב תורה צוה לנו משה" (מדרש)

„הדא הוא דכתיב", דאס איז דער עיקר, דער הויפט-יסוד פון דער תורה — צדקה, רחמנות, די אפענע האנד פאר דעם ארימען און נויט-ליידענדען...

(מעדני מלך)

דעריבער — פלעגט זאגען רבי מענדעלי רימאנאווער — מאכט מען נישט קיין ברכה ביים געבען צדקה, פונקט אזוי ווי מען דארף מאכען א ברכה איבער יעדע אנדערע מצוה, ווייל א ברכה דארף מען מאכען בלב שלם, מיט שמחה, און עפ"י רוב ווערט צדקה געגעבען נישט מיט'ן גאנצען חשק, מיט אמת'ער שמחה...

— איינמאל — האט רבי מאיר'ל פרימישלאנער דערצעהלט אין איינע פון זיינע בעקאנטע יומא-דפגרא'דיגע שמועסען — בין איך מיר ארויפגע-גאנגען אין הימעל אריין און זיך אוועקגעשטעלט ביי די טויערען פון גן-עדן א קוק טהון, ווי אזוי עס געהט דארט צו. זעה איך, ווי עס קומט אן א רב און האט בדעה גלייך אריינצוגעהן אין גן-עדן אריין, אבער דער שומר הפתח פערשטעלט איהם דעם וועג. וואס איילט איהר זיך אזויז — פרעגט ער איהם — מיט וואס האט איהר עס זוכה געווען צו געהן אין

גן-עדן אריין? דערויף ענטפערט איהם דער רב: וואס הייסט? א גאנץ לעבען האב איך עוסק געווען בתורה, טאג און נאכט בין איך געזעסען און גע-לערנט, און אויב נישט פאר מיר און פאר מיינע חברים, טא פאר וועמען דען איז דער גן-עדן בעשאפען געווארען? אבער דער מלאך ווערט פון דער תשובה נישט נתפעל. מען דארף פריהער – ערקלערט ער איהם – בודק זיין און קאנטראלירען, צי די תורה, וואס איהר האט געלערנט, איז טאקי געווען לשמה, נישט צוליעב כבוד, צוליעב פרנסה וכדומה... איהר מוזט אביסעל צווארטען.

עוד הם מדברים קומט אן א צדיק, א געוואלדיגער יחסן, א בנן של קדושים, און מיט א ברייטקייט לאזט ער זיך גלייך צום גן-עדן. האלט! – מאכט צו אידהם דער מלאך – פאר וועלכע מעשים טובים? דא נעהמט דער צדיק אויסרעכענען א גאנצען צעטעל, וואס ער האט אלץ אבגעטהון אין זיין לעבען: ער האט געפראוועט תעניתים, סיגופים, מקואות, גאנצע טעג מתפלל געווען, געזאגט תהלים, געלערנט זהר, עוסק געווען אין קבלה, איז דאס נאך אפשר ווייניג? גאנץ גענוג – ענטפערט איהם דער מלאך – אבער מען דארף פריהער וויסען, צי דאס איז אלץ געווען לשמה, נישט צוליב כבוד און פרנסה... ווארט א ווייל'ע.

ביני לביני קומט-אן א פראסטער מגושם'דיגער איד, אן'ארענדאר. א נו, לאמיר נאר הערען – שטעלט איהם אב דער שומר – וואסערע מעשים טובים פערמאגסטו? – כ'פערמאג נעבעך גארנישט – קרעכצט ער – כ'בין א פראסטער מענש און כ'וויס פון קיין שום זאך נישט. דעם גאנצען לעבען האב איך פערברענגט אין דארף, וואו די טהיר פון מיין הויז איז געשטא-נען שטענדיג אפען פאר יעדען דורכוואנדערער. ווער עס איז נישט אריינ-געקומען, א בעקאנטער צי אנ'אונבעקאנטער, א איד צי א גוי, האב איך איהם פריינדליך אויפגענומען און איהם קודם כל דערלאנגט אביסעל אקעוויט, ער זאל זיך דאס הארץ דערכאפען און נאכהער האב איך איהם צוגעבעטען צום טיש און איהם דערלאנגט וואס עס האט זיך געפינען אין שטוב, אמאל קארטאפעל מיט מילך, אמאל א שטיקעלע פיש, אמאל אויך א שטיקעל פלייש, – זומער און ווינטער פלעגען פון דער גאנצער סביבה קומען צו מיר אורחים און איך האב זיי נישט געזשאלעוועט און זיי מהנה געווען מיט וואס כ'האב נאר געהאט. אט דאס איז עס אינגאנצען און מעהר וויס איך נישט. ווילט איהר מיך אריינלאזען אין גן-עדן אריין – איז גוט, און אויב נישט – זייט מיר געזונד און שטארק... ווי דער מלאך האט דאס דערהערט, האט ער גלייך געעפענט פאר איהם די טויערען און געזאגט: דיך דארף מען נישט בודק זיין. א מענש, וואס האט מקיים געווען די מצוה

פון צדקה און הכנסת־אורחים און האט געגעבען די הונגער'גע צו עסען און צו טרינקען, דארף מען איהם נישט קאנטראלירען, צוליב וואס ער האט דאס געטהון, צי ס'איז געווען לשמה, אדער שלא לשמה...

צו רבי אהרן קארלינער איז אמאל אריינגעקומען א אידענע מיט א געוויין, אז שוין עטליכע יאהר, ווי זי האט א שידוך געטהון מיט א טאכטער און צוגעזאגט נדן, וואס זי איז אבער נישט אימשטאנד צו סילוק'ן, און איצט האט דער חתן געשיקט זאגען, אז ער וויל שוין לענגער נישט ווארטען און אויב מען וועט נישט די טעג מסלק זיין דעם נדן וועט ער אבלאזען דעם שידוך... האט רבי אהרן געפרעגט די אידענע, וויפיעל נדן זי האט זיך מתחייב געווען און דאן איז ער צוגעגאנגען צו דער שאנק, ארויסגענומען דעם נויטיגען סכום געלד און געגעבען די אידענע, זי זאל געהן מסלק זיין דעם נדן.

אין עטליכע וואכען ארום קומט ווידער צו איהם די זעלבע אידענע מיט א געוויין: זי קאן נישט חתונה מאכען די טאכטער, מחמת זי האט נישט צו מאכען איהר קיין חופה־קלייד... פרעגט איהר דער קארלינער, וויפיעל עס דארף קאסטען דאס חופה־קלייד, געהט־צו צו דער שאנק, נעהמט ארויס געלד און דערלאנגט איהר.

האט זיך שוין די רביצין נישט געקענט מעהר איינהאלטען און פרעגט איהם מיט פערדרוס: מילא דאס ערשטע מאל, אז זי איז געקומען מיט א געוויין, אז זי האט נישט קיין נדן און דער שידוך האלט ביים אבגעהן, פערשטעה איך, אז דו האסט איהר נישט געדארפט אבזאגען, הכנסת־כלה איז דאך עפעס נישט קיין קלייניגקייט! אבער צוליב א חופה־קלייד וואלט דאך דער שידוך חלילה נישט אבגעגאנגען, בשעת הדחק קאן מען חתונה האבען אויך אהן א חופה־קלייד, וואלט דען נישט געווען מעהר מצוה אוועקצוגעבען דאס געלד פאר ארימעלייט, אויף ברויט פאר זייערע הונגע־ריגע קינדער?

— אויך איך — ענטפערט איהר רבי אהרן — האב דאס זעלבע גע־טראכט. בשעת כ'בין צוגעגאנגען צו דער שאנק ארויסנעהמען געלד אויפ'ן חופה־קלייד, איז מיר דורכגעלאפען א געדאנק, אז עס איז אפשר מעהר מצוה צו געבען דאס געלד אויף ברויט פאר ארימע, הונגעריגע קינדער, אבער תיכף האב איך זיך אליין א פרעג געטהון: פון וואנען קומט צו מיר דער דאזיגער רעיון און פון וועמען שטאמט ער? זאל דאס זיין פון יצר־טוב — טא פארוואס האט ער מיך נישט נעכטען וועגען דעם דער־

מאהנט, נאר פונקט היינט, אין דעם מאמענט, ווען איך האב בעשלאסען צו געבען אַנ׳ארימע אידישע טאכטער אויף אַ חופה־קלייד, בכדי זי זאל אין טאג פון איהר חופה נישט פערשעהמט ווערען, דוקא איצט האט זיך אין איהם פלוצים דערוועקט דאס רחמנות אויף הונגעריגע קינדער? און נישט אַנדערש, נאר דאס שטאמט פון יצר־הרע, וועלכער מיינט עס זיכער נישט צום גוטען און מען דארף איהם דעריבער נישט פאלגען...

רבי מענדיל וויזשניצער איז געווען אַ גרויסער פּזרן. וויפיל ער האט געהאַט האט ער צעטיילט צווישען די ארעמעלייט. האט איהם אמאל איינער פון זיינע מקורבים געפרעגט: היתכן, רבי? ס׳איז דאָך אַ בפירושער דין אין דער גמרא: „המבזבז אל יבזבז יותר מחומש“ (כתובות ס״ז)! דערויף האָט איהם רבי מענדיל געענטפערט: — עובר זיין אויף אַ תקנת חז״ל איז טאַקי אַ גרויסע עבירה, פאַר וועלכען עס קומט גיהנום, אָבער בשעת איך צעטייל איינדערפריה דעם חומש און דערנאָך קומט צו מיר אריין אַ איד און וויינט, אַז ער האָט נישט פאַר זיין ווייב און קינדער קיין שטיקעל ברויט, קאָן איך זיך נישט איינהאַלטען נישט צו טהון קיין עבירה און נישט מבזבז זיין די איבריגע פאַר גראָשען. פערפאַלען, צוליב אַזאַ עבירה איז כדאי צו זיין אין גיהנם...

„לי — לשמי“ (רש״י)

וועגען סוטה ווערט געזאָגט: „למה נסמכה פרשת סוטה לפרשת תרומות ומעשרות לומר לך כל שיש לו תרומות ומעשרות ואינן נותנן לכהן סוף נצרך לכהן ע״י אשתו“ (ברכות ס״ג), און די מים המאררים, כידוע, האָבען גורם געווען צו מחיקת השם. די כונה איז אַלזאָ: „ויקחו לי תרומה — לי לשמי“, איהר זאָלט נזהר זיין אין דער מצוה פון תרומה, „לשמי“, אַז עס זאָל שפּעטער, צוליב דעם עונש, וואס איז דערמיט פערבונדען, נישט קומען, חלילה, צו מחיקת־השם...

(רבי ר׳ העשיל)

אויפ׳ן פסוק „ויקחו לי תרומה“ ווערט געזאגט אין מדרש תנחומא: „כל כהן שאינו בן־תורה מותר לאכול על קברו תרומה“.

וואס ווערט געמיינט דערמיט?
לויט'ן „עץ יוסף" און אנדערע מפרשים איז דער דאזיגער מאמר א ביסעל פערגרייזט און עס דארף זיין: „כל כהן שאינו בן תורה מתיר לאכול על קברות תרומה", און דער זין איז: מען זאל נישט געבען קיין תרומה צו א כהן, וועלכער איז נישט קיין בן־תורה, א כהן אנ'עם־הארץ, וועלכער ווייסט נישט מבדיל צו זיין בין טהור לטמא און ער איז חשוד מתיר צו מאכען צו עסען די תרומה אפילו אויף א קבר.
אבער ריכטיגער איז א צווייטע ערקלערונג, וועלכע ווערט געבראכט אין קול שמחה, און נעמליך: די חז"ל, וועלכע דריקען אויס אין פערשי־דענע שטעלען זייער טיעפע פעראכטונג צו עמי־הארצים, ערקלערען דערמיט, אז א כהן אנ'עם־הארץ האט קיין שום חשיבות נישט און אז אויף זיין קבר מעג מען זאגאר עסען תרומה, פונקט ווי אויפ'ן קבר פון א כותי, וועגען וועלכען עס ווערט געזאגט (יבמות ס"א) אז — „קברי כותים אינן מטמאין"...

ועורות תחשים ועצי שטים... (כה. ה.)

דער אבן־עזרא וואונדערט זיך אויפ'ן מאמר, וואס זאגט, אז די עצי שטים האבען די אידען מיטגענומען מיט זיך פון מצרים און ער פרעגט: „ומה היתה תשובה לשואליהם, למה יוליכו עצי שטים והם הולכים לזבוח דרך שלשת ימים"?
דערויף ענטפערט רבי אליעזר אשכנזי: אדרבה! דערמיט טאקי האבען זיי געוואלט אבנארען די מצריים, אז זיי זאלען מיינען, דאס זיי געהען בלויז אויף עטליכע טעג אין דער מדבר אריין, וואו זיי האבען נויטיג די עצי שטים אויפצושטעלען זיך געצעלטען, ווארום — האבען זיך די מצריים געטראכט — אויב זיי זאלען האבען בדעה צו אנטלויפען, וואלטען זיי דאך נישט מיטגעפיהרט מיט זיך אזא שווערע משא פון ברעטער אויפ'ן וועג...

ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם... (כה. ח.)

בתוכם — אין זיי. איטליכער איד דארף ביי זיך אין הארצען מאכען א משכן פאר גאט...

(של"ה)

ועשו ארון עצי שטים... (כה. י.)

התחיל הכתוב בארון תחלה—לחלק כבוד לתורה (ילקוט שמעוני)

רבי אפרים זלמן מרגליות איז אמאל דורכגעפאָהרען דורכ'ן שטעדטעל ראזינטאב, האט ער זיך דארט אבגעשטעלט, בכדי צו מאַכען אַ וויזיט ביים דארטיגען רב, רבי אַרי' לייב העלער, דער בעל „קצות החושן".

נאכדעם ווי זיי האבען זיך ביידע זעהר הארציג בעגריסט, טהוט רבי אַרי' לייב אַ זיפץ און מאַכט:

— ועה, ועה, ווי די תורה איז דאָס נעביך בשפל המדרגה.

וואונדערט זיך רבי אפרים זלמן: וואס זאל דער דאזיגער זיפץ בעדייטען?

ערקלערט איהם רבי אַרי' לייב:

— שטעלט אייך פאר, רבי אפרים זלמן, ווען איהר זאלט נישט געווען קיין רב און קיין תלמוד-חכם, נאר בלויז נגיד (רבי אפרים זלמן איז, כידוע, געווען אַ גרויסער עושר) און איהר וואלט דורכגעפאהרען דורך ראזינטאב, וואלט איהר זיך אבגעשטעלט אין דאזיגען העק? וואלט איהר געקומען צו מיר אין מיין הילצערנעם הייזעל? וואלט עס געפאַסט פאַר אייך? וואלט עס געווען לפי כבודכם? געוויס נישט. נאר וואס דען? ווייל איהר זענט אַ תלמיד חכם און קענט לערנען און אויך איך קאן אַ ביסעל לערנען, האלט איהר דערפאַר פאַר אַ חוב צו בעזוכען מיך. הייסט דאך עס, אַז אַנ'עושר אהן תורה איז מעהר חשוב און יחסן, ווי אַנ'עושר מיט תורה, אַז דערפאַר וואס איהר קענט לערנען, זענט איהר געצוואונגען צו ערנידעריגען זיך, נמצא אַז די תורה איז בשפל המדרגה...

ארון העדות... (כה. כב.)

דער רלב"ג אין ספר „העיקרים" שרייבט וועגען די, וואָס זענען מגלה פנים בתורה שלא כהלכה, אַרויסדרינגענדיג פון די פסוקים אַזעלכע דרשות, וועלכע זענען געגען פשט, און ער פיהרט אויס:

דעריבער ווערט די תורה אנגערופען מיט'ן לשון „עדות" — „ארון העדות", ווייל מען דאַרף זיך מיט איהר אומגעהן, ווי מיט אַנ'עדות, ביי וועלכען די ווערטער מוזען אנגענומען ווערען אַזוי ווי ער זאגט, ככתבם וכלשונם און מען טאר צו זיי גארנישט צוגעבען און נישט אויסטייטשען זיי אין אַנ'אַנדערען זין, וואס דער עדות האט נישט געמיינט...

ועשית שלחן עצי שטים... (כה. כג)

„שלחן של מקדש של פרקים הוה, דאי סלקא דעתך הדוקי היה מיהדק, אמתא באמתא היכי מטבליה״? (פסחים ק״ט).

פרעגען די מפרשים: וואס איז דא די שאלה? מען האט דאך גע־קענט דעם שלחן ארויסנעהמען פון בית־המקדש און טובל זיין אין דרויסען?

ווערט געענטפערט דערויף אין „אור יקרות״, אין נאמען פון הגאון רבי הירש:

אויפ׳ן שלחן איז, לויט׳ן דין, א גאנצע וואך געלעגען דער לחם־הפנים און די איינציגע געלעגענהייט איהם טובל צו זיין האט געקענט זיין נאר שבת בייטאג, איידער מען האט אויף איהם מסדר געווען דעם פרישען לחם־הפנים. מען האט אלזא נישט געקענט ארויסנעהמען שבת דעם שלחן און איהם טובל זיין אין דרויסען, דען טובל זיין אום שבת איז דאך אסור משום שבות, דאס איז מעגליך געווען צו טהון נאר אין בית־המקדש גופא, דען — „אין שבות במקדש״, און דערפון דריגגט אלזא די גמרא אז „שלחן של מקדש של פרקים הוה״, מחמת אנדערש וואלט מען איהם אין בית־המקדש נישט געקענט טובל זיין...

ונתת על השלחן לחם פנים לפני תמיד... (כה. ל.)

דער ענין פון לחם־הפנים איז געווען מרמז צו זיין און צו לערנען, אז אויפ׳ן טיש פון איטליכען מענש דארף זיך געפינען „לחם תמיד״, דארף שטענדיג ליגען גרייט א שטיקעל ברויט פאר א הונגעריגען ארימאן...

(רבי משה ליב סאסובער)

עס איז א מנהג חסידים, אז דער ארון פון א מת זאל געמאכט ווערען פונ׳ם טיש, אויף וועלכען ער האט געגעסען, צו ווייזען דערמיט, אז דער מענש נעהמט קיין שום זאך נישט מיט מיט־זיך, א חוץ די צדקה, וואס ער האט געטהון, די מצוה פון הכנסת־אורחים, וואס ער האט מקיים געווען ביי זיין טיש...

(רבי יצחק קארו)

כמשפטו אשר הראית בהר... (כו. ל.)

אין דער גמרא ווערט געזאָגט: „כל אדם שיש בו דעה כאילו נבנה בית המקדש בימיו" (ברכות ל"ג).

וואונדערען זיך די מפרשים: וואָס פאַר א שייכות האָבען צווישען זיך דיביידע זאַכען און פונוואַנען איז דאָס גענומען?

ווייזט אָן רבי חיים בריסקער, אַז דאס איז געבויט אויף דער מסורה: „אשר הראית בהר" — אתה הראית לדעת"..

תְּצַוֶּה

ואתה הקרב אליך את אהרן... (כח. א.)

„ואתה הקרב", נישט דערהויבען זאלסטו איתם, נאר דערנעהנטערען, נישט העכער פון פאלק דארף זיך א מנהיג האלטען, נאר נאהנט צום פאלק...

(בני יששכר)

די תלמידים פון רבי ישראל סאלאנטער זענען אמאל בשעת א שמחת-מצוה, ווען זיי זענען אריין אין התלהבות, צוגעלאפען צום רבי'ן זייערען, וועלענדיג איהם אויפהויבען אין דער הויך און טראגען אויף די הענד, אבער רבי ישראל סאלאנטער האט זיי דערפון אבגעהאלטען.

— ניין, מיינע טייערע קינדער — מאכט ער צו זיי — א מענש טאר מען נישט אויפהויבען העכער, ווי ער איז...

ואלה הבגדים אשר יעשו וכו' מצנפת ואבנט... (כח. ד.)

„אבנט מכפרת על הרהור הלב" (ערכין טז)

אויף הרהור, זאגען די חז"ל, איז מען נישט מעניש: „מחשבה רעה אין הקב"ה מצרפה למעשה, שנאמר „און אם ראיתי בלבי לא ישמע ד'" (קידושין מ'), טא פארוואס דארף מען דערויף האבען א כפרה?

האט געענטפערט רבי פנחס הורוויץ, דער בעל „הפלאה":

אויף הרהור איז מען נאר דאמאלס נישט מעניש, ווען דער מענש האלט דעם הרהור פאר א חטא און ער האט דערויף חרטה. אויב אבער

מען האָט עס נישט פאַר קיין חטא – דאַמאָלס איז עס דער גרעסטער חטא... און אַזוי איז טאַקי משמע פון פסוק, וואָס די גמרא ברענגט: „און אם ראיתי בלבי – אויב איך אַליין זעה און בעטראַכט עס פאַר אַן־און, דאַן איז – לא ישמע ד׳״...

והם יקחו את הזהב ואת התכלת... (כח. ה.)

ווייל דאָס דאָזיגע זהב ותכלת וארגמן איז פאַר דיין ברודער, פאַר אהרנ׳ען מיט די קינדער, זאָלסטו דאָס אַלץ אַליין נישט נעהמען, נאָר – „והם יקחו״, אַנדערע זאָלען זיך פאָרען דערביי...

(נחלת שמשון)

ונשמע קולו בבואו אל הקדש... (כח. לה.)

דער פיטסבורגער רב, רבי משה שמעון זיוויץ, פלעגט זאָגען:

„ונשמע קולו בבואו אל הקדש״ – בשעת אַ רב קומט דאָס ערשטע מאָל אין אַ שטעדטעל אַריין איבערנעהמען דאָס כסא־רבנות, דאַמאָלס איז „ונשמע קולו״, ווערט זיין קול געהערט, מען האָט שטאַרק דרך־ארץ פאַר איהם און מען גיט איהם אָב גרויס כבוד, דאַגעגען – „ובצאתו ולא ימות״, אין אַ שטיקעל צייט אַרום, בשעת ער ווערט צוליעב פערשיעדענע מחלוקת געצוואונגען צו פערלאָזען דאָס שטעדטעל, דאַרף ער בעטען דעם אויבערשטען אויף „ולא ימות״, אַז ער זאָל כאָטש אַרויס מיט גאַנצע ביינער...

רבי חיים בריסקער האָט אַמאָל בעמערקט אין בית-מדרש, ווי אַ חסידישער איד מאַכט מורא׳דיגע געוואַלדען ביים דאַוונען, האָט ער איהם נאָכ׳ן דאַוונען צוגערופען צו זיך און געזאָגט:

– איהר ווייסט, ליעבער איד, די תורה האָט אָנגעזאָגט, אַז מען זאָל דעם כהן־גדול אָנטהון פעמונים, גלעקלעך, בכדי אַז ער וועט אַריינקומען אין בית־המקדש אַריין זאָל זיין „ונשמע קולו בבואו אל הקדש״, זאָל מען הערען, אַז דער כהן־גדול איז דאָ און איז מתפלל. ווען אָבער די כהנים

וואלטען, ווי די חסידים, געמאכט געוואלדען ביים דאווענען, טא נ׳כוואס האט מען געדארפט האבען די פעמונים ?...

א מתנגדישער רב האט זיך אמאל שארף אויסגעדריקט פאר׳ן קאצקער רבי׳ן געגען דעם מנהג פון די חסידים ארומצולויפען אהין און צוריק בעת׳ן דאווענען, וואס דאס איז דאך געגען דעם דין, די גמרא זאגט דאך בפירוש: „המתפלל צריך שיכון את רגליו, שנאמר ורגליהם רגל ישרה״ (ברכות י׳).

ענטפערט איהם דער קאצקער: דער פשט איז פון „צריך שיכון את רגליו״, אז ער זאל זיין ביים דאווענען מיט ביידע פיס, ווייל אמאל קאן מען מיט איין פיס ביים דאווענען שטעה׳ן אין הימעל און מיט׳ן צווייטען — אין שאול תחתיה...

מען האט אמאל געפרעגט דעם רבי׳ן ר׳ בונם, הלמאי ער דאווענט שפעט און איז עובר אויף תפלה בזמנה, האט ער געענטפערט: אין דער פריה, ביי ברכות השחר, זאגען מיר: „לעולם יהא אדם ירא שמים בסתר ובגלוי ומודה על האמת ודובר אמת בלבבו וישכם ויאמר״. אויב איינער איז שוין פארטיג ביי זיך מיט די דאזיגע מידות, דאן — „וישכם ויאמר״, מעג ער זיך אוועקשטעלען דאווענען השכמה...

ועשית ציץ זהב טהור וכו׳ קדש לד׳... (כח. לו.)

פארוואס ווערט נור ביי ציץ געזאגט „קדש לד״ ?

ווייל אין יענע צייטען פלעגען אויך סתם מענשען טראגען אויפ׳ן שטערען א ציץ אלס תכשיט, ווי עס איז צו זעהען פון דער משנה אין שבת: „במה אשה יוצאה ובמה אינה יוצאה, לא תצא אשה וכו׳ ולא בטוטפת וכו׳ ולא בכבול״ (שבת נ״ז) און דערויף פערטייטשט דער רמב״ם אין פירוש המשניות: „טוטפת היא ציץ, וקשרו אותו על המצח מאוזן לאוזן וכו׳ וכבול חתיכה של בגד כמו מצנפת שקושרין אותה על המצח ונותנין הציץ עליה כדי שלא יזיק הציץ במצח״.

און בכדי צו אונטערשיידן עס פונם עהנליכען תכשיט של חול, ווערט דעריבער אָנגעזאָגט, אַז דער ציץ פון כהן גדול זאָל זיין קדש לד׳...

(רבי שאול הלוי מורטירא)

והיה על מצחו תמיד לרצון להם לפני ד׳... (כח. לח.)

דער ציץ, זאָגען די חז״ל, האָט מרצה געווען אויפ׳ן חטא פון עזות, אָבער נור אויף אַזאַ עזות, וואָס איז „לפני ד׳״, מיט וועלכען מען בענוצט זיך לשם שמים.

ביי מילי דשמיא דאַרף מען און מען מעג אַמאָל זיין אַנ׳עזות־פּנים. דאַ־געגען אין אַנדערע זאַכען טאָר מען נישט זיין קיין עזות־פּנים אויפ׳ן כהן־גדול׳ס חשבון, פערלאָזענדיג זיך, אַז דער ציץ פון כהן־גדול וועט דערויף מכפר־זיין...

(רבי מאיר יחיאל מאָגעלניצער)

דאַגעגען האָט געזאָגט רבי זישע האַניפּאָלער:

אַמאָל האָט מען זיך געמעגט ערלויבען צו זיין אַנ׳עזות־פּנים אין מילי דשמיא, ווייל דער ציץ האָט דערויף מכפר געווען, היינט אָבער, בעוונותינו הרבים, ווען מיר האָבען נישט, ווער עס זאָל אויף אונז מכפר זיין, טאָר מען אפילו אין אַזעלכע זאַכען, און הימעל־זאַכען, אויך נישט זיין קיין עזות־פּנים...

און רבי צדוק הכהן פון לובלין פלעגט זאָגען:

„בעקבות משיחא חוצפא יסגא״ (סוף סוטה), חוצפה וועט דאַמאָלס זיין אַ גרויסע זאַך, מען וועט דאַרפען פערמאָגען אַ סך חוצפה בכדי צו קענען זיין אַ איד, צו פיהרען זיך ווי אַ איד און עוסק צו זיין בעבודת הקדש, מען וועט דאַן אָהן חוצפה נישט קענען אויסקומען...

ומשחת אותם וכו׳ וקדשת אותם וכהנו לי... (כח. מא.)

צי רבי יהושע׳לע קוטנער זענען אמאל געקומען האבען א דין־תורה עטליכע רבי׳שע קינדער, וועלכע האבען זיך ארומגעקריגט איבער דער ירושה און יעדער פון זיי האט געוואלט ווערען רבי אויפ׳ן פאטערס ארט.

אויסהערענדיג זייערע טענות זאגט צו זיי רבי יהושע׳לע:

אין דער תורה ווערט געזאגט: „והלבשת אותם את אהרן אחיך ואת בניו אתו ומשחת אותם ומלאת את ידם וקדשת אותם וכהנו לי״. איז נאכ־וואס האט מען אייגענטליך געדארפט זאלבען אהרנ׳ס קינדער, עס האלט דאך געגוג געווען, מען זאל זאלבען בלויז אהרנ׳ען, וואלטען שוין אויך די קינדער ממילא געווארען קודש? נאר מוז זיין, אז דערמיט, וואס דער טאַטע איז א קדוש ווערט מען נאך אליין נישט קיין קדושים, די קינדער דאר־פען האבען א בעזונדערע משיחה און אליין זיין ראוי דערצו...

שבעת ימים ילבשם הכהן תחתיו מבניו... (כט. ל.)

אן׳עהנליכע דין־תורה איז אמאל פארגעקומען פאר׳ן „חפץ חיים״.

אין א געוויסער שטאדט איז נאך דער פטירה פון רב ענטשטאנען א מחלוקת ארום כסא־רבנות, וועלכען עס האט געוואלט איבערנעהמען דעם רב׳ס זוהן, שטיצענדיג זיך אויף דער טענה פון חזקה, הגם ער איז לויט זיינע קוואליפיקאציעס נישט געווען ראוי דערצו, אבער די שטאדט האט נישט געוואלט, בעשליסענדיג אויפצונעהמען אלס רב א צווייטען, מעהר ענטשפרעכענדען קאנדידאט. איז מען אוועק צום „חפץ חיים״, וועלכער האט אויסגעהערט די טענות און געזאגט:

— אמת הדבר, אז עס איז חל ביי אונז דער דין פון חזקה, דער רמב״ם אין הלכות כלי־מקדש (פרק ד׳ הלכה כ׳) זאגט בפירוש: „כשימות המלך או כהן־גדול או אחד משאר ממונים מעמידין בנו תחתיו או הראוי ליורשו, וכל הראוי לנחלה קודם לשררות המת״, און אזוי ווערט אויך גע־זאגט אין רמב״ם הלכות מלכים. אנ׳אויסנאהם ווערט בלויז געמאכט ביי א כהן משוח מלחמה, ביי איהם זאגט די גמרא: „יכול יהא בנו של משוח־מלחמה משמש תחתיו כדרך שבנו של כהן גדול משמש תחתיו? תלמוד לומר שבעת ימים ילבשם הכהן תחתיו מבניו אשר יבא אל אהל מועד, מי שראוי לבא אל אהל מועד״ (יומא ע״ג)· אלזא, ביי א כהן משוח־מלחמה געהט זיין התמנות נישט איבער בירושה צו די קינדער. און אויך א רב — פיהרט

אויס דער חפץ חיים — איז לויט זיין התמנות אַ משוח-מלחמה, ער דאַרף זיך תמיד געפינען אויפ'ן מלחמה-פלאַץ און פיהרען אַהן אויפהער אַ מלחמה כבדה פאַר'ן יהדות, און דערצו זענען נויטיג בעזונדערע כשרונות, אַ סך מוט און ענערגיע, און דעריבער קאָן דערביי נישט שייך זיין קיין ירושה...

נאָך דער פטירה פון בעש"ט האָבען אַ טייל פון זיינע חסידים געוואָלט בעשטימען אויף זיין אָרט זיין זוהן רבי צבי, אָבער די נאָהנטסטע תלמידים און מקורבים פון בעש"ט האָבען זיך געגענגעשטעלט און ערקלערט:

— ביי אַלעמען איז שייך דער דין פון חזקה און ירושה, אפילו ביי אַ כהן גדול, אפילו ביי אַ מלך, אַ חוץ ביי אַ נביא. מיר געפינען נישט אין ערגיץ, אַז דער זוהן פון אַ נביא זאָל האָבען גע'ירשנ'ט דאָס נביאות פון זיין פאָטער און אויך געוואָרען אַ נביא. נבואה געהט נישט איבער בירושה, רוח-הקדש רוהט נור אויף אַזעלכען, וועלכער איז אַליין ראוי דערצו...

ושכנתי בתוך בני ישראל והייתי להם לאלקים... (כט.מה.)

דער אלעקסאַנדרער רבי, ר' הענעך, האָט אַמאָל געזאָגט, אַז זייענדיג אַ שטיקעל צייט ביי אַ געוויסען רבי'ן, איז וואָס מעהר ער האָט זיך דערנעהנטערט צו איהם און וואָס היימישער ער איז מיט איהם געוואָרען, אַלץ וועניגער האָט ער גענומען פון איהם האַלטען, אַלץ קלענער איז געוואָרען אין די אויגען זיין חשיבות... ערשט דאן ווען ער האָט אָנגעהויבען פאַהרען קיין קאָצק, איז וואָס נעהנטער ער איז צו איהם געוואָרען און וואָס מעהר ער האָט זיך גענומען צו איהם צוקוקען—אַלץ גרעסער איז ער פאַר איהם אויסגעוואַקסען און אַלץ מעהר מורא האָט ער פאַר איהם בעקומען... — ערשט דאַמאָלס — האָט ער אויסגעפיהרט — האָב איך פערשטאַנען דעם פסוק: „ושכנתי בתוך בני ישראל והייתי להם לאלקים". אַבגעטער, פאַלשע געטער, זענען שעהן און בעצויבערענד נאָר פון דערווייטענס. ווען מען דערנעהנטערט זיך צו זיי, דערזעהט מען, אַז זיי זענען גאָרנישט, אָבער ביי השי"ת איז „ושכנתי בתוך בני ישראל" און ערשט דאַן — „והייתי להם לאלקים". וואָס מעהר אַ איד דערנעהנטערט זיך צום אויבערשטען, אַלץ מעהר ווערט ער מסוגל משיג צו זיין זיין גדלות...

והקטיר עליו אהרן קטורת סמים... (ל, ז.)

קטורת ברענגט גליק, קטורת איז מעשיר, ווי מיר געפינען אין דער גמרא: „מעולם לא שנה אדם בה, מאי טעמא? א״ר חנינא מפני שמעשרת״ (יומא כ״ו), אָבער קטורת, אויב מען חייסט זיך נישט דערמיט ווי אומצו־געהן, ברענגט אויך אומגליק, ווי מיר זעהען ביי נדב ואביהו, ביי דער עדת קרח און ביי עזיהו המלך. ביי קטורת איז דער דין: „אם חסר אחת מכל סמניה חייב מיתה״, און דאָס זעלבע איז אויך מיט עשירות, מיט געלד. געלד איז אַ מיטעל, דורך וועלכען אַ מענש קאָן זיין גליקליך און זיך ערווערבען ביידע וועלטען, אויב ער ווייסט זיך דערמיט ווי אומצוגעהן און אומגליקליך — אויב ער איז נישט געניג פאָרזיכטיג און בענוצט זיך דערמיט צו שעדליכע צוועקען...

כִּי תִשָּׂא

זה יתנו כל העובר על הפקודים... (ל. יג.)

„הראה לו כמין מטבע של אש וכו׳ ואומר לו כזה יתנו״ (רש״י)

פאַרוואָס האָט מען משה רבינו׳ן נישט געוויזען קיין מוסטער פון משכן און די פערשידענע כלים, נאָר בלויז פון מחצית השקל? ובכלל, צי האָט משה גאָר קיין צורת־מטבע נישט געקענט און מען האָט איהם ערשט געדאַרפט ווייזען, ווי אַזוי עס זעהט אויס?

נאָר — האָט געזאָגט דערויף רבי משה׳ה קאָברינער — משה רבינו האָט זיך געחאוּנדערט און נישט פערשטאַנען, פאַרוואָס אַזאַ קליינע מטבע, אַ מחצית השקל, זאָל דיענען אַלס כופר נפש, „לכפר על נפשותיכם״... און בכדי איהם צו דאָס צו פערענטפערען, האָט מען איהם געוויזען „מטבע של אש״, אַז בשעת עס קומט צום געבען צדקה צוברענט זיך דאַמאָלס אין יעדע מטבע אַ פייער, אַ פייער פון יצר־הרע, וועלכער לאָזט נישט דעם נותן זיך צוריהרען צו זיין געלד, אָבשטויסענדיג איהם דערפון מיט די פערשידענסטע תירוצים. עס פאָדערט זיך דאַן פון מענש אַ סך אָנשטרענגונג בכדי גובר צו זיין דאָס דאָזיגע פייער און דערפאַר איז די מצוה פון נתינת צדקה אַזוי גרויס און ווערט פערעכענט אַלס כופר נפש...

דעריבער — פלעגט זאָגען רבי נחמן בראַצלאַווער — האָט מען משה׳ן געוויזען אַ „מטבע של אש״, חייל פייער איז איינע פון די נוצליכסטע זאַכען, אָהן וועלכען די וועלט קאָן נישט אויסקומען, אָבער מיט׳ן זעלבען פייער קאָן מען אויך די וועלט חרוב מאַכען, און אַזוי איז אויך מיט געלד: עס איז די נוצליכסטע זאַך, אויב מען ווייסט זיך דערמיט ווי אומצוגעהן, און די געפערליכסטע זאַך — אויב זי פאַלט אַריין אין שלעכטע הענד...

הֶעָשִׁיר לֹא יַרְבֶּה... (ל טו)

פאַרוואָס — האָט אַמאָל געפרעגט רבי אייזיל סלאָנימער — שטעהט אויך נישט בפירוש אין דער תורה, אַז „המבזבז אל יבזבז יותר מחומש", פונקט ווי עס שטעהט ביי מחצית-חשקל: „העשיר לא ירבה"?

וויל ביי עפענטליכע צדקה — האָט ער דערויף געענטפערט — ווי ביי מחצית-השקל, מאַכט זיך אַמאָל, אַז אַ נגיד זאָל ליב האָבען אַרויסצו-ווייזען פזרנות און צו געבען מעהר ווי אַ האַלבען שקל, האָט מען דערי-בער געדאַרפט דערביי אָנזאָגען: „העשיר לא ירבה", דאַגעגען ביי סתם צדקה, ביי צדקה בסתר, איז נישט נויטיג געווען אַזוי שטאַרק צו וואָרע-נען און צו שרייבען וועגען דעם בפירוש אין דער תורה, מען קאָן דערי-ביי זיין פולשטענדיג זיכער, אַז זיי וועלען אויף אַן איסור דרבנן אויך, חלילה, נישט עובר זיין...

מען האָט דעם לאַדזער רב, רבי אלי' חיים מייזעל, אָנגעוויזען אויף אַ געוויסען לאָדזשען גביר, וועלכער וויל נישט געבען אַ גראָשען צדקה און ער איז יוצא, ווי ער טענה'ט, דערמיט וואָס ער זיצט שטענדיג און לערנט.

האָט רבי אלי' חיים דערויף דערצעהלט, אַז בעת דער רוסיש-יאַפּאַ-נישער מלחמה איז אין די דערפער פראָקלאַמירט געוואָרען אַ פּאַטריאָטישע געלד-זאַמלונג אויפצובויען אַ „פּריווילעגען" קריגס-פלאָט אויפ'ן נאָמען פון די פויערען און דערביי האָט זיך יעדעס דאָרף געדאַרפט פערשרייבען אויס-צוקויפען אַן אַקציע, פון וועלכען די קלענסטע האָט בעטראָפען צעהן רובל. שפּעטער ווען מען איז געקומען אין אַ געוויסען דאָרף אויפמאָהנען דאָס געלד, האָבען די פויערען געענטפערט:

— מיר ווייסען, אַז פאַר צעהן רובל שטראָף זיצט מען אָב צוויי וואָ-כען אין טורמע. קיין געלד האָבען מיר נישט, מיר זענען אָבער גרייט צו געהן „אָבזיצען", וויפיעל עס וועט אויסמאַכען פאַ זאַקאָנו...

— ווי עס זעהט אויס — האָט רבי אלי' חיים אויסגעפיהרט — זענען אויך צווישען די נגידים פאַראַן אַזעלכע, וועלכע זענען גרייט צו געהן „אָבזיצען", צו זיצען און לערנען „פאַ זאַקאָנו", ווי לאַנג איהר ווילט, אַבי נור קיין געלד נישט צו געבען...

ואמלא אותו רוח אלקים בחכמה ובתבונה וכו׳... (לא ג)

א משולח פון דער וואלאזשינער ישיבה האט זיך געקלאגט פאר רבי חיים וואלאזשינער, אז איינער א בעקאנטער גביר פון א נאהנט שטעדטעל, וועלכער פלעגט שטענדיג געבען גרויסע נדבות פאר דער ישיבה, איז מיט־אמאל ברוגז געווארען און ער וויל מעהר נישט געבען א גראשען. איז רבי חיים אליין אריבערגעפאהרען צום גביר, וועלכער האט אויף דער פראגע פון רבי חיים׳ן, הלמאי ער האט אויפגעהערט צו געבען געלד אויף דער ישיבה, ערקלערט, אז כל־זמן ער איז זעווען זיכער, אז דאס נעזאמעלטע געלד ווערט אויסגעגעבען פאר די ארימע ישיבה־בחורים, האט ער געגעבען גערן, מיט חשק וביד רחבה, איצט אבער איז ער דערגאנגען, אז א בעדייטענדער טייל פון דעם געלד ווערט פערווענדעט פאר די משולחים, וועלכע פאהרען אין וועג אויף א בהרחבה׳דיגען אופן, געהען זעהר לייטיש געקליידעט און לעבען זיך בכלל גאר נישקשה׳דיג און אויף אזעלכע זאכען איז ער נישט מחויב צו געבען.

ענטפערט איהם רבי חיים:

אין פ׳ תשא שטעהט: „ואמלא אותו רוח אלקים בחכמה ובתבונה ובדעת ובכל מלאכה ולחשוב מחשבות לעשות בכסף וזהב ונחושת״. איז אייגענטליך נאכוואס איז דא דער פסוק אזוי מאריך? עס איז דאך גאנץ גענוג דער שבח, אז ער איז געווען פול „בחכמה ובתבונה ובדעת״, צוליעב וואס איז נאך נויטיג דערביי צוצוגעבען, אז ער איז געווען אימשטאנד „לחשוב מחשבות לעשות בכסף וזהב ונחושת״? נאר דער ענין דערפון איז אזוי: אויך דארט, ביים מנדב זיין אויפ׳ן מלאכת המשכן, זענען געווען אזעלכע נדבנים, וועלכע האבען פערלאנגט, אז זייערע נדבות זאלען פערווענדעט ווערען נאר אויף דעם אייגענטליכען הייליגען צוועק, נישט אויף אנדערע זאכען, אויף די אלע זייטיגע, נויטיגע אויסגאבען, און דאס איז דאך אבער אונמעגליך, מען מוז דאך האבען אויך אויף הוצאות, און דעריבער דערצעהלט אונז דערביי די תורה דעם שבח פון בצלאל׳ן, אז ער האט פערשטאנען „לחשוב מחשבות לעשות בכסף וזהב ונחושת״, אז מיט זיין קלארען שכל האט ער געקענט אריינדרינגען אין הארצען פון יעדען נותן און אזוי ארום צו וויסען, וואס ער האט צו מאכען מיט יעדער בעקומענער נדבה און אויף וואס ער זאל עס פערווענדען. די נדבה וואס איז געגעבען געווארען בלויז לשם־שמים, האט ער פערנוצט אויפ׳ן סאמע הייליגסטען צוועק. די נדבה, וועלכע איז נישט געווען אינגאנצען ריין פון זייטיגע פניות, האט ער פערווענדעט אויף לייכטערע צרכי־קדושה און די נדבה וועלכע איז געגעבען געווארען רק לשם כבוד

— האט ער פערהוועגדעט אויף וואכעדיגע זאכען, וועלכע זענען אויך נויטיג צום בנין המשכן...

זייט זיכער — האט רבי חיים אויסגעפיהרט — אויב איהר האט אין זינען בשעת׳ן געבען די נדבה, אז דאס געלד זאל געהן לשמה, נור אויף החזקת התורה, פאר די ארימע ישיבה־בחורים, ווערט עס אויף קיין שום אנדער זאך נישט פערוועגדעט, נאר אויף דעם דאזיגען צוועק. דאגעגען אויף אויסצוהאלטען די משולחים און די אלע אנדערע וואכעדיגע הוצאות — דאס ווערט גענומען פון די געלדער, וועלכע ווערען געגעבען שלא לשמה...

(דור דעה)

אך את שבתותי תשמרו..

„אף על פי שתפקדיך לצוותם על מלאכת המשכן, אל יקל בעיניך לדחות את השבת מפני אותה מלאכה" (רש״י).

פארוואס וואלט געווען א הוה־אמינא, ווען די תורה וואלט וועגען דעם בפירוש נישט געווארענט, אז מלאכת־המשכן זאל דוחה זיין שבת? — ווייל דער משכן האט מכפר געווען אויפ׳ן חטא העגל, איז עס דאך א א קרבן־צבור, און א קרבן צבור איז דוחה שבת.

אי׳ פארוואס טאקי האט דער בנין המשכן נישט געהאט דעם דין פון א קרבן־צבור? — ווייל שמירת־שבת נופא איז אליין אויך מכפר אויפ׳ן עגל, דען — „כל המשמר שבת כהלכתה אפילו עובד ע״ז כדור אנוש מוחלין לו" (שבת קי״ח)...

(כתב סופר)

כי אות הוא ביני וביניכם... (לא. יג.)

דער עסטרייכישער קייזער, פראנץ יאזעף, איז אמאל געקומען קיין קראקא און צווישען די פערשידענע אפיציעלע וויזיטען האט ער אויך בעזוכט די אידישע שוהל. אין פאליש פון שוהל פלעגט שטענדיג הענגען פראנץ יאזעף׳ס בילד. אינ׳ם דאזיגען טאג אבער איז פלוצים דאס בילד פערשוואונדען: א געהיימע אנטיסעמיטישע האנד האט, איידער דער קייזער איז אריין אין שוהל, דאס בילד ארויסגעגנבעט און גלייך האט מען פראנץ יאזעף׳ן אונטערגעטראגען די מסירה, אז די אידען האבען, אלס

דעמאָנסטראַציע געגען קייזער, אַראָבגענומען דאָס בילד פון דער וואַנד...

אַריינקומענדיג אין שוהל האָט זיך פראַנץ יאָזעף אַרומגעקוקט אויף אַלע זייטען און דאַן האָט ער זיך געווענדעט צום רב, רבי שמעון סופר, וועלכער איז אויך געווען דעפּוטאַט אין עסטרייכישען רייכסטאַג, און איהם געפרעגט, צי עס איז אמת, אַז שטענדיג פלעגט דאָ הענגען זיין בילד, נאָר היינט, אין ערוואַרטונג פון זיין בעזוך, האָט מען דאָס בילד אַראָבגענומען.

רבי שמעון האָט ערשט איצט צו זיין גרויס שרעק דערזעהען, אַז דאָס בילד איז פלוצים פערשוואונדען. ער האָט זיך אָבער נישט פערלוירען און האָט געענטפערט:

— עס איז, אמת, מאַיעסטעט, אַז מיר האָבען דאָס בילד היינט אַראָבגענומען און געטהון האָבען מיר עס צוליעב פאָלגענדען טעם: לויט אונזערע רעליגיעזע פאָרשריפטען זענען מיר אידען פערפליכטעט צו לעגען יעדען טאָג תפילין, וועלכע דיענען פאַר אונז אַלס „אות ברית", אַלס אַ סימבאָלישע פערבינדונג מיט אונזער גאָט. שבת דאַגעגען טאָר מען קיין תפילין נישט לעגען, וועיל וועגען שבת ווערט געזאָגט אין דער תורה: „כי אות הוא ביני וביניכם", שבת פיהלען מיר זיך אַזוי דערנעהנטערט צו גאָט, אַז עס אין איג'ם דאָזיגען טאָג נישט נויטיג מעהר קיין שום אָנדענקונגס-צייכען... און לויט'ן זעלבען ביישפּיעל האָבען מיר געהאַנדעלט אין איצטיגען פייערליכען מאָמענט: אַ גאַנץ יאָהר לאָזען מיר הענגען אין שוהל דיין בילד אַלס זכר און צייכען פון אונזער פערבינדונג מיט דיין קעניגליכער מאַיעסטעט, איג'ם היינטיגען טאָג אָבער, ווען דיין מאַיעסטעט האָט בעוויליגט פערזענליך צו ערשיינען פאַר אונז, וואָלט געווען אַ פערשוועכונג צו קוקען אויפ'ן בילד דאַן, ווען מיר האָבען דאָס גליק צו זעהען דיך זעלבסט...

מחלליה מות יומת... (לא. יד.)

„מה ת"ל והא כבר נאמר כל העושה מלאכה ביום השבת מות יומת? אלא שיכול אין לי אלא עונש על מלאכת היום, ומניין עונש על מלאכת הלילה, תלמוד לומר מות יומת" (מכילתא).

וואונדערען זיך די מפרשים: ווי אַזוי איז פונ'ם וואָרט „מחלליה" געדרונגען, אַז דער עונש איז אויך על מלאכת הלילה? — רבי נפתלי צבי בערלין אין „העמק שאלה" ערקלערט דערויף, אַז דער דיוק איז דערפון, וואס עס שטעהט „מחלליה" אַ לשון נקבה, און דערפון איז משמע

אז עס בעציהט זיך על מלאכת הלילה, דען אויך לילה איז א לשון נקבה.

די דאזיגע ערקלערונג איז באמת א פלא, מחמת ווי בעקאנט, ווערט אומעטום אין תנ"ך דאס ווארט לילה אויסגעדריקט בלשון זכר, ווי „ונחלמה חלום בלילה אחד", „הלילה אמר", „בלילה ההוא" א. ד. גל. דאגעגען געפינען מיר אין ערגיץ נישט, אז „לילה" זאל קומען בלשון נקבה, און נאכמעהר פלא איז, וואס ער שטיצט זיך אין דער דאזיגער ערקלערונג אויפ'ן ווילנער גאון...

(תורה תמימה)

ששת ימים יֵעָשֶׂה מלאכה... (לא. טו.)

שבת — האט געזאגט דער חתם-סופר — איז אויסער דעם טעם פון „כי ששת ימים עשה ד' את השמים ואת הארץ וכו' וינח ביום השביעי", אויך א זכר ליציאת מצרים, ווי עס ווערט געזאגט אין דער תורה: „וזכרת כי עבד היית בארץ מצרים וכו' על כן צוך ד' לעשות את יום השבת" (דברים ה. טו), און דעריבער איז נישט גענוג בלויז, וואס מען רוהט אינ'ם זיבעטען טאג, נאר מען דארף די גאנצע זעקס טעג ארבייטען, און אזוי טאקי ווערט געזאגט אין אבות דרבי נתן (פרק י"א): „שמעי' אומר אהוב את המלאכה וכו' כשם שהתורה ניתנה בברית כך המלאכה ניתנה בברית, שנאמר ששת ימים תעבוד ועשית כל מלאכתך", ווייל אויב מען ארבייט נישט און מען געהט ארום א גאנצע וואך לעדיג, איז דער שבת נישט קיין זכר ליציאת מצרים, וואו מען האט גערוהט נאך זעקס שווערע ארבייטס-טעג...

בכלל האט דער חתם-סופר ארויסגעוויזען אזעהר פאזיטיווע בעציהונג, צו פיזישע ארבייט און א נעגאטיווע בעציהונג, נישט נאר צו לעדיג-געהן נאר אפילו צו מסחר. אין איין ארט געפינען מיר ביים חתם-סופר פאלגענדע כאראקטעריסטישע שטעלע:

„...ויתרון ארץ בכל הוא מלך לשדה נעבד — האדם המושל בכל הוא בעל הארץ והשדה, הזורע והחורש, קוצר ונוטע, מגדל ותולש, גוזז, טווה ורוקם... והם עיקר הארץ ואלמלא הם אין עולם... ואחריהם כמוהם כל בעלי-המלאכה... ואחריהם ופחותים מהם הם המכונים סוחרים... ואלו

הסוחרים אין מסגלים לעולם כלום ואינם יודעים לסגל והם הם הפחותים ונחשבים לגדולים וחשובים, ואחריהם הפחותים מהם הם השולחנים המכונים באַנקירען... והם פחותי הפחותים שבישוב העולם ונחשבים לגדולי הגדולים..."

ושמרו בני ישראל את השבת... (לא. טז)

פאַרוואָס מאַכט מען נישט קיין „שהחיינו" אויף שבת פונקט אַזוי, ווי אויף יעדען יום־טוב?

די דאָזיגע פראַגע געפינען מיר ביים דווינסקער גאון, רבי יאָשע דינאַבורגער, און ער פערענטפערט עס מיט אַ זעהר שאַרפען באריכות'דיגען פלפול.

ויהי כאשר קרב אל המחנה וירא את העגל ומחולות... (לב. יט)

ווען משה האָט אויסער דעם עגל, אויך דערזעהן די מחולות, די טענץ, דאַן — „ויחר אף משה וישלך מידיו את הלוחות". פון מענשען, וואָס לאַ־די זיי האָבען געזינדיגט, טאַנצען זיי נאָך און פרעהען זיך מיט די בעגאַנגענע זינד, פון אַזעלכע מענשען איז שוין קיין גוט'ס נישט צו ערוואַרטען...

(רבי יצחק קאַרו)

מען האָט דערצעהלט דעם חדושי הרי"ם וועגען איינעם פון זיינע חסידים, אַ וואַרשאָווער יונגערמאַן, וועלכער האָט געשמ'ט אַלס גרויסער למדן, אַז ער האָט זיך מתחבר געווען מיט די משכילים און איז נתפקר געוואָרען. דערהערענדיג די דאָזיגע טרויעריגע ידיעה האָט דער חדושי־הרי"ם אַרויסגעגעבען אַ שטרענגען בעפעהל צו די חסידים, אַז עס זאָל קיינער נישט דערוועגען צו רעדען אויף איהם אַ שלעכט וואָרט. נישט לאַנג דער־נאָך איז דער חדושי־הרי"ם אַוועק צום דאָזיגען יונגערמאַן, זיך פערמאַכט מיט איהם אין א חדר־מיוחד, וואו ער האָט מיט איהם אָבגעשמועסט אַ לענגערע צייט און אַרויסגעהענדיג פון דאָרט האָט ער אַ געשריי געטהון אויף איהם פאַר אַלעמען אין די אויגען: רשע!

און דאן האט זיך דער חדושי הרי"ם געווענדעט צו זיינע בעגלייטער און זיי ערקלערט:

בשעת משה רבינו האט דערהערט, אז די אידען האבען געזינדיגט, האט ער נישט צובראכען באלד די לוחות, נעטהון האט ער דאס ערשט שפּע־טער „כאשר קרב אל המחנה וירא את העגל ומחולות", שטיצענדיג זיך דערביי, ווי רש"י ברענגט אויס'ן ארט, אויף א קל־וחומר פון קרבן־פסח איז אייגענטליך נאכוואס האט ער געדארפט ווארטען אזוי לאנג? דעם זעל־בען קל־וחומר האט ער דאך אויך פריהער געקענט אראבלערנען? נאר פריהער האט משה רבינו געהאפט, אז בעת ער וועט געהן צו זיי און זיי וועלען דערזעהען דעם רבי'ן זייערן, וועלען זיי זיך שעמען און חרטה האבען, און דעריבער האט ער אויף זיי נישט געלאזט רעדען קיין שלעכט ווארט און ער האט זיי פערטיידיגט און געטענה'ט: „למה ד' יחרה אפך". אבער „ויהי כאשר קרב אל המחנה וירא את העגל ומחולות", זעהענדיג אז זיי שעמען זיך שוין פאר'ן רבי'ן אליין אויך נישט, אז זיי טאנצען ארום עגל אויך איהם אין די אויגען, דאן — „ויחר אף משה וישלך מידיו את הלוחות", אויב זיי שעמען זיך שוין אפילו פאר'ן אייגענעם רבי'ן נישט, דאן איז נישטא מעהר קיין האפנונג, מען זאל זיי מחזיר למוטב זיין...

כי לא תשתחוה לאל אחר וכו' אל קנא הוא... (לד. יד.)

„אל קנא הוא", ער איז אייפערזיכטיג (פון לשון „וקנא לאשתו") און ער וויל נישט, אז מען זאל זיך אבגעבען אויך מיט אנדערע געטער...

(רבי יוסף אבן כספי און אזוי טייטשט אויך דער ספורני אין פ' יתרו)

ולא יחמוד איש את ארצך בעלותך לראות את פני ד' אלקיך... (לד. כד.)

„מפני מה אין פירות גינוסר בירושלים? כדי שלא יהיו עולי רגלים אומרים אלמלא עלינו אלא לאכול פירות גינוסר בירושלים דיינו, נמצאת עליה שלא לשמה" (פסחים ח.).

איז דערפון צו זעהן – האט געזאגט הרב קוק — אַז די עליה קיין ארץ-ישראל, דאַרף זיין לשמה, נישט צוליב אייגענע פערזענליכע נוצען ולשם עסקים און ביזנעס, און נור דאַן וועט זיין „ולא יחמוד איש את ארצך״, וועלען מיר נישט האבען אויף זיך אַזויפיעל מקטריגים ביים בנין הארץ...

ויקהל

ששת ימים תעשה מלאכה... (לה, ב.)

אין יאהר 1841, בעת די רוסישע רעגירונג האט פארגענומען צו פראדוקטיוויזירען די פוילישע אידען און צו בעזעצען זיי אויף לאנדווירטשאפט, האט זי זיך דאן געווענדעט צו א רייה אידישע גדולים פון פוילען, זיי זאלען ארייסגעבען אנ׳אויפרוף צו די פוילישע אידען און אנווייזען אויף דער וויכטיגקייט פון יגיע כפים, פון ארבייט בכלל און ערד-ארבייט בפרט.

אזא אויפרוף איז טאקי דאן ערשינען און געווען זענען אויף איהם אונטערגעשריבען: דער חדושי הרי״ם, רבי יצחק ווארקער, הרב חיים דאווידזאהן און ר׳ שלמה זלמן פויזנער.

האט דאן א חסיד געפרעגט דעם חדושי-הרי״ם:

— צי וועט דער רבי אליין זיך אויך אזוי נוהג זיין? צי וועט דער רבי אויך זיין זוהן לערנען א מלאכה, נישט קיין תורה?

האט איהם דער חדושי-הרי״ם געענטפערט:

די גמרא זאגט: „רבי מאיר אומר לעולם ילמד אדם את בנו אומנות נקיה וקלה וכו׳ ורבי נהוראי אומר מניח אני את כל אומנות שבעולם ואיני מלמד את בני אלא תורה״ (קידושין פ״ב).

פרעגט מען דערויף א הארבע קשיא: אין אנ׳אנדער ארט זאגט דאך די גמרא: „לא רבי מאיר שמו אלא נהוראי שמו ולמה נקרא שמו נהוראי שמאיר עיני חכמים בהלכה״ (עירובין י״ג), אז רבי מאיר און רבי נהוראי זענען צוויי נעמען פון איין פערזאן, טא ווי אזוי קאן איין און די זעלבע פערזאן ארויסזאגען צוויי להיפוכ׳דיגע מיינונגען?

נאר דער תירוץ איז אזוי: פאר׳ן רבים, וואו ער איז אויפגעטרעטען אלס מאיר, אלס פוסק און מורה-דרך, אלס „מאיר עיני חכמים בהלכה״, האט ער געלערענט, אז „לעולם ילמד אדם את בנו אומנות נקיה וקלה״, אז מען דארף נישט בלויז עוסק זיין בתורה, נאר אויך בעשעפטיגען זיך מיט ארבייט, מיט מלאכה, דען אזוי פאדערט דער ישוב העולם, דאגעגען

פאַר זיך, אין זיין פּריוואַט-לעבען, אלס נהוראי. (וואָס דאָס איז דאָך געווען זיין אמת'ער נאָמען), האָט ער בנוגע זיינע אייגענע קינדער מחמיר געווען און געזאָגט: „מניח אני את כל אומנורת שבעולם ואיני מלמד את בני אלא תורה"...

לא תבערו אש בכל מושבותיכם... (לה. ג.)

דעריבער איז נויטיג געווען אַ בעזונדערע אַזהרה אויף לא תבערו אש, ווייל דער טעם פון שבת איז דאָך זכר למעשה בראשית און פייער, ווי עס זאָגען די חז"ל (פסחים נ"ד), איז נישט בעשאַפען געוואָרען אין די ששת ימי בראשית, נאָר ערשט אין מוצאי שבת (און דערפאַר מאַכט מען מוצאי שבת אַ ברכה „בורא מאורי האש"). וואָלט דאָך, אַלזאָ, געקענט זיין אַ הוה-אמינא, אַז הבערה איז נישט אין כלל פון די ל"ט מלאכות, איז דער-פאַר האָט מען געדאַרפט ספּעציעל אָנזאָגען: „לא תבערו אש"!...

(רבי יונתן אייבעשיץ)

כל נדיב לבו יביאה את תרומת ד'... (לה. ה.)

יעדער נדיב לב, יביאה, זאָל איהר, דאָס נדיבות, מיטברענגען מיט זיך צוזאַמען מיט דער תרומה. ער זאָל געבען נישט-נור מיט דער קעשענע, נאָר אויך מיט'ן האַרץ, מיט רצון און חשק...

(שפת אמת)

וכל אשר נדבה רוחו — אותו הביאו... (לה. כא.)

עפ"י רוב איז פונ'ם „נדבה" ביז'ן „הביאו" ענדערט זיך דער מצב. אין ערשטען הייסען מאָמענט, אונטערן איינדרוק פון דער ריהרענדער דרשה, דערוואַרימט זיך דער עולם און יעדער איינער בעשליסט ביי זיך אָנטקעגענצוקומען מיט אַ געהעריגע נתינה. שפּעטער אָבער, קוים געהט איבער דער ערשטער רושם און עס קומט צו דער קעשענע, ווערען אַ סך אָבגעקיהלט און אָדער מען איז יוצא מיט גראָשענס, אָדער מען האָט חרטה און מען גיט אינגאַנצען נישט. די תורה דערצעהלט אונז דעריבער

אַלס רבותא, אַז ביי מלאכת-המשכן איז דאָס נישט פאָרגעקומען, אַז פון אַלע ששים רבוא אידען האָט זיך נישט געפינען קיין איינער, וואָס זאָל האָבען געגעבען ווייניגער, וויפיעל ער האָט פריהער, אונטער'ן רושם פון משה'ס אויפפאָדערונג, געהאַט בעשלאָסען אין האַרצען צו געבען. עס האָט קיינער נישט קיין חרטה געהאַט און „וכל אשר נדבה רוחו — אותו הביאו"!...

(נחל קדומים)

ויבואו האנשים על הנשים... (לה. כב.)

די מענער האָבען זיך נישט צוגעגליבט, אַז די ווייבער זאָלען טאַקי פעהיג זיין אָראָבצונעהמען פון זיך דאָס ציהרונג און עס אַוועקגע-בען איף אַ דבר טוב, אויף געזעלשאַפטליכע צוועקען, און זיי זענען דע-ריבער מיטגעקומען מיט די ווייבער, בייוואוינען און זעהען דאָס וואונדער...

(אמרי חן)

דער דין איז, אַז תכשיטי נשים טאָר די פרוי נישט פערקויפען, אָדער אַוועקשענקען אַליין, אָ־הן דעם מאַן, און דער מאַן — אָהן דער פרוי, און דעריבער זענען געקומען ביידע, די מענער מיט די פרויען...

(פנים יפות)

כל מרים תרומת כסף ונחשת... (לה. כד.)

דאָגעגען ביי זהב שטעהט: „וכל איש אשר הניף תרומת זהב", נישט „מרים", נאר „הניף".

דען די תרומת זהב, ווי עס ווערט געזאגט אין מדרש (מדרש רבה פקודי פרשה נ"א) איז געבּרענגט געוואָרען מכפר צו זיין על חטא העגל און ביי אַ קרבן-כפרה איז דער דין, אַז עס דאַרף האָבען תנופה, דערי-בער ווערט דערביי געזאגט: „אשר הניף תרומת זהב", דאָגעגען די תרומות כסף ונחשת זענען געבּראַכט געוואָרען בלויז לשם נדבה און אַ קרבן-נדבה דאַרף נישט האבען קיין תנופה, און דערפאַר ווערט געזאגט: „כל מרים תרומת כסף ונחושת"...

(רבי שלמה קלוגער)

וכל הנשים אשר נשא לבן אותן בחכמה... (לה. כו)

צו רבי ישראל סאלאנטער איז אמאל געקומען איינער פון זיינע תלמידים און זיך געקלאגט פאר איהם, אז ער האט חתונה געהאט מיט א פרוי א גרויסע מלומדת, וועלכע האט געענדיגט א דייטשע הויכשול, און איצט האט ער ליידער גאר קיין פנים נישט ביי איהר און זי איז איהם ווייט נישט נוהג כבוד.

רופט זיך אן צו איהם רבי ישראל סאלאנטער: אויב דו האסט געוואלט א געבילדעטע פרוי, האסטו געדארפט זיין גרייט דערויף. אויפ'ן פסוק „וכל הנשים אשר נשא לבן אותן בחכמה" זאגט דער בעל-הטורים: „ב' במסורה, הכא ואידך וכל הנשים יתנו יקר וכו'". ווייל עפ"י רוב איז ביי די געבילדעטע פרויען, „הנשים אשר נשא לבן אותן בחכמה", האט דער מאן קיין גרויסע דעה נישט און עס איז נויטיג פאר זיי א ספעציעלע פערארדנונג פון אחשורוש'ן, אז — „וכל הנשים יתנו יקר לבעליהן"...

טוו את העזים... (לה. כו)

דאס איז די איינציגע זאך, מיט וואס די פרויען האבען זיך בע-שעפטיגט ביי מלאכת המשכן, אויסער דעם גענפינען מיר נישט, אז זיי זאלען האבען געטהון וועלכע עס איז אנדערע ארבייט.

דען דער דין איז, אז א דבר-מצוה פון וועלכע א פרוי איז פטור, טאר זי זיך לכתחילה אפילו נישט בעשעפטיגען מיט דער ארבייט פון דער דאזיגער מצוה. אזוי, למשל, טאר אנ'אשה נישט מאכען קיין ציצית דערפאר, ווייל זי איז פטור פון דער דאזיגער מצוה (זעה רמ"א או"ח סי' י"ד), בלויז מיט דער מלאכת הטויה מעג זי זיך יא בעשעפטיגען.

און היות, ווי אויך פון מאכען א משכן, וועלכער האט געדארפט מכפר זיין אויפ'ן חטא פון עגל, זענען זיי פטור געוועזן, דען זיי האבען דאך ביי'ם עגל נישט געזינדיגט, האבען זיי זיך דעריבער דערביי נישט בע-שעפטיגט מיט קיין שום אנדערע מלאכה אויסער מיט'ן „טוו את העזים"...

(רבי פנחס הלוי הורוויץ)

וכל אשה חכמת לב בידיה טוו וכו׳ וכל הנשים אשר נשא לבי אותנה... (לה. כה. כו.)

דאס איז אנטקעגען די צווי קאטעגאריעס: די, וואס זיי געוועלטיגען איבער׳ן הארץ און די, וואס דאס הארץ געוועלטיגט איבער זיי.

די ערשטע, די „חכמת לב בידיה", וועלכע האבען שולט געווען איבער די הערצער און עס געהאט אין זייערס הענד — „טוו ויביאו", האבען גע־זאגט און געטהון, אויספיהרענדיג זייער אויפגאבע בשלמות. דאגעגען „וכל הנשים אשר נשא לבן אותנה", וואס דאס הארץ האט זיי געטראגען און איבער זיי שולט געווען, איז בלויז „טוו את העזים", אבער „ויביאו" שטעהט נישט, געגעבען האבען זיי נישט, זיי האבען בינתיים חרטה געהאט...

(אדני פז)

רבי אברהם׳לע כאכאטשאווער, בעת ער איז נאך א קליין יונגעל גע־ווען, האט איהם אמאל דער פאטער, דער ביאלער רב, לערנענדיג מיט איהם חומש, געפרעגט: ווי אזוי האט געמעגט זיין „וכל אשה חכמת לך, בידיה טוו ויביאו מטוה", ווי אזוי האבען זיי דאס געמעגט אוועקגעבעב דער דין איז דאך „מעשה ידיה לבעלה"?

האט ער איהם מניה וביה געענטפערט:

דער טעם פון מעשה ידיה לבעלה איז דאך דערפאר, ווייל דער מאן איז איהר מפרנס און „תקנו מזונות תחת מעשה ידיה" (כתובות נ"ט), אין דער מדבר אבער איז דער דאזיגער טעם נישט חל געווען, דען דארט האבען דאך די ווייבער נישט געדארפט אנקומען, אז די מענער זאלען זיי מפרנס זיין, דארט האבען דאך אלע געלעבט פון מן...

ויעש בצלאל את הארון... (לז. א.)

ביי אלע אנדערע כלים פון משכן געפינען מיר נישט דעם אויס־דרוק: „ויעש בצלאל", נאר סתם: „ויעש יריעות עזים לאוהל", „ויעש את הקרשים למשכן", „ויעש את בריח התיכון", „ויעש את דשלחן", „ויעש את המנורה" א. א. וו. בלויז דא, ביים ארון, ווערט געזאגט: „ויעש בצלאל את הארון".

דען אַלע אַנדערע כלים זענען שפּעטער, ביים ערשטען און צווייטען בית-המקדש, אויך געמאַכט געוואָרען דורך אַנדערע, אָבער אָן-ארון האָט קיינער, אויסער בצלאל, נישט געמאַכט מעהר און בעת דער ערשטער אָרון איז נגנז געוואָרען ד׳האָט מען נישט געמאַכט קיין צווייטען, און דערפאַר ווערט געזאָגט: „ויעש בצלאל את הארון״, דעם אָרון האָט נור ער איינער בצלאל, געמאַכט, ווייטער קיינער נישט...

(רבי מאיר שמחה דווינסקער)

פְּקוּדֵי

אלה פקודי המשכן משכן העדות... (לח. כא.)

„משכן העדות“, דער משכן אליין איז געווען אַנ׳עדות, אַז די „פקודי המשכן“, דער חשבון און די צעהלונג, איז געווען אַ ריכטיגע, אַז עס זע־נען דערביי חלילה קיין שום מיסברויכען נישט בעגאַנגען געוואָרען, ווארום ווען עס וואלט חלילה געווען דער מינדעסטער שמץ פון גנבה און „קארופציע“, וואלט עס נישט געווען קיין משכן, וואלט די שכינה דארט נישט גערוהט, דען — „אני ד׳ שונא גזל בעולה“...

(מלבים)

„המשכן משכן שתי פעמים — רמז למשכן שנתמשכן“ (רש״י)

דאס ווארט „משכן“ ווערט דאך ביז איצט, אנהויבענדיג פון פרשת תרומה, זעהר פיעל מאל איבערגעחזר׳ט, טא פאַרוואס ווערט דער דאזיגער דרש פון די חז״ל גערדרשנ׳ט ערשט דא, אין פרשת פקודי?

נאר — זאגט דערויף דער דובנער מגיד — עס זענען פאַרהאַן צוויי־ערליי קונים, וואס קויפען גאלד און ציהרונג. פאַרהאַן אַ קונה אַנ׳עושר, וועל־כער קויפט דאָס ציהרונג מתוך הרחבה, צום בענוצען זיך דערמיט, און פאַרהאַן אויך אַזאַ איינער, וועלכען עס איז צופעליג געלונגען צו פער־דיענען אַביסעל געלד ביי אַ זייטיג פערדיענסטעל, און היות ווי ער האָט נישט קיין זיכערע פרנסה און ער האָט מורא, אַז דאָס ביסעל געלד זאָל איהם נישט צוטרענצעלט ווערען, קויפט ער זיך איין פאַר דעם געלד אַביסעל ציהרונג אַלס פערזיכערונג, אַז על כל צרה שלא תבוא זאָל ער האָבען וואָס צו פערזעצען אין דער לאָמבאַרד... דער חילוק צווישען זייביידע איז, וואָס דער ערשטער קונה, דער עושר, ווי נאָר ער קומט אַהיים מיט׳ן ציהרונג, דערלאַנגט ער עס גלייך זיינע בני־בית, זיי זאָלען עס אָנטהון

און ער ווינשט זיי דערביי, זיי זאָלען עס טראָגען געזונטערהייד. דאַגעגען דער צווייטער, אַהיימקומענדיג מיט'ן ציהרונג, נעהמט ער קודם-כל אַרויס דאָס נאָטיץ-ביכעל און פערצייכענט זיך גענוי, וויפיעל דוקאַטען גאָלד און קאַראַט ברילאַנטען דאָס ציהרונג האָט, אויף וויפיעל מען האָט עס איהם געשאַצט און וויפיעל ער האָט דערפאַר בעצאָהלט, בכדי ער זאָל וויסען אויף וויפיעל ער קאָן רעכענען צו בעקומען דערויף געבאָרגט בשעת ער וועט דאַרפען, די שעה זאָל נישט זיין, אַוועקטראָגען עס פער'משכונ'ען אין דער לאָמבאַרד...

און דאָס מיינט דאָ דער בעל-המדרש: „אלה פקודי המשכן", וועהענ-דיג, ווי די תורה פערצייכענט אַזוי גענוי און פינקטליך אַלע איינצעלנע טיילען פון משכן, וויפיעל קרשים ער האָט און וויפיעל קרסים, וויפיעל עמודים און וויפיעל בריחים, פערשטעהען מיר, אַז מיר האָבען דאָ פאַר זיך דעם צווייטען קונה — „רמז למשכן שנתמשכן", אַז דאָס מאַכט מען דעם חשבון פאַר דער לאָמבאַרד...

ויהי זהב התנופה... (לח. כד.)

„זהב התנופה", דאָס גאָלד איז אַ דאַנק דעם הייליגען צוועק און די גוטע כוונות דערהויבען געוואָרען און האָט בעקומען אַן'עליה און אַ תיקון.

דען עפ"י רוב, ווען מען ווייסט נישט, ווי מיט'ן גאָלד זיך אומצוגעהן, שלעפט עס דעם מענש צו דער טיפסטער ירידה ר"ל...

(רבי בער, המגיד ממעזריטש)

ויברך אותם משה... (לט. מג.)

„אמר להם, יהי רצון שתשרה שכינה במעשה ידיכם" (רש"י)

אויף אַ כלי-ריק קאָן קיין ברכה נישט חל זיין. סיי ביי עבודת-חול, סיי ביי עבודת-הקדש, ווערט געפאָדערט, אַז דער מענש זאָל אַליין קודם-כל עפעס טהון, נישט זיצען מיט פערלעגטע הענד, און דאַן וועט אי-ה"ם השי"ת צוהעלפען.

„יהי רצון שתשרה שכינה במעשה ידיכם", נאָר בתנאי און נאָר דאַ-מאָלס, ווען איהר וועט זיך דערביי בעטייליגען מיט „מעשה ידיכם"!...

(אמרי שפר)

ויפרוש את האהל על המשכן... (מ. יט.)

„אין הקב"ה משרה שכינתו אלא על גבור ועשיר וחכם ועניו וכולן ממשה וכו' דכתיב ויפרוש את האהל על המשכן" (נדרים לח).

אין אַ צווייט אָרט (שבת צ"ב) ווערט אַנשטאָט „עניו" צוגעגעבען „ובעל קומה".

איז דאָך עס אין פלוג אונפערשטענדליך: היתכן, ווי גֶעשיקט זיך עס אַז צו השראת-השכינה זאָל מען אַנדערש נישט קענען צוקומען נאָר מיט געלד און גבורה און חכמה און שענקייט?

נאָר בשעת אַנ'איינפאַכער, פּראָסטער מענש איז פרום און אָבגעהיטען, קענען מאַנכע זאָגען: וואָס איז די רבותא? ער איז נישט בעוואוסטזיניג, נישט אויפגעקלערט, נישט געבילדעט, איז ער דעריבער נוטה צו גלויבען אין אַלעם, וואָס מען זאָגט איהם, פּראָסטע מענשען זענען פרום. דאָס זעלבע זאָגט מען אויף אַנ'אָרימאַן: וואָס איז דער וואונדער? ער איז אַנ'אָרימאַן, אויף צו געניסען פון די תענוגי עולם הזה האָט ער נעביך קיין געלד נישט, איז וואו דען זאָל ער פערברענגען זיינע פרייע שעה'ן, אויב נישט אין שוהל און אין בית-המדרש? און איז דער פרומער איד קראַנק און שוואַך, זאָגט מען: קיין חידוש נישט, ער איז פרום דערפאַר, ווייל ער האָט נעביך קיין כח און קיין לוסט נישט צו זינדיגען; דאָס זעלבע זאָגט מען אויף אַ קאַליקע און פיזיש-העסליכען מענש: די נאַטור האָט איהם נעביך געשטראָפט, אין געזעלשאַפט האָט ער צוליעב זיין העסליכקייט קיין ערפאָלג נישט, אויף פערוויילונגען שעמט ער זיך צו קומען, און אויך פאַר איהם בלייבט דעריבער קיין אַנדער אָרט נישט, ווי נאָר די שוהל און דער בית-המדרש... ווען אבער אַ מענש איז געבענשט מיט אַלע מעלות, מיט וועלכע מען קאָן גאָר אַ סך געניסען פון לעבען: ער איז קלוג און רייך און פיזיש שטאַרק און שען, און דאָך איז ער אַ שומר תורה ומצוות און אַ ירא-שמים, און צו דעם אַלעם איז ער נאָך אויך אַנ'עניו, וועלכער שטאַלצירט נישט מיט די אַלע געבענשטע מעלות און גוטע מדות, אַזאַ איינער פערדיענט אַליבא דכל הדעות, אַז די שכינה זאָל רוהען אויף איהם!...

(הרב ד"ר וואלף מישעל)

רבי נחום טשערנאבילער פלעגט זאגען, אַז אינ'ם דערמאהנטען מאמר ווערט געמיינט דער „גבור ועשיר וחכם", וואס ווערען אויסגערעכענט אין דער משנה און וואס יעדער איינער קאָן דערגרייכען. „איזהו גבור? —

הכובש את יצרו", „איזהו עשיר? — השמח בחלקו", און „איזהו חכם? — הלומד מכל אדם"...

„רבי מכבד עשירים" (עירובין פ"ו).

אַז ער האט מקרב און מכבד געווען די ארימעלייט, וועגען דעם איז גאר איבריג געווען צו דערמאהנען, דאס איז זעלבסטפערשטענדליך, אבער די רבותא איז, אַז ער איז געווען אַזוי טאַקטיש און העפליך צו מענשען, דאס אפילו עשירים האט ער אויך מכבד געווען...

(מילי דשמיא)

רבי, דער נשיא הדור, האט זוכה געווען צו „תורה וגדולה במקום אחד", ער איז אי געווען דער גדול-הדור בתורה, אי איינער פון די רייכסטע עשירים אין זיין צייט, וממילא האט מען איהם פון אַלע זייטען גרויס כבוד צוגעטיילט, און היות ווי ער האט נישט געוואלט נהנה זיין פון כבוד-התורה, איז ער דעריבער געווען אַ מכבד עשירים, בכדי אויך אַנדערע זאָלען נאכטהון זיין ביישפיעל און עס זאל הייסען, אַז מען גיט איהם אַב כבוד, נישט פאַר זיין תורה, נאר פאַר זיין עשירות...

(לקוטי מהרי"ל)

רבי נחום טשערנאָבילער פלעגט נישט מאַכען קיין גרויס וועזען מיט די נגידים. בעת עס פלעגען קומען צו איהם אַנ'עושר און אַנ'ארימאַן, האט ער פריהער אויפגענומען דעם ארימאַן מיט וועלכען ער פלעגט טיילמאל אבזיצען שעה'ן-לאַנג און דעם עושר האט ער געלאזט שטעהן אין דרויסען ווארטען און נאכהער אב'פטר'ן איהם אין עטליכע מינוט. קיין פדיונות האט ער נישט גענומען. אַז אַנ'עושר האַט איהם אַוועקגעלעגט אַ רייכען פדיון האט ער איהם געהייסען ער זאל צוריקנעהמען דאס געלד און אַוועקפאַהרען אין דעם און דעם שטעדטעל, וואו עס וואוינט אַנ'ארימאַן מיט אַזאַ און אַזאַ נאמען, און אָט יענעם ארימאַן זאל ער אַוועקגעבען דעם פדיון, וועט ער אין דעם זכות נעהאלפען ווערען, דערביי האט ער געהאַט ליגען אַ פערצייכענטע רשימה פון הונדערטער בכבוד'ע ארימעלייט אין די פער-

שיעדענע שטעדטלעך, צו וועלכע ער פלעגט כסדר שיקען די גבירים מיט זייערע פדיונות...

איינמאל האבען איהם די מקורבים געפרעגט, פאַרוואס ער זאל זיך נישט אַראָבנעהמען אַ ביישפּיעל פון רבי, עס ווערט דאָך בפירוש געזאָגט, אַז „רבי מכבד עשירים" (עירובין פ"ו)? האָט ער זיי דערויף געענטפערט:

— ערשטענס, וויל איך מיר ליעבער אַראָבנעהמען אַ ביישפּיעל פון רבונו של עולם, וועלכער חבר'ט זיך דוקא מיט אָרימע לייט: „אני אשכון את דכא ושפל רוח" און „כי יעמוד לימין אביון". צווייטענס, האָט דער זעלבער רבי אויפגעהויבען זיינע צעהן פינגער און עדות געזאָגט אויף זיך: „שלא נהניתי מן עולם הזה אפילו באצבע קטנה". דריטענס, האָב איך מעהר מורא פאַר די מצוות, פון וועלכע כ'האָב הנאה, איידער פון דער דאָזיגער עבירה (די עבירה פון נישט מכבד זיין קיין עשירים), פון וועלכע כ'האָב קיין שום הנאה נישט...

ויעל הנרות לפני ד'... (מ. כה.)

בשעת רבי אריה לייב, דער בעל „קצות החושן", איז געווען רב אין סטרי, האָט זיך דאָרט געפינען אַ רייכער בעל-הבית, וועלכער איז געווען אַ שטאַרקער עוסק במצוות און גרויסער בעל-צדקה, ער האָט אָבער ליעב גע-האַט, אַז יעדע גוטע זאַך, וואָס ער טהוט, זאָל מפורסם ווערען און די שטאָדט זאָל רעדען דערפון. האָט איהם דער רב איינמאָל אויפמערקזאַם גע-מאַכט, אַז ביי טהון אַ מצוה דאַרף מען נישט האָבען קיין פניות.

— וואָס שאַדט עס דען — פרעגט איהם דער עושר — אַ מצוה איז דאָך געגליכען צו אַ ליכט, „כי נר מצוה ותורה אור", און וואָס איז דער אונטערשיעד, מיט וואָס מען צינדט-אָן דאָס ליכטעל, מיט אַ שוועבעלע, צי מיט סמאָלע?

— עס איז יאָ — ענטפערט איהם דער „קצות" — אַנ'אונטערשיעד, עס שטעהט בפירוש: „ויעל הנרות לפני ד'", דאָס ליכט דאַרף מען אָנצינ-דען לפני ד', לשם שמים, אָהן שום פניות...

וּבְהֵעָלוֹת הֶעָנָן מֵעַל הַמִּשְׁכָּן יִסְעוּ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל בְּכֹל מַסְעֵיהֶם... (מ. לו.)

„בכל מסעיהם", שטענדיג, איז אלע צייטען, פוג'ם מדבר ביז היינט זענען די מסעי בני ישראל פערנעבעלט און פערהילט אין ענ'ענן. עדי היום איז פערהוילען פאר אונז דער אייגענטליכער צוועק און זין פון די אונאויפהערליכע אידישע וואנדערונגען...

(יסוד עולם)

בכל מסעיהם...

„מקום חנייתן — אף הוא קרוי מסע" (רש"י)

אפילו בשעת אידען רוהען אויף אנ'ארט — „אף הוא קרוי מסע", איז עס אויך אין כלל פון וואנדערונג, איז עס גישט מעהר, ווי א צייט-ווייליגע רייזע, בעת וועלכער מען דארף אין יעדען מאמענט זיין גרייט צו ריהרען זיך ווייטער אין וועג אריין...

(ילקוט יהודה)

ספר ויקרא

וַיִּקְרָא

אדם כי יקריב מכם קרבן... (א. ב.)

אַנדערע פעלקער האָבען זייערע רחמנות־געפיהלען איבערגעטראָגען אויף די בהמות, וועלכע זיי האָבען אַרומגעהילט מיט אַ קולט פון קדושה. וואָס מעהר אכזריות זיי האָבען אַרויסגעוויזען צו מענשען, אַלץ מעהר רחמנות האָבען זיי געהאַט אויף דער בהמה. די מצריים, למשל, וועלכע האָבען אַ גאַנץ פאָלק געפייניגט און עס פערוואַנדעלט אין שקלאַפען, וועלכע האָבען אַרויסגעגעבען אַזאַ ווילד־טיראַנישען בעפעהל, אַז „כל הבן הילוד היאורה תשליכוהו" און וואָס זייער קעניג האָט געשאָכטען אונשולדיגע אידישע קינדער און זיך געבאָדען אין זייער בלוט, דוקא זיי האָבען אַרויסגעוויזען אַ זעלטענע באַרמהאַרציגקייט צו די שאָף, וועלכע זיי האָבען פערהייליגט און פערגעטערט און וועלכע זיי האָבען ערקלערט אַלס אונבעריהרליך — „כי תועבת מצרים כל רועה צאן"...

דאָס זעלבע האָבען אויך די כשדים, וועלכע האָבען זיך אויסגעצייכענט מיט זייער באַרבאַריזם און אכזריות, פערהייליגט די אָקסען און רינדער, און ביי די אינדיאַנער ווערט נאָך עד־היום דער אָקס פערגעטערט...

מיר אידען אָבער, וועלכע האָבען קיינמאָל נישט פערשקלאַפט קיין פרעמדע פעלקער אַזוי ווי די מצרים און נישט בעגאַנגען אַזעלכע רציחות, ווי די כשדים, מיר האָבען פון שטענדיג אָן געהאַלטען, אַז פייניגען און שעכטען מענשען איז אַ פיעל גרעסער פערברעך; מיר האָבען נישט געמאַכט קיין קולט פון דער בהמה, מיר האָבען זי נישט פערהייליגט און נישט פערהערליכט און אויפריכטיג, אָהן שום צביעות, זיך נישט געשעמט צו שרייבען: „אדם כי יקריב מכם קרבן לד', מן הבהמה מן הבקר ומן הצאן תקריבו את קרבנכם"...

(ד"ר אהרן יעליגעק)

אויפ׳ן פסוק: „אדם כי יקריב מכם קרבן״ איז פאַרהאַן אַ מדרש פליאה: „אדם ולא משה״.

וואָס ווערט געמיינט דערמיט?

נאָר די חז״ל זאָגען: „בא וראה כמה גדולים נמוכי רוח לפני הקב״ה. בזמן שבהמ״ק קיים אדם מקריב עולה — שכר עולה בידו וכו׳ אבל מי שדעתו שפלה עליו כאילו הקריב כל הקרבנות שבעולם״ (סנהדרין מ״ג).

אויפ׳ן וואָרט „ויקרא״ ווערט געזאָגט אין מדרש (עהנליך אויך אין בעל־הטורים), אַז דעריבער איז „ויקרא״ געשריבען מיט אַ קליינע א׳, בכדי דערמיט מרמז צו זיין אויף משה׳ס ענִיוות.

און דאָס, אַלזאָ, איז די כוונה פונ׳ם דערמאַהנטען מאמר: „אדם ולא משה״, נאָר אַ געוועהנליכער מענש נויטיגט זיך אין קרבנות. אַזאַ עניו אָבער און שפל־רוח ווי משה דאַרף דערצו נישט אָנקומען...

(רבי פנחס הלוי הורוויץ)

„אדם כי יקריב מכם קרבן, מה אדם הראשון לא הקריב מן הגזל וכו׳ אף אתם לא תקריבו מן הגזל״ (רש״י)

דער דרש ממעט צו זיין את הגזל ווערט דאָך גאָר געדרונגען אין דער גמרא פון וואָרט „מכם״ (סוכה ל׳): „אדם כי יקריב מכם אמר רחמנא ולאו דידיה הוא״?

וואָר די כוונה איז דאָ — האָט דערויף געענטפערט רבי יונתן אייבעשיץ — וועגען אַ גאַנץ אַנדער מין גזל, אַז ביים ברענגען אַ קרבן זאָל מען נישט זיין קיין „גונב דעת הבריות״, בכדי אויסצופיינערען זיך פאַר מענשען און צו ווייזען זיי ווי פרום און אָבגעהיטען ער איז, ווי אויף דער מינדעסטער עבירה, אפילו בשוגג, לויפט ער גלייך מקריב זיין אַ קרבן, און דערויף ווערט אַלסביישפיעל אָנגעוויזען אויף אדם הראשונ׳ען: „מה אדם הראשון לא הקריב מן הגזל שהכל היה שלו״, אַלץ איז געווען זיינס, עס זענען נישט געווען אין דער וועלט מעהר קיין מענשען, פאַר וועלכע ער זאָל זיך דאַרפען פערשטעלען און שפיעלען די ראָליע פון אַ פרומאַק, און ער האָט דאָך זיכער מיט זיין קרבן מכוון געווען לשם שמים, „אף אתם לא תקריבו מן הגזל״...

הגם — פלעגט זאָגען רבי שניאור זלמן מלאדי — די גמרא זאָגט אַז אַ קרבן אָהן תשובה איז נישט מכפר, דען עס שטעהט: „זבח רשעים תועבה" (זבחים ז׳), בעציהט זיך דאָס נישט אויף קיין מנחה, װעלכע איז נישט אין כלל פון זבח, װי עס װערט געזאָגט: „לפי שאין המנחות דומות לזבחים" (מנחות ג׳); אַ מנחת־עני איז מכפר אויך אָהן תשובה, מחמת דאָס גאַנצע לעבען פונ׳ם אָרימאַן איז איין אונאויפהערליכע תשובה...

אם הכהן המשיח יחטא... (ד. ג.)

אַ כהן־משיח ברענגט אויף זיין חטא דעם זעלבען קרבן און מען איז עס מקריב אויפ׳ן זעלבען אופן, װי דער קרבן, װאָס עס ברענגט אַ צבור אין פאַל פון „ואם כל עדת ישראל ישגו", װייל צום כהן־המשיח זענען געװענדעט די אויגען פון גאַנצען פאָלק, אַלע פערקוקען זיך אויף איהם און דעריבער האָט דער חטא, װאָס ער בעגעהט, דעם כאַראַק־טער פון אַ חטאת־הצבור. דאַגעגען, איז דער דין, אויב דער כהן־המשיח איז נכשל געװאָרען אין אַ חטא פון עבודה־זרה, ברענגט ער דאַמאָלס דעם זעלבען קרבן װאָס אַ יחיד. מיט װאָס ערקלערט זיך עס?

װייל בעת אַ כהן װערט נכשל אין חטא פון עבודה־זרה, אפילו בשוגג, איז דער דין, אַז ער װערט מאָמענטאַל געפּסל׳ט און ער טאָר שוין מעהר קיין כהן נישט זיין (רמב״ם הלכות ביאת המקדש). און קוים װערט ער אויס כהן, האָט ער שוין דאַן ממילא דעם דין פון אַ יחיד און דערי־בער ברענגט ער שוין אויך אַ קרבן פון אַ יחיד....

(מלבים)

אשר נשיא יחטא... (ד. כב.)

„ת״נו רבנן, אשר נשיא יחטא, יכול גזרה? תלמוד לומר אם הכהן המשיח יחטא, מה להלן לכשיחטא, אף כאן לכשיחטא" (הוריות י.)

װי אַזוי האָט עס געקענט נאָר זיין אַ הוה־אמינא, אַז דאָס זאָל זיין אַ גזירה, אַז דער נשיא זאָל מוזען זינדיגען?...

װייל די גמרא זאָגט: „אין מעמידין פרנס על הצבור אלא אם כן קופה של שרצים תלויה לו מאחוריו" (יומא כ״ב), און װען נישט דער

דרש פון פסוק „אם הכהן המשיח יחטא״, וואָלט איך געקענט מיינען, אַז דער נשיא מוז טאַקי זינדיגען, כדי ער זאָל זיין פערזאָרגט מיט דער נויטי־גער „קופה של שרצים״...

(אמרי חן)

„אשר נשיא יחטא, אמר רבי יוחנן בן זכאי, אשרי הדור שהנשיא שלו מביא קרבן על שגגתו״ (הוריות י.).

וואָס האָט עס צו טהון מיט׳ן דור און וואָס פאר אַ דאַנק קומט דעם דור דערפאַר, וואָס דער נשיא ברענגט אַ קרבן אויב ער זינדיגט?

ווייל געוועהנליך זעהט נישט אַ מענש אליין זיינע זינד און פעה־לערען און אַנדערע דאַרפען איהם דערויף אויפמערקזאַם מאַכען, און אויב דער נשיא ברענגט אַ קרבן על שגגתו, איז אַ סימן, אַז די אַרומיגע מענ־שען חנפ׳ענען איהם נישט, ווי דער שטייגער איז פון רשעים און צבועים אין בעצוג צום תקיף און הערשער, אַז זיי זאָגען איהם דעם אמת אין די אויגען אַריין, און דעריבער — „אשרי הדור״...

(רבי ישראל סאלאנטער)

אשר נשיא יחטא...

דער לעמבערגער רב, רבי יוסף שאול נאטאנזאָהן, איז אַמאָל געקו־מען צו רבי מאיר׳ל פרימישלאַנער. אַריינקומענדיג האָט ער געזעהען, ווי רבי מאיר׳ל זיצט די הענד פערלעגט און טהוט גאָרנישט און אויפ׳ן טיש ליעגט נישט פאַר איהם קיין שום ספר. רבי יוסף שאול איז שטאַרק פער־וואונדערט, טראַכטענדיג ביי זיך: היתכן, אַזאַ שטייגער מענש, וועלכער איז אָנגענומען אין דער חסידישער וועלט פאַר אַזאַ גרויסען צדיק, זאָל אַרומגעהן לעדיג? רבי מאיר׳ל האָט בעמערקט דעם פערוואונדערטען אויס־דרוק אויף זיין געזיכט און, דערלאַנגענדיג איהם שלום, רופט ער זיך אָן צו איהם:

— איהר, לעמבערגער רב, זענט דאָך דער מחבר פון ספר „מפרשי הים״, איז אפשר וואָלט איהר מיר געזאָגט פשט אין דער גמרא: „אם ראית ת״ח שעבר עבירה אל תהרהר אחריו שמא עשה תשובה וכו׳ אלא ודאי עשה תשובה״ (ברכות י״ט). היתכן, ווי געשיקט זיך עס, אַז אַ תלמיד־חכם זאָל עובר זיין אַן׳עבירה און דערצו נאָך בפרהסיא, עפענטליך פאַר מענ־שען?... נאָר לפי דעתי רעדט זיך דאָ וועגען חטא פון ביטול תורה. אויב

די וועסט זעהען א תלמיד־חכם, אז ער זיצט לעדיג און איז נישט עוסק בתורה, וואס דאס איז דאך איינע פון די הארבסטע עבירות, אל תהרהר אחריו, זאלסטו איהם נישט דן זיין לכף חוב, ווארום שמא עשה תשובה, עס איז גאנץ מעגליך, אז ער זיצט גארנישט לעדיג, ווי דיר דוכט זיך, נאר ער איז דאמאלס, איידער ער זעצט זיך לערנען, מהרהר בתשובה, און די חז״ל פיהרען דערביי אויס, אז נישט „שמא עשה תשובה״, נאר „ודאי עשה תשובה״, עס איז זיכער אזוי...

(דור דעה)

ביי יעדען פון די אויסגערעכענטע חטאים ווערט דאס לשון פון חטא אויסגעדריקט אויף אנ׳אנדער אופן.

ביי כהן משיח און ביי צבור ווערט געזאגט: „אם הכהן המשיח יחטא״ און „ואם כל עדת ישראל ישגו״, א לשון ספק: אויב עס וועט פאסירען, עס קאן אמאל טרעפען, זיי זאלען זינדיגען, קיין זיכערקייט איז עס נישט...

ביי א יחיד ווערט געזאגט: „נפש כי תחטא״, א מין כמעט, א האלבער ודאי: מען קאן עס ערווארטען, עס איז שכיח, אז א יחיד זאל זינדיגען...

דאגעגען ביי א נשיא ווערט געזאגט: „אשר נשיא יחטא״, א דבר ודאי, ער וועט זיכער זינדיגען, (און אזוי ווערט טאקי געזאגט אין זוהר: „אשר נשיא יחטא — ודאי יחטא״), עס איז אונפערמיידליך, כבוד און גאוה מוזען ברענגען דעם מענש לידי עבירה...

(רבי יצחק קארא)

וכפר עליו הכהן מחטאתו ונסלח לו... (ד. כו.)

די דאזיגע ווערטער ווערען געזאגט סיי ביים קרבן־יחיד, סיי ביים קרבן־צבור, סיי ביים קרבן פון נשיא, אומעטום ווערט צוגעגעבען: „וכפר עליו הכהן ונסלח לו״. אנ׳אויסנאהם איז בלויז דער קרבן פון כהן המשיח, ביי וועלכען עס ווערט נישט געזאגט „וכפר עליו ונסלח לו״, ווייל דער כהן המשיח איז אליין מקריב דעם קרבן זיינעם און — מכפר זיין קאן מען נור אויף יענעם, אבער נישט אויף זיך זעלבסט. אליין קאן מען זיך נישט מוחל זיין...

(רבי צדוק הכהן מלובלין)

און דעריבער — האט געזאגט דער רבי פון אלעקסאנדער, רבי ישראל יצחק — זאגט דער חזן די שמונה-עשרה הויך און קהל — שטיל, ווייל קהל בעט פאר זיך און פאר זיך בעט מען שטיל, בלחש, דאגעגען דער חזן בעט פאר יענעם, פאר'ן צבור און פאר יענעם קאן מען זיך אוועק-שטעלען בעטען מיט מעהר דרייסטקייט, הויך, בקול רם...

נפש כי תחטא ומעלה מעל בד' וכחש בעמיתו... (ה. כא.)

אויב עס איז „ומעלה מעל בה'", אויב מען איז א רע לשמים, דאן „וכחש בעמיתו", ווערט מען אויך א רע לבריות, און דאס האט אויך גע-מיינט דער נביא מיכה, בשעת ער איז ארויסגעטרעטען געגען די מענשען פון זיין דור, וועלכע האבען געטענה'ט, אז עס זענען נישט נויטיג די' אלע רעליגיעזע מצוות, אז דער עיקר איז בלויז, עס זאלען הערשען גוטע הומאניטארע בעציהונגען פון מענש צו מענש.

„הגיד לך אדם מה טוב" — קלאגט זיך דער נביא — בשעת מען פרעגט א מענש, וואס עס איז גוט, „ומה ד' דורש ממך", ענטפערט ער: „כי אם עשות משפט ואהבת חסד", מעהר ווי דאס איז נישט נויטיג, „והצנע" און ער בעהאלט דעם „לכת עם אלקיך", דאס דארף מען נישט, דאס איז לפי-דעתו איננאנצען איבריג, די דאזיגע מיינונג איז אבער פאלש! אהן דעם מורא שמים, אהן דער „לכת עם אלקיך", וועלען די מענשען קיינמאל נישט צוקומען צום „עשות משפט ואהבת חסד"...

(חתם סופר)

בפקדון או בתשומת יד... (ה. כב.)

דער שטייגער איז ביי סוחרים, אז ביים שליסען צווישען זיך א מסחר דערלאנגען זיי זיך די הענד אלס בעגענזייטיגען הסכם, און דעריבער ווערט מסחר בעצייכענט אין דער תורה מיט'ן אויסדרוק „תשומת יד".

(עקדת יצחק)

או בגזל או עשק את עמיתו וכו׳... (ה. כא.)

הויבען הויבט זיך עס אָן פון נישט־עהרליכקייט אין געלד־זאַכען און דאַן זינקט מען שוין וואס אַמאל נידריגער. פון שווינדלען ביז צום „ונשבע על שקר" איז איין שריט און דאַן איז שוין גאר נישט ווייט צום „מכל אשר יעשה האדם לחטא בהנה", עובר צו זיין אויף כל מיני עבירות שבתורה...

(רבי שלמה קלוגער)

צו

צו את אהרן... (ו. ב.)

„אין צו אלא עבודת זרה וכו׳״ (זוהר)

וואָס האט בעוואויגען דעם בעל הזוהר צום דאָזיגען דיוק?

דען דער דין איז אין דער גמרא (זבחים צ׳), אַז אומעטום, ביי אַלע קרבנות פון דער תורה, איז חטאת קודמת לעולה, חוץ ביי עבודה-זרה איז עולה קודמת לחטאת, און אויב אַזוי, טאָ פאַרוואָס ווערט דא פריהער געזאָגט: „זאת תורת העולה״, און ערשט דערנאָך — „זאת תורת החטאת״? און דעריבער ערקלערט דער זוהר: „אין צו, אלא עבודה זרה״ און ביי עבודה-זרה איז עולה קודמת לחטאת...

(כתנות אור)

„אין צו אלא לשון זרוז מיד ולדורות, אמר רבי שמעון ביותר צריך הכתוב לזרז במקום שיש בו חסרון כיס״ (רש״י)

וואָס פאַר אַ צוזאַמענהאַנג האָבען צווישען זיך די צוויי מאמרים?

נאָר רבי שמעון איז נישט מסכים מיט׳ן פריהערדיגען מאן-דאמר, אַז דער זירוז איז אויף „מיד ולדורות״, דען נישט אין אַלע דורות ווערט מען דאָך מקריב זיין קרבנות, און דעריבער זאָגט רבי שמעון: „ביותר צריך הכתוב לזרז במקום שיש בו חסרון כיס״, דער זירוז איז נור אויפ׳ן „מיד״, אויף דער צייט, ווען מען ווערט מקריב זיין קרבנות, וועלכע וועלען קאָסטען געלד און עס ווערט זיין דערביי אַ חסרון-כיס, דאַגעגען אויף „לדורות״, ווען מען ווערט נישט מקריב זיין קיין קרבנות ממש, נאָר מען ווערט יוצא זיין מיט תורה, מיט „כל העוסק בפרשת עולה כאילו הקריב עולה״, איז דער זירוז נישט נויטיג, דען ביי די דאָזיגע כמו־קרבנות ווערט נישט זיין קיין חסרון-כיס...

(מעדני מלך)

רבי אייזיל חריף איז אמאל געזעסען אויף א שמחה און ער האט בעמערקט, ווי בשעת עס איז אריינגעקומען איינער פון די סלאנימער גבירים, א איד א קמצן און דבר-אחר, וועלכער פלעגט קיין גראשען צדקה נישט געבען, האט זיך דער עולם פאר איהם אויפגעשטעלט, אבגעגעבען איהם כבוד און דער בעל־הבית האט איהם פערבעטען אויבענאן. רופט זיך אן רבי אייזיל צו די ארומיגע יושבים, אז דאס איז די כונה פונ'ם מאמר „ביותר צריך הכתוב לזרז, במקום שיש בו חסרון כיס".

ווען מען גיט אב כבוד – מאכט ער — אנ'עושר, וועלכער איז מקיים די צואה פון יצחק אבינו: „הוה גביר לאחיך", דו זאלסט זיין א גביר צו דיינע ברידער, א איד, וועלכער לייהט א גמילת־חסד, פון וועלכען מען בעקומט פון צייט צו צייט א שענע נדבה, איז עס פערשטענדליך, אזא איד האט דאס רעכט צו פאדערען א ביסעל כבוד פאר זיין ארבייט און מען דארף עס איהם טאקי געבען. דאגעגען אבער דארף מען שטארק נזהר זיין „במקום שיש בו חסרון כיס", מיט אזעלכע גבירים, וואס מען קאן נישט צוקומען צו זייער בייטעל, אויף וועלכע עס איז געזאגט געווארען: „חלבמו סגרו", זייער גוטס און רייכטום איז אבגעשלאסען אויף זיבען שלעסער, דערביי אבער, איז „פימו דברו בגיאות", האבען זיי א ברייטען שטעל און א גרויס מויל, פול מיט עזות און גאות. וואס איז דער יחוס מיט אזעלכע גבירים? פארוואס קומט זיי כבוד?...

זאת תורת העולה... (ו. ב.)

„אין העולה באה אלא על הרהור הלב" (מדרש רבה)

דער רבי ר' בער פון מעזריטש פלעגט זאגען: „הרהורי עבירה קשים מעבירה" (יומא כ"ט). דאס וואס „הרהורי עבירה קשים", איז עס „מעבירה", צוליעב דער עבירה, וואס מען האט שוין איינמאל געטהון און זי ברענגט עס דערנאך צו כסדר'דיגע אומרייני געדאנקען; אז מען זינדיגט נישט — האט מען נישט קיין הרהורים...

והנותרת ממנה יאכלו אהרן ובניו... (ו. ט.)

דער ווארשאווער רב, רבי יאקעל געזונדהייט, האט אמאל אין א

שמועס מיט א געוויסען חסידישען רבי'ן אויסגעדריקט זיך מיט איראניע, אז ער, דער רבי, לעבט פון אידישע עבירות, נעהמעדיג פדיונות פון פער-שיעדענע פושעים, וועלכע מיינען מיט דעם פדיון אויסצוקויפען זיך פון זייערע זינד.

האט איהם דער רבי דערויף געענטפערט, אז אויך די כהנים האבען גע-האט די זעלבע פרנסה, אויך זיי האבען געלעבט פונ'ם נותר פון די קרבנות, וועלכע זענען געבראכט געווארען אויף פערשיעדענע חטאים...

„ויהב לנא פרנסתא טבתא בלי צרה ועקתא" (זמירות לשבת).

די דאזיגע תפלה — פלעגט זאגען רבי חיים צאנזער — איז געמאכט געווארען פאר א רבי'ן. א רבי לעבט פון אידישע צרות און ער איז דערי-בער מתפלל „ויהב לנא פרנסתא טבתא בלי צרה ועקתא", אז דער רבונו של עולם זאל איהם צושיקען א בעסערע פרנסה, אז ער זאל זיך נישט דארפען מפרנס זיין פון צרות ישראל, נישט דארפען ווארטען, ביז א איד מיט א שווער פעקעל דאגות זאל קומען צו איהם אויסוויינען זיך דאס הארץ און מיטברענגען א פדיון...

רבי ברוך מעזשיבוזשער, וועלכער איז געווען דער ערשטער צווישען די ערשטע חסידישע רביים, וואס האט אנגעהויבען פיהרען א „הויף" אויפ'ן ברייטען, הרחבה'דיגען אופן, האט פריהער געוואוינט אין טולטשין, נאר צו-ליעב פערשיעדענע סיבות איז ער אוועק פון דארט און זיך בעזעצט אין מעזשיבוזש, דאס חסידות איז נאך דאמאלס געווען זעהר ווייניג פערשפרייט ביי אידען און קומענדיג אהין אין דער בעגלייטונג פון א סוויטע מקורבים זענען די ראשי-הקהלה אוועק צו איהם און געפרעגט, מיט וואס ער האט זיך דא בדעה צו בעשעפטיגען. האט ער זיי דערויף געענטפערט בדרך-הלצה: „פה אשב כי אויתיה", דא וועל איך מיך באזעצען, ווייל דאס דאס שטעדטעל געפעלט מיר. „צדה"? פונוואנען איך וועל נעהמען שפייז, פרנסה? „ברך אברך", כ'וועל טיילען ברכות דעם עולם, „אביוניה אשביע להם", און אויך די ארימעלייט פון שטעדטעל וועלען ווערען אויפגעריכט און האבען ברויט צו דער זעט א דאנק די אלע אידען, וואס וועלען קומען צו מיר נאך ברכות...

וכל מנחת כהן כליל תהיה... (ו. טז.)

אַ מנחת־יחיד ווערט, אַ חוץ אַן׳אונבעדייטענדען טייל, אַ קומץ, כמעט איינגאַנצען אויפגעגעסען דורך די כהנים, און עס געשיקט זיך דעריבער נישט, אַז בשעת דער כהן אַליין ברענגט אַ קרבן־מנחה, זאָל ער אויפעסען זיין אייגענעם קרבן. וואָס פאַר אַ קרבן איז עס, אויב ער אַליין זעטיגט זיך אָן דערמיט?... און דעריבער — „וכל מנחת כהן כליל תהיה״, דאַרף עס איינגאַנצען ווערען פערברענט.

(מורה נבוכים)

במקום אשר תשחט העולה תשחט החטאת... (ו. יח.)

אַן׳עולה איז מכפר על הרהור עבירה, ווי עס ווערט געזאָגט אין מדרש: „אין העולה באה אלא על הרהור לב שנאמר העולה על רוחכם היה לא תהיה״, און אַזוי ווערט אויך געזאָגט אין תרגום יונתן בן עוזיאל אויפ׳ן דאָזיגען פסוק: „למכפרא על הרהורי לבא״, אַ חטאת דאַגעגען קומט אויף אַ עבירה ממש, און „במקום אשר תשחט העולה — תשחט החטאת״ דען די עולה ברענגט צום חטאת, אויב מען טראָגט זיך אַרום מיט הרהורי עבירה, קומט מען סוף כל סוף צו דער עבירה גופא...

(רבי ישראל סאַלאַנטער)

דער מאָגעלניצער רבי האָט אַמאָל באַמערקט ווי איינער פון זיינע חסידים דאַווענט נישט מיט מיט׳ן עולם, נאָר ער האַלט זיך אין איין אַרומדרעהען אויף און אָב און אויף דער פּראַגע, פאַרוואָס ער שטעלט זיך נישט דאַווענען, ענטפערט ער יעדעס מאָל, אַז ער איז נאָכנישט פאַרטיג, ער וואַרט אויף התעוררות.

רופט זיך אָן צו איהם דער מאָגעלניצער:

די גמרא זאָגט: „תפלות כנגד תמידים תקנום״ (ברכות כ״ו), די תפלות האָט מען מתקן געווען במקום קרבנות, און ביי קרבנות ווערט געזאָגט: „אף על פי שהאש יורדת מן השמים מצוה להביא מן ההדיוט״ (עירובין כ״ג), און דאָס זעלבע איז אויך ביי תפלה. מען דאַרף מיטברענגען מיט זיך איי־גען פייער, אייגענע התעוררות, נישט אַרומדרעהען זיך און וואַרטען, ביז מען וועט עס אַראָבוואַרפען פון הימעל...

והבשר אשר יגע בכל טמא... (ז. יט.)

מען האָט אַמאָל רבי שניאור זלמנ׳ען דעם בעל „תניא״, אָנגעוויזען אויף אַ לומדישען יונגערמאַן, וועלכער פלעגט אָפט אַריינקומען צו איהם שמועסען אין לערנען, אַז ער האָט זיך אָנגעהויבען מתחבר זיין מיט פערשיעדע אפיקורסים. האָט רבי שניאור זלמן איהם געשיקט רופען און געגעבען איהם צו פערשטעהן, ווי וויט די התחברות מיט רשעים איז געפעהרליך, ווי לייכט זיי קענען אויף איהם משפיע זיין מיט זייערע מחשבות און מעשים.

— עס — שמייכעלט דער יונגערמאַן — אויף מיר קאָן מען אַזוי לייכט נישט משפיע זיין, אַ בעוויז האָט איהר — וויצעלט ער זיך — איך חבר זיך שוין אַזוי פיעל יאָהרען מיט אייערע חסידים און פונדעסטוועגען בין איך נאָך עד־היום נישט געוואָרען קיין חסיד...

— אינו דומה — ענטפערט איהם דערויף רבי שניאור זלמן — ביי טומאה איז דער דין: „והבשר אשר יגע בכל טמא לא יאכל״, אַ דבר טומאה איז מטמא מיט דער בלויזער נגיעה, דאַגעגען ביי קדושה, אויב חולין איז זיך מתחבר מיט תרומה, אָדער קדשים־קלים מיט קדשי־קדשים, ווערט עס פערוואַנדעלט אין קודש נור ווען עס איז בולע אין זיך די קדושה, נג׳יעה אַליין האָט דערביי קיין שום פעולה נישט (זבחים צ״ז)...

— בפרט—האָט רבי שניאור זלמן אויסגעפיהרט, ווענדענדיג זיך צום יונגערמאַן — אַז ביי דיר, ווי איך זעה, איז פערקעהרט: מיט דער קדושה האָסטו נישט מעהר ווי אַ בלויזע נגיעה, דאַגעגען די טומאה ביזטו בולע...

זאת התורה לעולה למנחה ולחטאת... (ז. לז.)

פאַרהאַן אויפ׳ן דאָזיגען פסוק אַ מדרש פליאה: „זאת התורה לעולה למנחה ולחטאת, הדא הוא דכתיב בדבר ד׳ שמים נעשו״.

וואָס איז דער זין פון דעם מדרש?

זאָגט דערויף רבי יונתן אייבעשיץ:

די גמרא זאָגט: „כל העוסק בתורה כאילו הקריב עולה מנחה חטאת ואשם״ (מנחות ק״י). פרעגט זיך: בשלמא אַ׳עולה, וועלכע ווערט געבראַכט על הרהור עבירה, איז פערשטענדליך, אַז דער דבור פון תורה זאָל מכפר זיין אויף דער מחשבה פון עבירה, דען דבור איז דאָך שטאַרקער פון מחשבה, דאַגעגען אַ חטאת ווערט דאָך געבראַכט פאַר עובר זיין אַ׳עבירה

ממש, אַנ׳עבירה בפועל, ווי אַזוי זשע קאָן מען מיט אַ בלויזען דבור מתקן זיין אַ דבר־שבמעשה ? — איז דער תירוץ : ביי דברי־תורה איז אויך דבור כמעשה, ווי מיר געפינען אין די חז״ל: „אמר רבי אליעזר מניין שהדבור כמעשה שנאמר בדבר ד׳ שמים נעשו״ (שבת קי״ב).

און דאָס, אַלזאָ, איז די כונה פון מדרש: „זאת התורה לעולה למנחה ולחטאת״, אויב מען איז עוסק בתורה איז גלייך ווי מען וואָלט מקריב געווען די אַלע קרבנות. איי ווי אַזוי קאָן דער דבור מכפר זיין אויף אַ מעשה ? איז דער ענטפער : „הדא הוא דכתיב בדבר ד׳ שמים נעשו״, ביי דברי־תורה איז דבור כמעשה...

ויאמר משה אל העדה זה הדבר אשר צוה ד׳ לעשות..

(ח. ה.)

בשעת דער רבי אלימלך פון ליזענסק איז נתגלה געוואָרען און עס האָבען אָנגעהויבען קומען צו איהם חסידים, האָט איהם דער ברודער, רבי זישע, געוואָלט משמש זיין, אָבער דער רבי אלימלך האָט איהם נישט געלאָזט, רופט זיך אָן צו איהם רבי זישע:

— ברודער־סערדצע, אפילו ביי משה רבינו געפינען מיר דאָך, אַז ער האָט משמש געווען אהרנ׳ען, איהם און זאָגאַר די קינדער זיינע, וועלכע ער האָט געוואַשען און אָנגעטהון, ווי עס ווערט געזאָגט בפירוש אין פסוק: „ויקרב משה את אהרן ואת בניו, וירחץ אותם במים, ויתן עליו את הכתונת וכו׳״, הגם משה רבינו איז געווען אַ מלך און „מלך שמחל על כבודו אין כבודו מחול״.

ענטפערט איהם דער רבי אלימלך :

— צוליב דעם טאַקי, ברודער־קרוין, ווערט פריהער, איידער משה רבינו האָט דאָס געטהון, געזאָגט אין פסוק : „ויאמר משה אל העדה זה הדבר אשר צוה ד׳״, אַז משה רבינו האָט פריהער מוסר־מודעה געווען דעם עולם, אַז ער האָט וועגען דעם אַ ספעציעלען אָנזאָג פון השי״ת, וואָרום אָהן אַזא אָנזאָג וואָלט ער אַזעלכעס נישט געטאָרט טהון...

שְׁמִינִי

ויהי ביום השמיני... (ט. א.)

„שמיני למלואים, הוא ר"ח ניסן שהוקם המשכן בו ביום ונטל עשר עטרות. (רש"י)

און אין דער גמרא ווערט אויסגערעכענט, מיט וואָסערע „עשר עטרות" דער דאָזיגער טאָג האָט זיך אויסגעצייכענט: „ראשון למעשה בראשית, ראשון לנשיאים, ראשון לכהונה וכו'" (שבת פ"ז).

ווערט געפרעגט דערויף אין „פענח רזא" אַ האַרבע קשיא: אין פסחים לערנט די גמרא אַרויס פון אַ גזירה שוה, פון וואָרט „מועדי", אַז קרבן־פסח איז דוחה שבת. איז אויב, אַלזאָ, דער יום שמיני למלואים, וועלכער איז געווען אום ראש־חודש, איז דאַן אויסגעפאַלען „ביום ראשון למעשה בראשית", אום זונטאָג, איז דאָך דאַן ממילא ערב־פסח, דער פיערצעהנטער טאָג אין ניסן, ווען מען האָט מקריב געווען דעם קרבן־פסח, אויסגעקומען שבת. איז דאָך עס דער קלאָרסטער בעווייז, אַז קרבן־פסח איז דוחה שבת, און נאָכהאָס איז נאָך נויטיג דערצו אַ גזירה־שוה?...

קרא משה לאהרן ולבניו ולזקני ישראל... (ט. א.)

נאָך דער פטירה פון „נודע ביהודה" איז זיין עלטסטער זוהן, רבי יעקב'קע, געקומען צו די ראשי־הקהל און פאַר זיי ערקלערט, אַז דער נפטר האָט אין די לעצטע מינוטען אויסגעדריקט פאַר איהם זיין וואונש, אַז זיין צווייטער זוהן, ר' שמואל, זאָל ווערען זיין ממלא מקומו אויפ'ן פראַגער כסא־הרבנות.

אַנטקעגען דעם האָט זיך אָבער געגענגעשטעלט דער בעריהמטער פראַגער למדן, רבי זרח איידליץ, וועלכער האָט רעפלעקטירט צו ווערען

פראגער רב נאך איידער דער „נודע ביהודה״ איז געקומען אהין. ער האט גע׳טענה׳ט, אז ער האט נישט קיין אמונה אין ר׳ יעקב׳קעס ווערטער, ער גלויבט נישט, אז דער נודע־ביהודה זאל האבען געזאגט פאר דער פטירה, אז זיין זוהן זאל ווערען ממלא מקומו.

דערויף האט איהם ר׳ יעקב׳קע געענטפערט:

אויפ׳ן פסוק „ויהי ביום השמיני קרא משה לאהרן ולבניו ולזקני ישראל״ ווערט געזאגט אין מדרש תנחומא: „ולמה זקני ישראל? כדי לגדלו בפני הזקנים. אמר לו הקב״ה: קרא לזקנים ומשח אותו והגדולה אתן לו בפניהם שלא יהיו אומרים, מעצמו נעשה כהן גדול״. פרעגט זיך: אויב זיי וואלטען חושד געווען אהרנ׳ען, אז ער האט זיך אליין געמאכט פאר א כהן־גדול, וואלטען זיי דאך דעם זעלבען חשד געקענט האבען אויך אויף משה׳ן, אז דאס, וואס ער רעדט אין אויבערשטענ׳ס נאמען, האט ער זיך אליין אויסגעטראכט?... נאר דער תירוץ איז: משה׳ן וואלטען זיי נישט חושד געווען, ווייל ווען משה וואלט חלילה געזאגט ליגען, וואלט ער דאך געקענט אויסנוצען דעם ליגען פאר זיך און זיך אליין בעשטימען אלס כהן־גדול, נישט דעם ברודער...

ויאמר משה אל אהרן קרב אל המזבח.. (ט. ז.)

„שהיה אהרן בוש וירא לגשת, אמר לו משה למה אתה בוש, לכך נבחרת״ (רש״י)

דען דער דין איז (און אזוי ווערט גע׳פסק׳נט אין שולחן ערוך או״ח הלכות תפלה), אז בעת מען פערבעט איינעם צו זיין א „יורד לפני התיבה״, צוצוגעהן דאווענען פאר׳ן עמוד, דארף ער דעם ערשטען מאל מסרב זיין, בעווייזענדיג דערמיט, אז ער איז נישט ראוי צו דעם כבוד, ערשט אויב מען בעט איהם נאכאמאל, דארף ער די איינלאדונג אננעהמען. דאגעגען א שליח צבור קבוע, וועלכער איז דערצו אויסגעוועהלט געווארען, דארף אויך ביים ערשטען מאל נישט מסרב זיין.

בשעת משה האט געזאגט צו אהרנ׳ען: „קרב אל המזבח״, האט אהרן, ווי דער דין איז, מסרב געווען „וירא לגשת״, און דערויף האט איהם משה ערקלערט: „לכך נבחרת״, דו ביזט דערצו אויסגעוועהלט געווארען, דו ביזט א שליח־ציבור קבוע, און א שליח־ציבור קבוע דארף אויך ביי׳ם ערשטען מאל נישט מסרב זיין.

(פנים יפות, אין נאמען פון „בת דודי אשה משכלת״)

וכפר בעדך... (ס. ז.)

דער נצי"ב פון וואלאזשין און חיים זעליג סלאנימסקי זענען געווען צווישען זיך זעהר שטארק בעפריינדעט. איינמאל האט זיך סלאנימסקי אונטערגענומען א געוויסע שתדלנות ביי דער רעגירונג, צוליעב וואס מען איז איהם שטארק בעפאלען אין דער ארטאדאקסישער און רבנישער וועלט. ער איז דאן אריבערגעפאהרען צום נצי"ב און איהם אויפגעוויזען מיט איבערצייגענדע ראיות, אז מען האט איהם אומזיסט חושד געווען, אז מיט זיין שריט האט ער חלילה קיין שלעכטע, אפיקורסישע כוונה נישט געהאט און ער איז דערביי באמת אויסען געווען לשם שמים. דערויף האט איהם דער נצי"ב געענטפערט: ביי אהרנ'ען ווערט געזאגט: „וכפר בעדך — לכפר על מעשי העגל". איז דאך אין פלוג קשה. אהרן, ווי די חז"ל ער־קלערען אין פערשיעדענע מקומות, האט דאך מיט דער מעשה־העגל מתכוון געווען לשם־שמים, טא נאך־וואס האט ער געדארפט האבען דערויף א כפרה? נאר — ווערט דערויף געזאגט אין ילקוט — דאס אליין, וואס ער האט מיט זיין מעשה גורם געווען, מען זאל איהם חושד זיין, דאס גופא איז שוין געווען א חטא... און אזוי ווערט אויך געזאגט ביים כהן גדול: „הוא פורש ובוכה והם פורשים ובוכים וכו' הוא פורש ובוכה — שחשדוהו" (יומא י"ט). אט דאס, וואס ער האט גורם געווען, מען זאל איהם חושד זיין, אויף דעם גופא האט ער געדארפט וויינען...

אין א צייט ארום איז דער נצי"ב געקומען קיין ווארשא, וואו ער האט פערבראכט א לענגערע צייט אין צוזאמענהאנג מיט דער גזירה, וואס די רעגירונג האט דאן ארויסגעגעבען. צו שליסען די וואלאזשינער ישיבה.

דאס הויז, וואו דער נצי"ב איז איינגעשטאנען, איז גאנצע טעג גע־ווען פיל מיט מענשען, מיט אהן א שיעור בעזוכער פון די פערשידענסטע קרייזען. דאגעגען סלאנימסקי, הגם ער האט געוואוינט אין ווארשא, איז די גאנצע צייט קיין איין מאל נישט אריינגעקומען צו איהם.

איינמאל האבען זיי זיך צופעליג בעגעגענט אין גאס און דער נצי"ב האט אויסגעדריקט זיין פערוואונדערונג: היתכן, אזא ידיד נאמן און איהר האט די גאנצע צייט נישט געפונען פאר נויטיג מיך צו בעזוכען?

— כ'בין בכיוון צו אייך נישט געקומען — ענטפערט איהם סלא־נימסקי — מחמת די חסידים, ווי איהר ווייסט, האלטען מיך פאר אב־אפיקורס, און אז זיי וועלען זעהען, דאס איהר חבר'ט זיך מיט מיר, וועלען זיי אייך חושד זיין, אז אויך איהר זענט חלילה נישט אין ארדנונג...

און איהר האָט דאָך מיך געלערנט, רבי, אַז אויב איינער איז מיט זיינע מעשים גורם, מען זאָל איהם חושד זיין, איז דאָס גופא אַ גרויסער חטא...

ותצא אש מלפני ד׳ ותאכל על המזבח.. (ט. כד)

צוועלף מאָל געפינען מיר אין תנ״ך, אַז עס האָט אַראָבגענידערט פייער פון הימעל; אין זעקס פאַלען איז דאָס געווען לטובה און אין זעקס פאַלען — לרעה.

לטובה: דאָ, ביי שמיני למלואים; בימי גדעון; בימי מנוח; בימי דוד, ביים גורן פון ארנון היבוסי; בימי שלמה, און בימי אליהו, אויפ׳ן הר הכרמל.

לרעה: ביי מיתת נדב ואביהו; ביי די מתאוננים: „ותבער בם אש ד׳״; ביי דער מחלוקת פון קרח: „ואש יצאה מלפני ד׳״; בימי איוב: „אש אלקים נפלה מן השמים״; און צוויי מאָל אַלס נקמה פון אליהו אין זיינע שונאים: „ותרד אש מן השמים ותאכל אותו ואת חמשיו״ און דאַן נאָכאַמאָל: „וישב וישלח אליו שר חמשים אחר וחמשיו וכו׳ תרד אש אלקים מן השמים ותאכל אותו״ (מלכים ב׳ א׳).

ותצא אש וכו׳ ותאכל אותם וימותו... (י. ב.)

בשעת רבי דוד זאַבלאָטאָווער, רבי משה לייב סאַסאָווער׳ס איידעם, איז געפעהרליך קראַנק געוואָרען, איז זיין ווייב, די רביצין, פעסע לאה, וועלכע האָט געשמ׳ט אַלס אויסערגעוועהנליכע צדיקת, נישט אָבגעטרעטען אויף אַ רגע פון זיין בעט, גאַנצע טעג מתפלל געווען, איינגעריסען וועלטען, ביז ד׳השי״ת האָט געהאָלפען און ער איז געזונד געוואָרען.

— איצט, טייערע רביצין — מאַכט צו איהר רבי דוד מיט אַ דאַנקבאַרען שמייכעל — איז מיר פערענטפערט, פאַרוואָס צווישען די פערשידענע סיבות און חטאים, וועלכע האָבען גורם געווען צו מיתת בני אהרן, ווערט אויך געזאָגט אין מדרש: „אבא חנן אומר, על ידי שלא היה להם נשים״. איז דאָך עס אין פלוג קשה: ווייל זיי האָבען נישט חתונה געהאַט און נישט גענומען קיין ווייבער, איז זיי דערפאַר געקומען צו שטאַרבען? נאָר די כוונה איז: ווען זיי וואָלטען חתונה געהאַט, וואָלטען זיי אפשר זוכה

געווען צו בעקומען אזעלכע געטרייע און פרומע ווייבער, ווי פעסע לאה, און אז מען האט א פעסע לאה שטארבט מען נישט...

בקרובי אקדש.. (י. ב)

בשעת דער ט״ז האט שוין געשמ׳ט אין דער וועלט אלס גאון האט ער ביים שווערר זיינעם, ביים ב״ח, נאך אלץ קיין גרויס אנזעהן נישט גע־האט און ער פלעגט איהם כסדר טרייבען, אז ער זאל נישט ארומגעהן לעדיג, ער זאל לערנען, וואס מעהר לערנען.

פערדריסט איינמאל דעם ט״ז די דאזיגע גרינגשעצענדע בעציהונג צו איהם און ער דריקט אויס זיין תרעומות:

— הלמאי — מאכט ער — אין דער וועלט האלט מען פון מיר, נאר צו אייך, שווערר, האב איך עפעס קיין מזל נישט...

דערויף ענטפערט איהם דער ב״ח:

— פון דער וועלט איז קיין ראיה נישט... נאהנטע קענען בעסער אבשאצען א מענש, איידער פרעמדע. פריהער דארף זיין „בקרובי אקדש״, דארף מען זיין געהייליגט און אנגענומען ביי די אייגענע קרובים און ערשט נאכהער — „ועל פני כל העם אכבד״, האט א ווערט דער כבוד, וואס מען בעקומט פון פאלק, פון דער וועלט...

רבי יעקב׳קע, דעם נודע ביהודה׳ס זוהן, איז געווען אנ׳איידעם פון רבי יצחק הלוי הורוויץ, דער האמבורגער רב. ויהי היום איז רבי יעקב׳קע געקומען צו גאסט צו רבי יעקב עמדין, וועלכער האט דאן געוואוינט אין אלטונא, נעבען האמבורג. זיי האבען פערפיהרט א שמועס און דאן פרעגט איהם רבי יעקב עמדין, צי זיין שווערר קאן עפעס לערנען, אויף וואס רבי יעקב׳קע האט איהם געענטפערט, אז די וועלט האלט איהם פאר א למדן.

— עס — מאכט רבי יעקב עמדין — פון דער וועלט איז קיין ראיה נישט, אט האט דאך די וועלט אויך דעם טאטען אייערן געהאלטען פאר א למדן...

(מופת הדור)

ואחיכם כל בית ישראל יבכו את השריפה... (י. ו.)

„מכאן שצרתן של ת"ח מוטלת על הכל להתאבל בה" (רש"י)

טאַ פאַרוואָס ווערט וועגען אהרנ׳ען אויסגעדריקט אין פסוק אַ שבח, אַז „וידום אהרן", אַז אהרן האָט נישט אַרויסגעוויזען דעם צער און נישט געטרויערט אויף זיין אומגליק?

נאָר ביי אהרנ׳ען איז עס געווען זיין אייגען אומגליק און אַ׳אייגען אומגליק איז אַ מענש מחויב מקבל באהבה צו זיין, דאַגעגען ביים כלל-ישראל איז עס געווען יענעמס אומגליק און יענעמס אומגליק דאַרף מען נישט מקבל באהבה זיין...

(רבי יוסף שאול נאטאנזאָהן)

יין ושכר אל תשת... (י. ט.)

אין סאַניק איז געווען אַ בעקאַנטער ריזשינער חסיד, ר׳ יצחק בער, וועלכער האָט שטאַרק ליעב געהאַט די כוסה. איינמאָל בעקומט ער פון ריזשינער רבי׳ן אַ בעפעהל דורך אַ שליח, אַז ער זאָל תיכף ומיד קומען קיין ריזשין און, פערשטעהט זיך, אַז דער חסיד האָט אָהן שום שהיות גלייך מקיים געווען דעם בעפעהל.

מיט אַ קלאַפענדיג הארץ האָט ער איבערגעטרעטען די שוועל פון ריזשינערס חדר, וואַרטענדיג מיט אומגעדולד צו הערען, נאָכוואָס דער רבי האָט געשיקט נאָך איהם. דער ריזשינער האָט איהם דערלאַנגט שלום, אָב-געשלאָסען די טהיר און דאַן האָט ער איהם גענומען זאָגען מוסר, אַז עס פּאַסט נישט פאַר אַזאַ שטייגער איד אָבצוגעבען זיך מיט׳ן ביטערען טראָפּען און אַז ער פערלאַנגט אונבעדינגט פון אידהם, ער זאָל אויפהערען צו טרינקען.

איז דער חסיד געבליבען זיצען אַ פערחדוש׳טער: היתכן, האָט דען דער רבי געדאַרפט וועגען דעם ספּעציעל שיקען נאָך איהם? צי דען ווען דער רבי בעפעהלט איהם דאָס זעלבע דורכ׳ן שליח וואָלט ער דען חלילה נישט געווען געפאָלגט?

האָט איהם דער ריזשינער דערויף געענטפערט:

אין פסוק ווערט געזאָגט: „וידבר ד׳ אל אהרן לאמר, יין ושכר אל תשת". פרעגט זיך: פאַרוואָס זענען אַלע אַנדערע מצוות געזאָגט געוואָרען צו אהרנ׳ען דורך אַ שליח, דורך משה׳ן, דאַגעגען וועגען דער מצוה פון „יין ושכר אל תשת" האָט השי"ת אַליין גערעדט מיט איהם? ווייל וועגען

אזעלכע זאכען, אז מען זאל נישט טרינקען, נישט שכור'ן, פאסט נישט צו בעפעהלען יענעם דורך א שליח. דאס מוז מען אליין יענעם זאגען אין דער שטיל, מפה לאוזן...

וידבר משה אל אהרן ואל אלעזר ואל איתמר בניו הנותרים... (י. יב.)

אין ט"ז (יורה דעה סי' מ"ג) ווערט געזאגט, אז דער אויסדרוק „נותר" בעצייכענט זיך אויף אן איבערגעבליבענעם קלענערען טייל, ווען עס בלייבט א מיעוט פון א מרובה. פרעגען אלע א קשיא פון דאזיגען פסוק: דא זענען דאך איבערגעבליבען א העלפט קינדער, אלעזר ואיתמר, און אויב דאס ווארט „הנותרים" געהט אויך ארויף אויף אהרן, איז דאך איבערגעבליבען א מעהרהייט, דריי לגבי צוויי, און פונדעסטוועגען רופט זיי דער פסוק „הנותרים"?

ענטפערט דערויף רבי פנחס הלוי הורוויץ: אויפ'ן פריהערדיגען פסוק „ויאמר משה אל אהרן הוא אשר דבר ד'" (י. ג.), זאגען די חז"ל (ווערט אויך געבראכט אין רש"י אויפ'ן ארט): „אמר לו משה לאהרן וכו' עכשיו רואה אני שהם גדולים ממני וממך", אז נדב ואביהו זענען אין איכות געשטאנען העכער פון זיי, און דעריבער האט זיך דערביי משה אויסגעדריקט מיט'ן ווארט „הנותרים", אז אין איכות זענען זיי א מועט מן המרובה...

זאת החיה אשר תאכלו מכל הבהמה... (יא. ב.)

„רב אמר לא ניתנו המצוות לישראל אלא לצרף בהן את הבריות וכו' אמר ר' יודן ב"ר שמעון כל בהמות ולויתן הן קניגין של צדיקים לעתיד לבוא" (מדרש רבה שמיני)

וואס פאר א צוזאמענהאנג האבען צווישען זיך די צוויי מאמרים?

האט געזאגט דערויף רבי יחיאל מאיר, דער רבי פון אסטראווצע: כידוע, ווערט מיט מלחמת שור הבר ולויתן געמיינט די מלחמת גוג ומגוג, און דער מדרש איז אונז מרמז דערמיט, אז אין יענער צייט, פאר ביאת הגואל, וועט ארויס א גזירה, צו אסר'ן די שחיטה ביי אידען...

ובנבלתם לא תגעו... (יא. ח.)

„מה תלמוד לומר לא תגעו? — ברגל, זהו שאמרו חייב אדם לטהר עצמו ברגל (רש״י)

האָט געזאָגט דערויף רבי מאיר שמחה דווינסקער:

דער דין איז, אַז אַן׳עם־הארץ איז אום יום־טוב בעגלויבט אין עניני טהרות, ווי די גמרא זאָגט: „טומאת עם הארץ ברגל רחמנא טהרה״, אַז אויב אַן׳עם־הארץ האָט אום יום טוב אָנגעריהרט אַ מאכל פון תרומה, דאַרף מען איהם נישט חושד זיין, טאָמער איז ער טמא, און אויב ער פערזיכערט, אַז ער איז טהור, גלויבט מען איהם. פאַרוואָס אייגענטליך? הלמאי איז ער יום־טוב מעהר בעגלויבט ווי אין אַ וואָכען־טאָג? — נאָר די גמרא זאָגט: „איזהו עם־הארץ? כל שאינו מניח תפילין״ (ברכות מ״ז), און דעריבער אום יום טוב, ווען קיינער לעגט נישט קיין תפילין און ס׳איז דאָך שווער מבחין צו זיין, ווער עס איז אַ חבר און ווער אַן׳עם־הארץ, וואָלט דאָך אויסגעקומען, אַז מען זאָל מטמא זיין אַלץ וואָס אַ פרעמדער מענש ריהרט אָן און דאָס איז דאָך אַ „גזירה שאין רוב הצבור יכול לעמוד בה״, האָט מען דעריבער מקיל געווען, אַז בכלל זאָלען אַלע זיין בעגלויבט, און דאָס איז די כונה: „חייב אדם לטהר עצמו ברגל״, ברגל, אום יום טוב, איז אַ חיוב, אַז יעדער איד זאָל בעטראַכט ווערען בחזקת טהור...

את זה תאכלו... (יא. ט.)

בעת רבי הירשעלע האַלבערשטאַם איז געוואָרען רב אין בערלין האָט ער אין איינע פון זיינע דרשות בעמערקט, אַז לויט ווי ער זעהט זענען די בערלינער אידען בעיקר נזהר אין צוויי זאַכען: אין כשרות און אין אבלות, און אַז דאָס ערקלערט זיך מסתמא דערמיט, וואָס די גמרא זאָגט: „סוף אָדם למות וסוף בהמה לשחיטה״ (ברכות י״ז), און עס שרעקט זיי סיי דער טויט פון מענש, סיי פון דער בהמה. אין אבלות זענען זיי נזהר, ווייל — „סוף אָדם למות״ און אין כשרות, ווייל — „סוף בהמה לשחיטה״...

והתקדשתם והייתם קדושים כי קדוש אני... (יא. מד.)

בשעת — פלעגט זאגען רבי לוי יצחק בערדיטשעווער — מען האט א טאטען אנ'עושר, פערגרינגערט עס דעם זוהן דעם עול־הפרנסה און ער דארף זיך נישט אזוי שטארק אנשטרענגען, דען ער האט זיך אין זיי־נע עסקים אויף וועמען אנצושפארען... והתקדשתם, איהר דארפט נאר אנ־הויבען עוסק זיין אין קדושה, והייתם קדושים, ווארום — כי קדוש אני, וממילא וועט עס אייך לייכטער אנקומען...

זאת תורת הבהמה.. (יא. מו.)

„עם הארץ אסור לאכול בשר שנאמר זאת תורת הבהמה והעוף, כל העוסק בתורה מותר לאכול בשר בהמה ועוף וכל שאינו עוסק בתורה אסור לאכול בשר בהמה ועוף" (פסחים מ"ט).

און אלע מפרשים וואונדערען זיך: היתכן? פארוואס קומט עס דעם עם־הארץ אזא שווערע שטראף, אז ער זאל נישט טארען עסען קיין פלייש? און פארוואס עפיס נאר פלייש? און עס ווערען געגעבען דערויף פער־שידענע פלפול'דיגע תירוצים.

גאנץ איינפאך אבער ווערט עס ערקלערט אין „ילקוט יהודה". עס איז פשוט דערפאר, ווייל דאס פלייש עסען איז פערבינדען מיט זעהר פיעל קאמפליצירטע דינים: שחיטה, בדיקה, ניקור, מליחה, בישול וכו' און דערי־בער דארף אנ'עם־הארץ, וועלכער איז נישט עוסק בתורה און איז נישט קלאר אין די אלע דינים, זיך אבהאלטען פון צו עסען פלייש...

תַזְרִיעַ

וביום השמיני ימול בשר ערלתו... (יב. ג׳)

„ולמה התינוק נמול לשמונה כדי שיתחזקו כוחותיו" (מדרש רבה תצא)

די צאָהל פון זיבען טעג ווערט אין פערשידענע ערטער אין דער תורה פעסטגעשטעלט אַלס טערמין פון רייפקייט און ענטוויקלונג. פאַר די ענדע פון זיבען טעג טאָר מען דאָס קינד נישט מל זיין. זיבען טעג מוז מען אויך פריהער אָבוואַרטען מיט׳ן קרבן פון אַ יונגע בהמה: „יהיה שבעת ימים תחת אמו ומיום השמיני והלאה ירצה לקרבן". זיבען טעג איז דער טערמין פון אַ נדה און זבה, ביז זי זאָל זיך אומקעהרען צו איהר נאָרמאַלען געזונד־צושטאַנד.

זיבען טעג דויערט דער שטופענווייזער מולד פון דער לבנה, ערשט אויפ׳ן סוף פון זיבעטען טאָג בעווייזט זי זיך אין איהר פולער רייפקייט.

בכלל פערנעהמט אין אַלע ענינים די צאָהל זיבען אַ זעהר חשוב אָרט: די וואָך בעשטעהט פון זיבען טעג, די שמיטה — פון זיבען יאָהר, דער יובל — פון זיבען שמיטות, דער הימעל האָט זיבען רקיעים, די מנורה האָט געהאַט זיבען קנים, וכדומה, וכדומה. „ויזורר הנער שבע פעמים ויחי" (מלכים ב׳ ד. לה.), „ויטבול בירדן שבע פעמים וישב בשרו ויחי" (דאָרט ה. יד.).

זיבען טעג איז דער טערמין סיי פאַר שמחה, סיי פאַר טרויער. אויף זיבען טעג זענען בעשטימט געוואָרן די ימי החג פון פסח און סוכות. זיבען טעג, שבעת ימי המשתה, דויערט די שמחת־הנשואין, און זיבען טעג — די ימי אבילות...

(תוספות ברכה)

פאַרוואָס איז ביז צום מל זיין דאָס קינד, כדי צו זיין זיכער, אַז

עס איז בחזקת בריא, געגוג א טערמין בלויז פון זיעבען טעג. דאגעגען אויף דורכצופיהרען דעם פדיון-הבן מוז מען אבווארטען גאנצע דרייסיג טעג?

ווייל עפ"י רוב, אויב דאס געבוירענע קינד לעבט דורך זיעבען טעג, איז א סימן, אז עס איז א בר-קיימא און נישט קיין נפל, בלויז א קליינע מינדערהייט איז פארהאן, ביי וועלכע דאס לאזט זיך פריהער פאר דרייסיג טעג נישט פעסטשטעלן. ביים מקיים זיין, אלזא, די מצוות מילה, שטיצט מען זיך, ווי ביי אלע דינים פון דער תורה, אויפ'ן כלל פון „אזלינן בתר רובא" און דער רוב קינדער זענען דאך נאך זיעבען טעג בחזקת קיימים. ביי פדיון-הבן דאגעגען האנדעלט זיך שוין וועגען געלד, וועגען געבען דעם כהן פינף סלעים, און דא מוז מען זיך דעריבער שוין רעכענען אויך מיט'ן מיעוט, דען — „אין הולכין בממון אחר הרוב".

(הרב ברוך עפשטיין)

אין שולחן ערוך יורה דעה (סימן רס"ח סעיף י"ב) ווערט געזאגט: „נוהגים לעשות סעודה ביום המילה", און די פערשיעדענע פוסקים, ווי אויך דער ווילנער גאון אין די „ביאורי הגר"א", בעמיהען זיך צו געפינען דעם מקור צום דאזיגען מנהג.

א חידוש! עס איז דאך א בפירושע גמרא: „מפני מה אמרה תורה מילה בשמיני, כדי שלא יהיו כולם שמחים ואביו ואמו עצבים" (נדה ל"א) און דערויף זאגט דארט רש"י: „דכולם שמחים בסעודה", זעהט מען דאך, אלזא, אז דאס איז נישט-נאר א מנהג, נאר — „מפני מה אמרה תורה" א דייטליכער חיוב מן התורה?...

(תוספת ברכה)

„בשעת שנכנס דוד לבית המרחץ וראה עצמו עומד ערום, אמר אוי לי שאעמוד ערום בלא מצוה, וכיון שנזכר במילה שבבשרו נתיישבה דעתו" (מנחות מג).

בעת — זאגט דערויף דער חתם סופר — דוד האט גענומען מפשפש במעשים זיין און קאנטראלירען די אלע מצוות, וואס ער האט געטהון, האט ער אויסגעשריען: „אוי לי שאעמוד ערום בלא מצוה", מחמת ס'איז נישטא קיין איין מצוה, ביי וועלכער עס זאל זיך דערביי נישט פערגנב'נען א וועלכע עס איז פניה און מחשבה זרה, דען עס איז זיך אונמעגליך דערפון צו פערהיטען, ערשט די מצוה פון מילה האט איהם בערוהיגט. דאס איז די

איינציגע מצוה, וואס דער מענש טהוט אהן דער מינדסטער פניה, אהן א שום אונריינעם געדאנק...

ובמלאות ימי טהרה לבן או לבת וכו'... (יב. ו.)

דער לובלינער רב, רבי מאיר שפירא, איז אמאל געקומען צו א גביר נאך א נדבה פאר דער לובלינער ישיבה. דער גביר האט איהם אפילו נישט געבעטען זיצען און מיט א רוגזה'דיגע מינע געפרובט איהם אבפטר'ן תיכף אין פאדערצימער, על רגל אחת, מיט א קליינע נדבה, וועלכע דער לובלי־נער רב האט איהם מיט פעראכטונג צוריקגעווארפען.

— איך בין נישט — מאכט ער צו איהם — קיין יולדת און קיין צוויי כפרות דארף איך נישט...

וואס הייסט — קוועטשט דער גביר מיט די פלייצעס — וואס מיינט איהר דערמיט?

גאר פשוט — ענטפערט ער איהם — בשעת איך קום אריין צו א גביר, פון וועלכען געלד איז מיר שווער מוציא צו זיין, נאר דערפאר איז ער מיך מכבד און נעהמט מיך שען אויף, טראכט איך מיר: מילא, א כפרה דאס געלד פאר'ן כבוד, אבי ער האלט כאטש פון כבוד התורה. דאגעגען ווידער, בשעת איך טרעף אן אויף א גביר, וועלכער איז מיך נישט מכבד, נאר דערפאר גיט ער מיר א שענע נדבה, זאג איך צו זיך: א כפרה דער כבוד פאר'ן געלד. ביי אייך אבער האב איך ביידע כפרות צוזאמען און דאס איז גוט פאר א יולדת, וועלכע דארף לויט'ן דין האבען צוויי כפרות, „כבש בן שנתו לעולה ובן יונה או תור לחטאת"...

אדם כי יהיה בעור בשרו שאת או ספחת... (יג. ב.)

נגעים קומען אויף די זינד פון לשון־הרע, און דעריבער איז די דא־זיגע פרשה געשטעלט געווארען נאך דער סדרה פון שמיני, אין וועלכער עס רעדט זיך וועגען טמאות וטהורות, וואס מען מעג און וואס מען טאר נישט עסען.

דען צו עסען א לעבעדיגען מענש, צו מאכען איהם אומגליקליך, צו באדען זיך אין זיין בלוט, אוועקצוהרג'ענען איהם מיט דער צונג פון לשון הרע, דערין זענען מענשען א סך וועניגער נזהר, ווי אינ'ם איסור פון

מאכלות אסורות, דאס איז ביי זיי א פיעל קלענערע עבירה... נאך דער פרשה פון טמאות וטהורות האט דעריבער די תורה תיכף געפינען פאר נויטיג אנצוזאגען און צו ווארענען, אז נישט-נור די אלע פערבאטענע בהמות און עופות, נאר אויך קיין מענש טאר מען נישט עסען!...

(רבי ישראל סאלאנטער)

וראה הכהן את הנגע וכו׳ וראהו הכהן וטמא אותו...

(יג. ג.)

נאכוואס ווערט דאס זעלבע צוויי מאל איבערגעחזר׳ט: „וראה הכהן" און דאן נאכאמאל: „וראהו הכהן"?

נאר דער דין איז, אז אויב עס טרעפט זיך א מצורע אום יום-טוב, לאזט מען איהם גאנץ יום-טוב פריי, ווען אפילו די נגע ווייזט זיך ארויס אלס טמא, דאס זעלבע ביי א חתן לאזט מען איהם פריי איבער אלע שבעת ימי המשתה, בכדי נישט צו פערשטערען איהם די שמחה. די בע-האנדלונג פון א מצורע איז, אלזא, אבהענגיג נישט בלויז פון דער נגע, נאר אויך פון דער צייט און די אומשטענדען, אין וועלכע ער געפינט זיך און דאס איז דער זין פון פסוק: „וראה הכהן את הנגע", קודם-כל דארף דער כהן בעטראכטען די נגע, אבער א חוץ דעם דארף אויך זיין: „וראהו הכהן", דער כהן זאל דעם מענש גופא בעטראכטען און זיך רעכענען מיט זיין לאגע, מיט דער צייט, מיט די ארומיגע בעדינגונגען.

(רבי מאיר שמחה דווינסקער)

דער תלמיד פון לובלינער „חוזה", רבי מרדכי פינטשעווער, איז גע-ווען אנ׳עני מדוכא און יעדעס מאל, ווען ער פלעגט פאהרען קיין לובלין, פלעגט איהם דאס ווייב אנזאגען, אז ער זאל למען-השם נישט פערגעסען צו דערצעהלען דעם רבי׳ן וועגען דעם מורא׳דיגען מצב, אין וועלכען זיי געפונען זיך, און בעטען ביי איהם אנ׳עצה און א ברכה, אבער יעדעס מאל איז דאס רבי מרדכי׳ן ארויס פון געדאנק. ארייננקומענדיג צום „חוזה" פלעגט ער זיך ארייגלאזען מיט איהם אין א שמועס וועגען פערשיעדענע הויכע ענינים און וועגען דעם טרויעריגען צושטאנד זייגעם א ווארט נישט דער-מאהנען.

איינמאָל האָט זיך דאָס ווייב מיישב געווען און בשעת ער איז ווידער אמאָל געפאָהרען קיין לובלין, האָט זי זיך אריינגעזעצט אין דער בויד און איז מיט איהם מיטגעפאָהרען. דאַמאָלס האָט ער שוין קיין עצה נישט גע-האַט און אריינקומענדיג צום „חוזה" האָט ער גענומען פאַר איהם דער-צעהלען, אין וואָס פאַר אַ מורא'דיגע לאַגע זיינע בני-בית געפינען זיך.

פאַרוואָס — פרעגט איהם דער „חוזה" — האָסטו עס מיר די גאַנצע צייט נישט געזאָגט?

— כ'האָב געמיינט — ענטפערט ער — אַז דער רבי מיט זיין רוח-המקודש ווייסט דאָס אַליין...

ענטפערט איהם דער חוזה:

— די תורה זאָגט אונז ביי נגעים: „אדם כי יהי' בעור בשרו שאת או ספחת או בהרת", אויב עס האַנדעלט זיך אין אַ נגע, וועלכע געפינט זיך אינ'ם מענש נופא, „והובא אל אהרן הכהן וכו' וראה הכהן את הנגע" דאַרף ער דעם כהן גאַרנישט זאָגען, ער דאַרף בלויז קומען צו איהם און דער כהן אַליין זעהט שוין, וואָס איהם איז, דאַגעגען אָבער ביי נגעי בתים ווען עס האַנדעלט זיך וועגען דער שטוב, שטעהט: „ובא אשר לו הבית והגיד לכהן לאמור כנגע נראה לי בבית", דאָ איז מען שוין נישט יוצא מיט'ן בלויזען קומען צום כהן, נאָר מען מוז איהם פריהער דערצעהלען...

ועל שפם יעטה... (יג. מה.)

„ועל שפם יעטה — כאבל" (רש"י)

דאַגעגען אין „פירוש הטור על התורה" ווערט ערקלערט גאַנץ איינ-פאַך: „יכסה פיו, שלא יריחו ריחו, כי ריח שלו מזיק"...

וטמא טמא יקרא... (יג. מה.)

„וצריך להודיע צערו לרבים ורבים יבקשו עליו רחמים" (שבת ס"ז).

פאַרוואָס עפּעס דאַרף אַ מצורע, מעהר פון אַלע אַנדערע חולאים, מודיע זיין אויף אַזאַ שרייענדען אופן את צערו לרבים?

נאָר אויפ'ן פסוק „וישמע אלקים את קול הנער" (בראשית כ"א. י"ז)

זאָגט רש״י: „מכאן שיפה תפלת החולה מתפלת אחרים עליו והיא קודמת להתקבל״, און אין זוהר ווערט געזאָגט, אַז דערפאַר הייסט דער מצורע „מוסגר״, ווייל דער הימעל בלייבט פערשלאָסען פאַר זיינע תפלות. אַלע אַנדערע חולאים קענען דעריבער אַליין מתפלל זיין, דען „יפה תפלת החולה מתפלת אחרים״, דאַגעגען אַ מצורע, פאַר וועלכען די שערי תפלה זענען געשלאָסען, מוז מודיע זיין את צערו לרבים, אַנדערע זאָלען פאַר איהם מתפלל זיין...

(מדרש יונתן)

אין מדרש ווערט געזאָגט:

„מן התורה ומן הנביאים ומן הכתובים שאין הקב״ה חפץ בקילוסן של רשעים, שנאמר ועל שפם יעטה״.

מאַטערען זיך די מפרשים צו פערשטעהן דעם זין פונ׳ם דאָזיגען מדרש. פונוואַנען איז פון „ועל שפם יעטה״ געדרינגען דער דערמאָהנטער דרש?

נאָר — ערקלערט דערויף רבי יוסף שאול נאַטאַנזאָהן — דער דרך פון מדרש איז אין אַ סך מקומות צו ברענגען בלויז דעם אָנהויב פון אַ פסוק, מיינענדיג דערביי דעם ווייטערען טייל פון פסוק. אויך דאָ איז די כונה פון מדרש אויפ׳ן סוף פון אַנגעוויזענעם פסוק: „וטמא טמא יקרא״, פון וועלכען עס ווערט גע׳דרשנ׳ט: „וטמא טמא יקרא, צריך להודיע צערו לרבים ורבים מבקשים עליו רחמים״, און דערפון איז אַלזאָ אַ בעוויז, אַז „אין הקב״ה חפץ בקילוסן של רשעים״, אַז ער וויל נישט, דאָס דער רשע אַליין זאָל צו איהם מתפלל זיין, נאָר אַנדערע זאָלען עס טהון פאַר איהם...

מְצוֹרָע

וצוה הכהן ולקח למטהר שתי צפרים... (יד. ד)

„לפי שהנגעים באין על לשון הרע שהוא מעשה פטפוטי דברים לפיכך הוזקקו לטהרתו צפ־ים שמפטפטין תמיד" (רש"י)

אויך ביי אַנדערע קרבנות ווערען דאך געבראַכט צפרים, תורים ושני בני יונה, דאס זעלבע אויך ביי זב וזבה, טא פאַרוואָס ווערט דארט נישט אָנגעוויזען קיין טעם דערויף, נאָר ביי מצורע?

נאָר אין ערגיץ געפינען מיר נישט, אַז מען זאָל ברענגען אַלס קרבן צוויי מיני בעלי חיים צוזאַמען, נאָר אויב מען ברענגט אַ בהמה אַלס קרבן, איז אָדער מן הבקר, אָדער מן הצאן, און אויב עופות — איז אָדער תורים, אָדער בני יונה. בלויז ביי מצורע, אלס אויסנאַהם, בעשטעהט דער קרבן פון צוויי מיני בעלי חיים: בהמות און עופות, דריי כבשים און צוויי צפרים. איז אויב ער ברענגט אַזש דריי שעפסען, וועלכס זענען דאָך פיעל חשוב'ער, טאָ נאָכוואָס זענען נאָך דערביי נויטיג צפרים? און דערויף ווערט ערקלערט: „לפיכך הוזקקו לטהרתו צפרים שמפטפטין תמיד"...

(תוספת ברכה)

„מאי תקנתו של מספר לשון הרע? אם תלמיד חכם הוא יעסוק בר־תורה וכו' ואם עם הארץ הוא ישפיל את עצמו" (ערכין ט"ז).

פאַרוואָס דאַרף אויך אַ תלמיד־חכם נישט האָבען די זעלבע תשובה פון „ישפיל את עצמו" און עס איז בלויז גענוג, וואָס ער איז עוסק בתורה?

נאָר — ווערט געענטפערט דערויף — פאַקטיש איז עס די זעלבע תשובה, מחמת עפ"י רוב איז עס, ליידער, אַ בזיון און אַ שפלות אַוועק צוזעצען זיך לערנען, עפ"י רוב קוקט מען אויף אַ בן־תורה פון אויבען אראָב, ווי אויף אַ בטלן און לעדיג־געהער...

ועץ ארז ושני תולעת ואזוב... (יד. ד.)

„לפי שהנגעים באין על גסות הרוח וכו׳ ישפיל עצמו מגאותו כתולעת ואזוב״ (רש״י)

א סאווראנער חסיד האט אמאל דערצעהלט פאר רבי ישראל ריזשינער, ווי וויט זיין רבי פלעגט זיך מתרחק־זיין פון כבוד און גאות. אמאל — דערצעהלט ער — איז דער סאווראנער רבי, רבי משה, געקומען אין א שטאדט אריין, וואו מען האט איהם שטארק נוהג־כבוד געווען, בשעת די שטאדט־לייט האבען זיך דערוואוסט, אז דער רבי קומט, האבען זיי איהם אבגעווארט אויפ׳ן וועג מיט א קארעטע געשפאנט אין פיער פערד. דער רבי האט בעל כרחו געמוזט אויסשטייגען פון דער ארימער בויד און זיך אריינזעצען אין דער בהרחבה׳דיגער קארעטע. וועלענדיג אבער ממאס זיין פאר זיך דעם כבוד המדומה, האט ער זיך גענומען אריינטראכטען און איבער׳ן גאנצען וועג געהאלטען אין איין רעדען צו זיך: פון וואס משטיינס געזאגט בעשטעהט דא דער כבוד? פון א פאר פערד, א דבר־טמא, א דבר מאוס... און דאן איז איהם בפאלען אזא עקעל, אז ער האט אזש אנגעהויבען צו ברעכען, צו ברעכען אהן אויפהער...

— נעביך, נעביך — האט דער ריזשינער, אויסהערענדיג די מעשה, א זיפץ געטהון — ער האט שוין גאר קיין אנדערע עצה נישט געהאט, ווי אזוי צו ראטעווען זיך פון גאווה, נאר מיט דעם וועג׃ פארהאן א פיעל איינפאכער מיטעל, ווי אזוי צו קענען אויפנעהמען כל מיני כבוד שבעולם און לגמרי דערפון נישט נתפעל צו ווערען — און ער האט געזאגט דערויף א משל:

— אמאל איז געווען א שר, א גרויסער שר, זיין חשיבות איז ביים מלך געווען אזוי גרויס, אז ער האט בעפוילען אלע זיינע שרים ועבדים, זיי זאלען זיך בוקען צו איהם. ויהי היום איז דער מלך געגאנגען שפאצירען מיט׳ן שר. דער המון, דאס פאלק, האט דעם מלך נישט געקענט און דערזעהענדיג דעם שר זענען זיי, לויט זייער געוואוינהייט, געפאלען צו דער ערד און געקניהט און זיך געבוקט פאר איהם, אבער דער שר, נישט נאר וואס ער איז נישט נתפעל געווארען פונ׳ם צוגעטיילטען כבוד, נאר ער האט זיך דערביי שטארק פערשעמט, זיין פנים האט געפלאמט פון בושה, וואס מען פערזעהט דעם מלך און מען בוקט זיך צום שר...

רבי פנחס קאריצער פלעגט זאגען: ווי אזוי קאן מען זיין א

בעל-גאוה? אויב דו האלסט זיך גרויס, ביזטו דאך נישט מקיים די תורה, וועלכע ווארענט אונז: „תועבת ד׳ כל גבה לב“ און „והוי שפל רוח בפני כל אדם“, און אויב דו ביזט נישט מקיים די תורה, טא וואס איז דער יחוס מיט דיר און וואס פאר א רעכט האסטו זיך גרויס צו האלטען?...

אויף יענער וועלט — פלעגט זאגען רבי רפאל בערשאדער — וועל איך אויף אלעם קענען געפונען א תירוץ, א חוץ אויפ׳ן חטא פון גאוה. בעת מען וועט מיך פאר׳ן בית-דין של מעלה א פרעג טהון: „עסקת בתורה“? — וועל איך ענטפערען:

— כ׳בין ליידער געווען אנ׳עם-הארץ, כ׳האב נישט געקענט לערנען.

— האסטו כאטש א סך געדאווענט, געפאסט, געפראוועט מקואות? — וועל איך ענטפערען:

— כ׳האב קיין כח נישט געהאט, כ׳בין געווען שוואך.

— האסטו געגעבען צדקה?

— כ׳בין ליידער נישט אימשטאנד געווען, כ׳בין געווען ארים.

— איז אויב אזוי — וועט מען מיך דאן א פרעג טהון — אויב אנ׳-עם-הארץ ביזטו געווען, קיין כח האסטו נישט געהאט און קיין געלד האסטו אויך נישט פערמאגט, טא מיט וואס האסטו זיך געהאט איבערצונעהמען, פארוואס ביזטו נאך אזוי געשטאנען אין גרויסען?

און דערויף וועל איך באמת נישט האבען וואס צו ענטפערען...

ואחר יבוא אל המחנה וישב מחוץ לאהלו שבעת ימים... (יד. ח.)

אויב ער מעג שוין צוריק אריינקומען אין דער מחנה, טא פארוואס זאל ער נאך אלץ נישט טארען זיצען אין זיין אייגען געצעלט צוזאמען מיט זיין ווייב און קינדער?

— ווייל — האט געזאגט דערויף רבי שמעלקע ניקעלשבורגער — נגעים קומען אויף גסות-הרוח, אויפ׳ן חטא פון גאות, און „האי מאן דיהיר אפילו אאינשי ביתיה לא מיקבל“ (בבא-בתרא צ״ה), פון א בעל-גאוה ליידט אממעהרסטען דאס אייגענע בני-בית, און דעריבער איז זיין שטראף צו

בלייבען דערהייטערט פון דער היים אפילו דאמאלס, ווען עס איז איהם שוין ערלויבט ארייננצוקומען אין דער מחנה...

ואם דל הוא ואין ידו משגת... (יד. כא.)

אין פלוג זענען די לעצטע ווערטער איבריג. נאכוואס דאס דאפעלטע לשון: „ואם דל הוא" און „ואין ידו משגת"?

נאר דאסווארט „דל" האט נישט שטענדיג די בעדייטונג פון מאטעריעלער ארימקייט. „דל" בעדייט אפט קערפערליכע, פיזישע שוואכקייט, ווי „מדוע אתה ככה דל בן המלך" (שמואל ב' י"ג. ד.) אדער „פרות דלות ורעות". דער אויסדרוק „דל" ווערט אויך בענוצט אין זין פון געפאלענעם יחוס און גייסטיגע ירידה, ווי: „אלפי הדל במנשה" (שופטים י. טו.), „ובית שאול הולכים ודלים" (שמואל ב' ג. א.), „ידל כבוד יעקב" (ישעי' יז. ד.). און דעריבער ווערט דא, נאך די ווערטער „ואם דל הוא", צוגעגעבען: „ואין ידו משגת", אז דאס מיינט מען א דל אין מאטעריעלען, פינאנציעלען זין...

(הרב ברוך עפשטיין)

ואם דל הוא ואין ידו משגת וכו'...

ביי אנ'אנדערען טמא איז פארהאן אין דער גמרא א מאן דאמר, וואס האלט, אז אויב אנ'עשיר האט געבראכט א קרבן-עני איז ער יוצא; דאגעגען ביי א מצורע האלטען אלע, אז „עשיר שהביא קרבן-עני לא יצא" (יומא מ"א).

פארוואס איז ביי מצורע אנ'אויסנאהם?

האט געזאגט דערויף רבי יעקב'קע, דער זוהן פון „נודע ביהודה": צווישען די זיעבען חטאים, וואס די גמרא רעכענט אויס, פאר וועלכען מען ווערט געשטראפט מיט נגעים, ווערט אויך דערמאהנט: „על צרת העין" (ערכין ט"ז). וויבאלד אלזא א מצורע עשיר ברענגט א קרבן-עני בעווייזט עס, אז ער האט זיך נאכנישט אויסגעהיילט פון זיין קרענק און ער איז נאך אלץ געבליבען דער זעלבער צר-עין וואס פריהער, און דעריבער איז ער נישט יוצא און דער קרבן איז אויף איהם נישט מכפר...

אין סלאָנים איז געווען אַנ׳עושר אַ מורא׳דיגער קמצן, וועלכער האָט זיך נישט פערגינגען צו עסען קיין ברויט צו דער זעט און אַ לייטיש מלבוש צו טראָגען, האָט רבי אייזיל איינמאָל זיך אויסגעדריקט וועגען איהם, אַז קוקענדיג אויפ׳ן דאָזיגען בן־אדם ווערט איהם פערשטענדליך די גמרא: „עשיר ונמצא עני, עני ונמצא עשיר, אינה מקודשת" (קידושין מ״ח). אין פלוג איז דאָך קשה: בשלמא, אַז ער האָט זיך פאָרגעשטעלט אַלס עושר ולסוף ווייזט זיך אַרויס, אַז ער איז אַ אָרימאַן, איז אינה מקודשת, ווייל עס זענען קידושי טעות, דען ווען זי זאָל געוואוסט וויסען, אַז ער איז אַ אָרימאַן, וואָלט זי נישט בעשטאַנען אויפ׳ן שידוך; אָבער „עני ונמצא עשיר" פאַרוואָס זאָל זיין אינה מקודשת? נאָר ווי עס ווייזט אויס רעדט זיך דאָ וועגען אַ פערבאָרגענעם עושר, אַ איד אַ חזיר, וועלכער שטעלט זיך פאָר אַלס קבצן און לעבט ווי אַ קבצן, און דערפאַר איז אינה מקודשת, ווייל אַזאַ נבזה איז גאָר נישט בכלל מענש, מיט אַזעלכען צו וואוינען איז אַ סך ערגער, ווי מיט אַנ׳אמת׳ן אָרימאַן...

„על שבעה דברים נגעים באין, על לשון הרע וכו׳" (ערכין ט״ז).

דער רבי ר׳ בונם ווייזט־אָן, אַז דער חטא פון רעדען לשון־הרע בצינעא, איז אַ פיעל גרעסערער, ווי רעדען לשון־הרע בפרהסיא.

אַ ראיה דערצו איז פון דער גמרא דאָרט אין ערכין, וואו עס ווערט געזאָגט, אַז אויף לשון־הרע שבצינעא איז קטורת מכפר (ערכין ט״ז), דער מספר לשון הרע בצינעא מוז אַלזאָ וואַרטען אויף זיין כפרה אַ גאַנץ יאהר צייט, ביז דער כהן־גדול וועט יום־כפור מקטיר זיין קטורת און דערפון איז צו זעהען, אַז דער דאָזיגער חטא איז אַ פיעל הארבערער ווי בפרהסיא...

„כל המספר לשון הרע כאילו כפר בעיקר" (ערכין ט״ו).

זעהר אָפט, ביי פערשיעדענע ענינים, דריקען זיך אויס די חז״ל: „כאילו כפר בעיקר" און „כאילו עובד עבודה זרה" ווי: „כל הכועס כאילו עובד עבודה זרה", „כל המתגאה כאילו עובד עבודה זרה", „כל המעלים עין מצדקה כאילו עובד ע״ז" א. א. וו. און דאָס — פלעגט זאָגען רבי אברהם טיקטינער — איז דער פשט פון פסוק: „אם אמרתי אספרה כמו הנה דור בניך בגדתי" (תהלים עג. טו.), אויב מען זאָל וועלען איבערצע

לען די אלע „כמו'ס" און „כאילו'ס", אויף וועלכע די חז"ל זאגען אלץ: „כאילו עובד ע"ז", וואלט דאן אויסגעקומען, אז „הנה דור בניך בגדתי", אז מיר אלע בעשטעהען חלילה פון בלויז בוגדים און פושעים, דען נישטא קיין איינער, וועלכער זאל אינגאנצען זיין ריין פון די אלע זאכען...

ומן השמן יצוק הכהן על כף הכהן השמאלית... (יד. כו.)

צו רבי ישראל'טשע ריזשינער איז אמאל געקומען אויף א שבת א טשערנאבילער חסיד. ביים טיש האט דער ריזשינער געטיילט „שיריים" מיט א לעפעל, וואס עס האט ביים טשערנאבילער חסיד נישט גושא-חן געווען און ער האט גענומען דוקא כאפען שיריים מיט די הענד...

רופט זיך אן צו איהם דער ריזשינער:

ביי הזאת הדם איז די הזאה פארגעקומען לויט צוויי אופנים: אדער עס איז געווען „וזרקו את הדם על המזבח סביב", מען האט די כלי מיט'ן בלוט געשפריצט גלייך אויפ'ן מזבח, אדער „ולקח הכהן מדם החטאת באצבעו ונתן על קרנות המזבח", דער כהן האט איינגעטונקען דעם פינגער אין דער כלי מיט בלוט, דאגעגען די הזאה פון שמן איז פארגעקומען גאנץ אנדערש, דא איז דער דין: „ומן השמן יצוק הכהן על כף השמאלית והזה הכהן באצבעו הימנית מן השמן אשר על כף השמאלית", ער האט פריהער ארייגעגאסען פון דער כלי אביסעל בוימאייל אין דער לינקער האנד אריין און דערין איינגעטונקען יעדעס מאל דעם פינגער פון דער רעכטער האנד. פארוואס האט נישט דער כהן אויך ביי דער דאזיגער הזאה, פונקט ווי ביי דער הזאה פון דם, איינגעטונקען דעם פינגער דירעקט אין דער כלי? — ווייל דער נותר פונ'ם לוג שמן, וואס איז איבערגעבליבען נאך דער הזאה, איז נאכהער דורך די כהנים פערנוצט געווארען פאר'ן אייגענעם געברויך צום עסען, און אין א כלי פון וועלכער א צווייטער עסט איז נישט פאסיג אריינצושטעקען די הענד...

כנגע נראה לי בבית... (יד. לה)

אויף „ונתתי נגע צרעת בבית ארץ אחוזתכם" זאגט רש"י „בשורה היא להם וכו' לפי שהטמינו אמוריים מטמוניות של זהב בקירות בתיהם",

אַז די נגעים אין די הייזער איז געווען אַ טובה פאַר אידען, כדי זיי זאָלען געפינען די בעהאַלטענע געלדער, וואָס די אמוריים האָבען דאָרט איינגעמויערט, און דעריבער ווערט דערביי געברויכט דער אויסדרוק „כנגע" מיט אַ כ׳ הדמיון: אַזוי ווי אַ נגע... עס איז געווענדעט אין מענש, ווי אַזוי ער פערווענדעט און פערנוצט דאָס געלד. געלד קאָן ברענגען גליק און אומגליק, אויב מען ווייסט ווי זיך אומצוגעהן דערמיט איז עס אַ ברכה, און אויב נישט — ווערט עס פערוואַנדעלט אין אַ קללה, אין אַ נגע...

(אמרי אש)

וארבעה אנשים היו מצורעים פתח השער... (הפטורה)

דערויף זאָגען די חז״ל, אַז די ארבעה אנשים זענען געווען „גחזי וג׳ בניו".

פונוואַנען דרינגען זיי דאָס?

ווייל דער דין איז ביי אַ מצורע: „בדד ישב מחוץ למחנה", אַז יעדער מצורע מוז זיצען אַליין אָבגעזונדערט, אַנדערש קאָן ער נישט אויסגעהיילט ווערען, טאָ פאַרוואָס זענען דאָ געזעסען אַלע פיער מצורעים צוזאַמען? און דערפון האָבען די חז״ל געדרינגען, אַז דאָס איז געווען גחזי און זיינע דריי זיהן, וועלכע אלישע האָט פערשאָלטען: „וצרעת נעמן תדבק בך ובזרעך לעולם" (מלכים ב׳ ה׳), אַז זייער צרעת זאָל זיין אונהיילבאַר, און דעריבער האָבען זיי שוין געמעגט זיצען צוזאַמען...

(פניני יהודה)

אַחֲרֵי מוֹת

אחרי מות שני בני אהרן... (טז. א.)

דערויף ווערט געזאָגט אין תרגום יונתן בן עוזיאל: „בתר דמית תרין בנוי דאהרן כהניא רברביא".

ווי געפינען מיר דען, פרעגען איינינע מפרשים, אַז נדב ואביהו זאָלען האָבען געווען כהנים גדולים? אַ טייל פּרובען דעריבער ערקלערען, אַז דאָ איז אַריינגעפאַלען אַ טעות הדפוס און עס דאַרף זיין: „בנוי דאהרן כהנא רברבא", די קינדער פון אהרן דער כהן גדול.

באמת אָבער איז דאָ קיין שום תיקון-טעות נישט נויטיג, דען אומע-טום, וואו עס ווערט דערמאָהנט אין פסוק „כהן משוח", ווי „אם כהן המשוח יחטא", „ולקח הכהן המשוח" א. אַ. וו. ווערט געזאָגט אין תרגום אונקלוס און אין תרגום יונתן: „כהנא רברבא", און וועגען נדב ואביהו ווערט דייט-ליך געזאָגט אין פסוק, אַז זיי זענען געווען כהנים משוחים: „אלה שמות בני אהרן הכהנים המשוחים וכו' נדב ואביהו" (במדבר ג. ג.). וממילא זענען גאַנץ ריכטיג און פערשטענדליך די ווערטער פון תרגום יונתן „תרין בנוי דאהרן כהניא רברביא"...

פאַרהאַן אַ מדרש פליאה: „כשנשרפו נדב ואביהו אמרו מלאכי השרת לפני הקב"ה, למה קרעת לישראל את הים".

וואָס איז דער זין פון דאָזיגען מאמר, וואָס פאַר אַ המשך האָט די טענה פון קריעת ים סוף צו מיתת נדב ואביהו?

נאָר צווישען די פערשיעדענע דעות, וואָס די חז"ל ברענגען וועגען דער סיבה, פאַרוואָס נדב ואביהו זענען נענש געוואָרען, ווערט אויך אַרויס-געזאָגט די מיינונג, אַז זיי זענען געשטאָרבען צוליעב די זינד פון אהרנ'ען, צוליעב דעם חטא פון עגל. לויט דער דאָזיגער מיינונג קומט . אַלזאָ אויס,

אַז הגם אַהרן האָט דאָס געטהון באונס, ווערענדיג געצוואונגען דערצו. איז אָבער ביי עבודה זרה „אונס כרצון” און אויך אין אַזאַ פאַל דאַרף זיין „יהרג ואל יעבור”.

וועגען קריעת ים סוף זאָגען די חז״ל, אַז דער שר של מצרים האָט דאַן געטענה׳ט: „הללו עובדי עבודה זרה והללו עובדי עבודה זרה, למה אלו ניצולין”? און דערויף האָט איהם השי״ת געענטפערט: „שמא אתה דן אונס כרצון”? די מצריים האָבען געדיענט די עבודה-זרה ברצון, די אידען אָבער האָבען דאָס געטהון באונס.

און דאָס אַלזאָ איז דער זין פון דערמאָהנטען מדרש: „כשנשרפו נדב ואביהו אמרו מלאכי השרת לפני הקב״ה, למה קרעת לישראל את הים”, אויב אַהרן איז בענש געוואָרען, אַז זיינע קינדער זאָלען שטאַרבען צוליעב׳ן חטא, וואָס ער האָט געמאַכט דאָס עגל, הגם ער האָט דאָס געטהון באונס, ווייל ביי עבודה-זרה איז אונס כרצון, איז אויב אַזוי: למה קרעת לישראל את הים”, פאַרוואָס זענען די אידען, הגם זיי האָבען אין מצרים געדיענט די עבודה-זרה, ניצול געוואָרען און עס איז פאַר זיי נעשפאָלטען געוואָרען דער ים, פאַרוואָס איז אויך געגען זיי נישט אָנגעווענדעט געוואָרען די חומרא פון אונס כרצון?...

(תפארת צבי)

וכפר בעדו וכו׳ ובעד כל קהל ישראל... (טז. יז.)

„כפרתו קודמת וכו׳ לכפרת כל קהל ישראל” (יומא מ״ו).

פאַרוואָס אייגענטליך איז כפרתו קודמת, ווערענד אומעטום, ביי אַלע ענינים, זעהען מיר דאָך, אַז דער קהל, דער צבור, און וויכטיגער און פריהער פאַר׳ן יחיד?

ווייל מכפר זיין אויף אַנ׳אַנדערען קאָן מען נישט פריהער, כל-זמן מען איז אַליין נישט ריין פון זינד...

(אמרי חן)

„כך היה מתודה, חטאתי ועויתי ופשעתי לפניך וכו׳ וכן בדוד הוא אומר חטאנו עם אבותינו העוינו והרשענו” (יומא ל״ו)

און די גמרא פיהרט דאָרט אויס, אַז חטא מיינט מען — בשוגג, און עוון ורשע — במזיד.

פרעגט זיך: פאַרוואָס ביי חטא, ביי שוגג, ווערט געזאָגט אין פסוק:

„חטאנו עם אבותינו", דאגעגען ביי עוון ורשע, ביי מזיד, ווערט נישט דערמאָהנט דאָס וואָרט „אבותינו", נאָר סתם: „העוינו והרשענו"?

ווייל ביי אַן־עבירה במזיד, בכונה, קאָן מען נישט וואַרפען די שולד אויף די עלטערען, אַזאַ עבירה טהוט דער מענש אַליין, מיט'ן אייגענעם רצון. דאַגעגען ביי אַן־עבירה, וואָס אַ מענש טהוט בשוגג, ווייל ער האָט נישט געוואוסט, אַז מען טאָר נישט, זענען אין אַ געוויסע מאָס אויך די עלטערען שולדיג. אָדער עס איז דערפאַר, ווייל זיי האָבען מיט איהם נישט געלערנט און איהם נישט מדריך געווען בדרך התורה, אָדער — זיי פלעגען אַליין טהון די דאָזיגע עבירות און ער האָט זיך פערקוקט אויף זיי און געמיינט, אַז מען מעג...

(מהרש"א)

בחודש השביעי בעשור לחודש תענו את נפשותיכם...

(טז. כט.)

בשעת רבי אַברהם'לע סאָכאַטשאָווער איז געווען אַ פינף־יעהריג יונגעל האָט איהם איינמאָל דער פאָטער, יום כפור נאָך שחרית, געהייסען אַהיימגעהן עפּעס עסען.

צוריקקומענדיג פרעגט איהם דער פאָטער, צי ער האָט קידוש געמאַכט פאַר'ן עסען.

— ניין — מאַכט ער — כ'האָב טאַקי געטראַכט וועגען דעם און עס איז מיר איינגעפאַלען, אַז מען דאַרף נישט, ווייל לעולם איז דאָך אַ קטן פּטור מן המצוות, נאָר וואָס דען? מען דאַרף איהם מחנך זיין, ער זאָל זיך צוגעוואוינען זיי מקיים צו זיין בשעת ער וועט עלטער ווערען. ביי אַזאַ אויסטערלישע מצוה אָבער, צו מאַכען אום יום־כפור קידוש פאַר'ן עסען, איז נישט שייך קיין חינוך, וואָרום אַז כ'וועל אי"ה עלטער ווערען, וועל איך דאָך פאַסטען...

(אביר הרועים)

מכל חטאתיכם לפני ד' תטהרו... (טז. ל.)

„עבירות שבין אדם למקום יום־הכפורים מכפר, עבירות שבין אדם לחבירו אין יוה"כ מכפר עד שירצה את חבירו" (יומא פ"ה).

דערויף ווערט געטייטשט (און אויך געפסקנ'ט להלכה) אין שו"ת "חות יאיר", אַז „עבירות שבין אדם לחבירו אין יום־הכפורים מכפר עד

שירצה את חבירו", איז דער פשט, אַז דאַמאָלס איז יום־כפור אפילו אויף די עבירות שבין אדם למקום אויך נישט מכפר...

כמעשה ארץ מצרים אשר ישבתם בה... (יח. ג.)

„מגיד שמעשיהם של מצריים ושל כנעניים מקולקלים מכל האומות ואותו מקום שישבו בו ישראל מקולקל מן הכל" (רש"י)

אַ געוויסער רוסישער פּראָפעסאָר האָט אַמאָל אַנגעוויזען דעם בע־קאַנטען געלעהרטען אברהם אלי' הרכבי אויף אַ ציטאַטע, וואָס דער משומד בראַפמאַן ימ"ש ברענגט אין זיין בוך „אידישען קהל". ער ב־רענגט דאָרט דעם פּסוק „כמעשה ארץ מצרים אשר ישבתם בה וכו'" און דעם סוף פון רשי'ס ווערטער: „ואותו מקום שישבו בו ישראל מקולקל מן הכל", פון וואָס עס בעקומט זיך דער זין, אַז די אידען מאַכען קאַליע די גויים, אַז דאָרט וואו אידען וואוינען זענען די גויים פיעל ערגער, ווי די גוים פון אַנדערע מקומות...

— נו, וואָס וועט איהר זאָגען דערויף? — פרעגט איהם דער פּראָ־פעסאָר, אַליין אויך אַ שונא־ישראל, מיט אַ טריאומפירענדען שמייכעל.

— וואָס זאָל איך זאָגען — ענטפערט איהם הרכבי — ליידער איז עס אמת. אָט נעהמט, למשל, די רוסען... ווען עס וואָלטען נישט געווען קיין אידען, וואָלטען זיי נישט געהאַט אויף ווען צו מאַכען פּאָגראָמען, זיי וואָלטען נישט פערוואַנדעלט געוואָרען אין אַזעלכע ווילדע חיות און וואָל־טען נישט בעגאַנגען אַזעלכע גרויזאַמע רציחות, קומט דאָך טאַקי אויס, אַז מיר מאַכען זיי קאַליע, מיר ברענגען זיי צו שפיכת־דמים און צוליעב אונז ווערען זיי אַזעלכע אונמענשליכע פּראים, צוליעב אונז...

את משפטי תעשו ואת חקותי תשמרו... (יח. ד.)

„את משפטי תעשו — דברים שאלמלא נכתבו דין הוא שיכתבו ואלו הן: עכו"ם וגלוי עריות ושפיכות דמים וגזל וכו', את חקותי תשמרו — דברים שהשטן משיב עליהן ואלו הן: אכילת חזיר ולבישת שעטנז וכו' ושמא תאמר מעשה תוהו הם? תלמוד לומר אני ד', אני ד' חקקתיו ואין לך רשות להרהר בהן" (יומא ס"ז).

אין פלוג איז די שאלה: „ושמא תאמר מעשה תוהו הם" אונפערשטענדליך. א גלויביגער פרומער איד וועט דאך חלילה נישט וואגען אויסצודריקען זיך, אז די געטליכע ווערטער פון דער תורה זענען זינלאז, מעשה־תוהו, אלא ווידער, אויב דאס וועט זאגען אן׳אפיקורס, א כופר, וואס פאר אן׳ענטפער איז פאר אזא איינעם: „אני ד׳ חקקתיו ואין לך רשות להרהר בהן"? אויב ער גלויבט נישט, גלויבט ער דאך אין דעם אויך נישט?...

נאר, ווי עס שיינט, האט דא דער אויסדרוק „מעשה תוהו הם" א גאנץ אנדערע בעדייטונג, עהנליך צו דעם, וואס דער רמב"ן זאגט אויפ׳ן פסוק „והארץ היתה תוהו ובוהו" און געמליך: „הוא החומר הראשון נקרא ליוונים היולי, ואחר ההיולי לא ברא דבר, אבל יצר ועשה ממנו, כי ממנו המציא הכל והלביש הצורות ותקן אותם"... און דאס איז אויך דער זין פון דערמאהנטען מאמר: „ושמא תאמר מעשה תוהו הם", אז די מצוות פון דער תורה האבען דעם כאראקטער פון אונבעארבייטען רויה־שטאף, וועלכע לאזען זיך ענדערען און אננעהמען פערשידענע פארמען און צורות, ענטשפרעכענד צו די בעדינגונגען און צום גייסט פון יעדער צייט — „תלמוד לומר אני ד׳, אני ד׳ חקקתיו ואין לך רשות להרהר בהן", און אזוי ווי איך ענדער זיך נישט, אזוי לאזען זיך אויך די געבאטען פון דער תורה, אלס פעסטגעשטעלטע אייביגע געזעצען, נישט ענדערן!...

(ר, גוטקאווסקי)

ושמרתם את חקותי וכו׳ אשר יעשה אותם האדם וחי בהם... (ויק. ה.)

וחי בהם — נור מיט די חוקים ומשפטים פון דער תורה קענט איהר בלייבען לעבען און עקזיסטירען, נור זיי וועלען אויפהאלטען און פערזיכערען אייער קיום און אייך אבהיטען אין אלע צייטען און אונטער די שווערסטע בעדינגונגען פון אונטערגאנג אלס פאלק!

(מטת אהרן)

קדושים

קדושים תהיו... (יט. א.)

און בכדי צו דערגרייכען צו דער מדרגה פון „קדושים" ווערט נישט געפאָדערט פון אייך קיין אונגעוועהנליכע און אונמעגליכע זאכען. וואָס איך פערלאַנג פון אייך איז בלויז: איש אמו ואביו תיראו ואת שבתותי תשמורו... לא תגנובו ולא תכחשו ולא תשקרו... לא תעשוק את רעך ולא תגזול ולא תלין פעולת שכיר... לא תקלל חרש... לא תעשו עול במשפט... לא תשנא את אחיך... לא תקום ולא תטור... אָט דאָס איז עס איינגאַנצען, וואָס ס'איז נויטיג אום צו פערדיענען דעם נאָמען „קדוש"...

(חמש ידות)

קדושים תהיו וכו' איש אמו ואביו תיראו ואת שבתותי תשמורו... (יט. ב. ג.)

די שטאַרקסטע תאוה פון אַלע מענשליכע תאוות איז די תאוה צו געלד און נאָר דער, וועלכער בעוויזט צו ברעכען די דאָזיגע תאוה, פערדינט אַנגערופען צו ווערען מיט'ן נאָמען „קדוש", ווי מיר געפינען אין די חז"ל: „ואמאי קרי ליה לרבי מנחם בן סימאי בנן של קדושים? משום דלא אסתכל בצורתא דזוזא" (פסחים ק"ד).

און דאָס זאָגט אונז דער פסוק: „קדושים תהיו", און דער הויפּט־בעוויז, צי איהר האָט ווירקליך דערגרייכט צו דער מדרגה פון קדושים, וועט זיין, אויב — „איש אמו ואביו תיראו ואת שבתותי תשמורו", דען די דאָזיגע ביידע מצוות, אויסהאַלטען די עלטערן און אָבהיטען שבת, זענען אָפט פערבינדען מיט גרויסע קאָסטען און געלד-פערלוסט...

(אור יעקב)

„שלשה שותפים באדם: הקב"ה אביו ואמו" (נדה ל"א) און עס איז דעריבער װעניג, װאָס מען װעט בעפרידיגען די צװיי שותפים און מקיים זיין דעם „איש אמו ואביו תיראו", עס איז דערצו נויטיג אויך דער „ואת שבתותי תשמורו" — מען דאַרף אויך דעם דריטען שותף צופרידענשטעלען...
(שובה ישראל)

לא תגנובו... (יט. יא.)

פאַרװאָס שטעהט דאָ „לא תגנובו" בלשון רבים, װערענד ביי די עשרת-הדברות װערט געזאָגט בלשון יחיד: „לא תגנוב"?
װייל דאָ, װי עס איז צו זעהען פון די װייטערע פסוקים, רעדט זיך װעגען מסחר, װעגען סוחרישע גנבה, און אזא גנבה איז עפ"י רוב א דאָפּעלטע: דער מוכר בעגנבעט און בעשװינדעלט דעם קונה און דער קונה — דעם מוכר...
(אור עולם)

עס איז מיר שטענדיג געװען קשה — פלעגט זאָגען דער קעלעמער מגיד — פאַרװאָס אין פ' קדושים האָט די תורה געשטעלט דעם איסור גנבה בלשון רבים, ביז איך האָב געזעהען א מעשה און דאָס האָט מיך געבּרענגט אויפ'ן ריכטיגען פשט: ביי אַ אידענע, מיינע אַ שכנה, האָט מען צוגעגנבעט אַ הוהן. די אידענע האָט װעגען דעם קיינעם נישט דערצעהלט, נאָר זי איז אַװעק אין שכנות'דיגען הויף און גענומען זיך די ערשטע בעסטע הוהן, װאָס עס איז איהר געקומען אונטער דער האַנד. יענע װיי־דער, בעמערקענדיג די גנבה, האָט אויך געטהון דאָס זעלבע: זי איז אַװעק אין אַ דריטען הויף און צוגענומען אַ הוהן, און אַזוי איז עס געגאַנגען כסדר, ביז עס איז פון עק שטאָדט אַנגעלאָפען אַ פויערטע מיט אַ געװאַלד, אַז מען האָט ביי איהר געגנבעט אַ הוהן... און דאַן האָב איך פערשטאַנען, אַז אין דער גרויסער װעלט איז אויך דאָס זעלבע: װען ראובן בעגנבעט שמעונ'ען, נעהמט שמעון און זוכט אָב זיין שאָדען ביי לוי'ן, לוי טהוט דאָס זעלבע ביי יהודה'ן און אַזוי אַרום מאַכט אָפּט איין-איינציגע גנבה צעהנדליגער מענשען פאַר גנבים...

לא תלין פעולת שכיר.. (יט. יג)

דאָס ווייב פון רבי זישא האַניפּאָלער איז אַמאָל צוגעשטאַנען צום מאַן און געביטערט פאַר איהם, אַז זי האָט נישט וואָס אָנצוטהון, זי האָט זיך שוין זינט יאָהרען קיין מלבוש נישט געמאַכט און עס איז שוין די העכסטע צייט, ער זאָל איהר מאַכען אַ נײַ קלייד. ניט אַזוי לייכט איז אָנגעקומען רבי זישען, וועלכער איז אַ גרויסער אָרימאַן געווען, צו בעפרידיגען די רביצינ׳ס גערעכטע פאָדערונג. עס האָט אַ לאַנגע צייט געדויערט, ביז ער האָט זיך נאָך גרויס מיה פערשאַפט אַ ביסעל געלד און געגעבען דער רבי׳צין, זי זאָל קויפען סחורה און עס אָוועקגעבען צום שניידער.

ערב שבת זעהט רבי זישע, ווי די רביצין געהט אַרום עפּעס זעהר טרויעריג.

— וואָס איז שוין ווידער? — פרעגט ער — אַ נײַ קלייד ב״ה האָסטו שוין, טאָ וואָס ביזטו שוין ווייטער פערדאגה׳ט?

דערצעהלט איהם די רביצין, אַז בשעת דער שניידער האָט איהר אין דער פריה אָבגעבראַכט דאָס פערטיג־געמאַרענע קלייד, האָט ער שטאַרק געקרעכצט און אויף איהר פראַגע, פאַרוואָס ער קרעכצט, האָט ער איהר דערצעהלט, אַז ער האָט דאָ נישט לאַנג אַ שידוך געטהון מיט אַ טאָכטער, און בשעת דער חתן האָט הײַנטיגע וואָך געזעהען, ווי ער זיצט און נייהט אַ קלייד, האָט ער געמיינט, אַז דאָס נייהט מען דאָס קלייד פאַר זײַן כלה, ולסוף, ווען ער האָט זיך דערוואוסט, אַז דאָס קלייד איז פאַר אַ פרעמדע, איז ער אין כעס געוואָרען און ער האָט מורא, אַז דער שידוך זאָל חלילה נישט אָבגעהן... און ווי איך האָב דאָס דערהערט — האָט די רביצין פערענדיגט — האָב איך גענומען דאָס קלייד און עס צוריקגעגעבען דעם שניידער אַלס מתנה פאַר זײַן טאָכטער... און איצט בין איך ווידער אָהן אַ קלייד געבליבען.

— נו, און מלאכה־געלד האָסטו איהם בעצאָהלט?

— מלאכה־געלד? — וואונדערט זיך די רביצין — כ׳האָב דאָך איהם דאָס גאַנצע קלייד אָוועקגעגעבען!

— דאָס איז נישט קיין תירוץ — בייזערט זיך רבי זישע — דער אָרימער שניידער האָט דאָך אַ גאַנצע וואָך געאַרבייט נישט פאַר זײַן טאָכטער, נאָר פאַר דיר, וואַרטענדיג מיט אונגעדולד אויף די עטליכע גילדען, פאַר וועלכע ער זאָל קאָנען קויפען ברויט פאַר די קינדער... און וואָס וועט ער איצט טהון, דער אָרימער שניידער, פרייטאָג פאַרנאַכט? וואָס איז ער שולדיג, וואָס דו האָסט דאָס קלייד אָוועקגעגעבען פאַר זײַן טאָכטער אַ

מתנה? שוין זאלסטו איבערגעהן צו איהם און איהם בעצאהלען דאס מלאכה־געלד!

(ש. ש. זעווין מסיפורי החסידים)

לא תעמוד על דם רעך.. (יט. יז.)

אין ספר „כנסת הגדולה״ אויף חושן משפט (סימן תכ״ה) ווערט געבראכט אין נאמען פון רדב״ז, אז אויך אין דעם פאל, ווען מען איז אימשטאנד אבצוראטעווען עמיצען פון א געלד־שאדען און מען טהוט דאס נישט, אויך דאן איז מען עובר אויף „לא תעמוד על דם רעך״...

אין סלאנים איז געווען א שוחט, וועלכער איז געווען מפורסם פאר א גרויסען שוטה, פלעגט רבי אייזיל זאגען אויף איהם, אז דער דאזיגער איד איז נעביך יעדען טאג, בשעת ער שעכט א בהמה, עובר אויפ׳ן „לא תעמוד על דם רעך״...

לא תשנא את אחיך בלבבך... (יט. יז.)

לא תשנא את אחיך בלבבך — זאלסט זיך נישט ארומטראגען אין הארצען מיט א בעהאלטענע שנאה אויף דיין ברודער — הוכח תוכיח את עמיתך — שמועס זיך מיט איהם דורך, בעתייז איהם דיינע טענות און פארוואורפען — ולא תשא עליו חטא — און דאן וועט פאר דיר קלאר ווערען, אז דער חטא, אין וועלכען דו האסט איהם בעשולדיגט, איז גאר קיין חטא נישט, אז דו האסט איהם אומזיסט חושד געווען...

(תולדות יצחק)

„לא תשנא את אחיך בלבבך״...

אויפ׳ן פסוק „ואהבת את ד׳ אלקיך בכל לבבך״, ווייל עס שטעהט נישט „בכל לבך״, נאר „בכל לבבך״, ווערט דערפון געדרש׳נט, אז דאס

גייט מען: „בשני יצרך", און אויך דאָ איז די כוונה, אַז דו זאָלסט נישט פיינד האָבען דיין חבר מיטביידע יצרים, נישט מיט'ן יצר־הרע, צוליעב רשעות און שלעכטסקייט, און אויך נישט מיט'ן יצר־טוב, מכלומרשט לשם שמים, ווייל דיין חבר איז נישט גענוג פרום, איז דעריבער אַ מצוה איהם פיינד צו האָבען...

(רבי לוי יצחק בערדיטשעווער)

אין גאָסטינין איז געווען אַ נגיד, וועלכער האָט זיך אויסגעצייכענט מיט זיין גוטהאַרציגקייט און צדקה און ער האָט שטאַרק געהאַסט די איבריגע נגידים פון שטאָדט, וועלכע האָבען נישט געגעבען אזויפיעל, ווי ער.

האָט אַמאָל דער גאָסטינינער רבי, רבי יחיאל מאיר, געזאָגט צו איהם:

לא תשנא את אחיך — דו זאָלסט נישט פיינד האָבען דיין ברודער — בלבבך — דערפאַר ווייל דו האָסט אַ בעסער האַרץ פון איהם...

ואהבת לרעך כמוך אני ד'... (יח. יט.)

אויב צווי מענשען האָבען זיך ליעב איז דאָן — „אני ד'", דען צווי מאָל „אהבה" איז די גימטריא פון שם הוי'.

(רבי חיים וויטאל)

בעת מען האָט עמיצען באמת, אויפריכטיג ליעב, האָט מען אויך ליעב זיין בני־בית, מען האט אויך ליעב זיינע קינדער.

„ואהבת לרעך כמוך — אני ד'", און עס איז אונמעגליך ליעב צו האבען דעם אויבערשטען און זיינע קינדער נישט ליעב צו האבען...

(פרדס יוסף)

„ואהבת לרעך כמוך"... פונקט אַזוי ווי דו האסט דיך ליעב, כאָטש דו ווייסט און דו קענסט זיך, אַז דו ביזט נישט ריין פון פערשידענע

חסרונות און פעהלערן, אזוי זאלסטו אויך דעם צווייטען ליעב האבען, נישט קוקענדיג אויף אלע זיינע חסרונות...

(בעש״ט)

א מלך האט אמאל אייגעם פערמשפט צום טויט. בשעת מען האט דעם פערמשפט׳ן געפיהרט צו דער תליה, איז סונדערווייטענס אנגעלאפען אנ׳אונבעקאנטער מענש, וועלכער האט געשריגען מיט קולות, אז מען זאל דעם משפט נישט אויספיהרען, ווייל נישט יענער, נור ער איז באמת דער שולדיגער און איהם דארף מען טויטען. מען האט יענעם אראבגענומען פון דער תליה און מען האט געפרעגט דעם מלך, וואס מען זאל טהון. האט דער מלך געהייסען, מען זאל נאכאמאל איבערקוקען דעם משפט און אנהויבען א פרישע חקירה און דאן האט זיך ארויסגעוויזען, אז ביידע זענען אומשולדיג. דער מלך האט איהם דאן גלאזט רופען צו זיך און איהם געפרעגט, פארוואס ער האט זיך אומזיסט בעשולדיגט. דערויף האט ער געענטפערט, אז דער פערמשפטער איז זיינער א נאהנטער חבר און זיין ליבע צו איהם איז אזוי גרויס, אז ער ווינשט זיך בעסער, מען זאל איהם טויטען איידער יענעם, ווארום אהן דעם דאזיגען חבר וואלט ער סיי-ווי נישט געקאנט לעבען. ווי דער מלך האט דאס געהערט, האט ער זיך געווענדעט צו די צוויי חברים און געזאגט: איך וואלט וועלען, איהר זאלט מיך צונעהמען צו אייך אלס דריטער חבר, דען וואויל איז דעם מענש, וועלכער ד״האט אזעלכע טרייע און איבערגעגעבענע חברים...

די דאזיגע מעשה האט דערצעהלט רבי ישראל ריזשינער (ביי ר׳ אריה די מודינא ווערט די זעלבע געשיכטע, לויט א עטוואס אנדערען נוסח, דערצעהלט אלס מעשה שהיה) און ער האט דערביי אויסגעפיהרט, אז דאס איז די כונה פון פסוק, און דאס זאגט אויך השי״ת צו די אידען: „ואהבת לרעך כמוך״, בעת איך זעה, אז איהר האט ליעב אייגער דעם צווייטען, דאן — „אני ד׳״, איז מיין פערלאנג אנצושליסען זיך אין אייער חברותא און צוצושטעהן צו אייך אלס דריטער חבר...

„ואהבת לרעך כמוך, אמר רבי עקיבא זה כלל גדול בתורה״ (ירושלמי נדרים פ״ט).

דער דאזיגער כלל איז זעהר נויטיג „בתורה״, פאר די רבנים און

לומדי־תורה, מחמת צווישען זיי קומען ליידער פאר אפטע מחלוקת׳ן און זיי פעהלט אממעהרסטען דער „ואהבת לרעך״...

(רשפי אש)

מען האט אמאל געפרעגט רבי יהושע׳לע קוטנער, פארוואס אז עס זענען פאראן צוויי רבנים אין א שטאדט הערשט צווישען זיי עפ״י רוב מחלוקת, ווערענד די חז״ל זאגען דאך: „תלמידי חכמים מרבים שלום בעולם״ ?

— דאס איז דערפאר — האט ער געענטפערט — ווייל ס׳איז פאר־האן א כלל אין דער גמרא, אז „אין רבוי אלא למעט״ (פסחים כ״ג), און ווען עס זענען פארהאן אין איין שטאדט צוויי תלמידי חכמים, וואס זענען „מרבין שלום״, ווערט ממילא דער שלום נתמעט...

ולא תערכנו...

דערויף ווערט געזאגט אין תרגום יונתן: „ולא אחורי סנהדרין עיינין״.

און די מפרשים מאטערען זיך צו פערשטעהן די בעדייטונג פון די דאזיגע ווערטער. וואס איז דער זין דערפון ?

נאר, ווי עס ווייזט אויס, בעציהט זיך דאס אויפ׳ן מאמר אין סנהדרין (ס״ה): „מעונן זה האוחז את העינים״. אין תרגום איז געשטאנען: „ולא אחורי עיינין״ און עס ווערט געמיינט דערמיט „אחיזת עינים״. דערביי האט איינער פון די מגיהים אנגעצייכענט אין דער זייט דאס ווארט „סנהדרין״, דאס הייסט, אז דער דאזיגער מאמר געפינט זיך אין מס׳ סנהדרין, דער מדפיס אבער האט עפ״י טעות אריינגענומען דאס דאזיגע ווארט אין טעקסט און עס איז דערפון געווארען: „ולא אחורי סנהדרין עיינין״...

(אמרי בינה)

אני ד׳ אלקיכם אשר הוצאתי אתכם מארץ מצרים...

(יט. לו.)

„אשר הוצאתי אתכם — על מנת כן״ (רש״י)

צוקומענדיג צום דאזיגען פסוק האט רבי זושא אניפאלער זיך אויס־געטענה׳ט מיט׳ן רבונו של עולם און געזאגט:

אמת טאקי, אז דו האסט אונז ארויסגענומען פון מצרים מיט א תנאי, אז מיר זאלען מקיים זיין דיינע מצוות און מיר זענען דעם תנאי ליידער נישט מקיים. דער דין איז אבער, אז צווישען די זיבען זאכען, וואס א תנאי דארף ענטהאלטען, דארף אויך זיין, אז מען זאל עס קענען מקיים זיין דורך א שליח און „דאפשר לקיומיה על ידי שליח הוי תנאה, תנאה דלא אפשר לקיומיה על ידי שליח לא הוי תנאה״ (כתובות ע״ד), און ביי יציאת מצרים ווערט דאך געזאגט: „אני ולא מלאך, אני ולא שליח״. און קוים האט עס נישט געקענט זיין דורך א שליח, איז דער תנאי קיין תנאי נישט...

דער „זכר ליציאת מצרים״ ווערט דערמאהנט אין דער תורה נישט נאר ביי די ימים־טובים, נאר אויך ביי אנדערע מצוות: „לא תעשו עול במשפט במדה במשקל ובמשורה וכו׳ — אני ד׳ א׳ אשר הוצאתי אתכם מארץ מצרים״. „ובשר בשדה טריפה לא תאכלו — אני ד׳ א׳ המוציא אתכם מארץ מצרים״, און אין פיעל אנדערע שטעלען.

דען „מצרים״ איז דער סימבאל פון קנעכטשאפט און עס ווערט דע־ריבער ביי יעדע געלעגענהייט אנגעזאגט, צו בעפרייען זיך פון יעדע מין עבדות. נישט־נור ביי יענעם זאל מען נישט זיין פערשקלאפט, נאר אויך ביי זיך זעלבסט: נישט זיין פערשקלאפט צום געלד, צוליעב וועלכען מען איז גרייט צו נארען, צו שווינדלען, אבצוטהון כל מיני געמיינהייטען, נישט זיין פערשקלאפט צו דער תאות־האכילה א. אז. וו...

(ילקוט פנינים)

והתקדשתם והייתם קדושים... (כ. ז.)

דערויף ווערט געזאגט אין מדרש: „מכאן שמקבלים גרים״.

וואס פאר א שייכות האט עס צום דאזיגען פסוק?

ענטפערט דערויף רבי אברהם, דער רב־הכולל פון סאלאניקי (וועל־

כער איז אַליין געווען אַ גר און האָט געלעבט לערך מיט הונדערט יאָהר צוריק) אין זיין ספר „רץ אברהם״:

ביי יעדען אַנדערען פאָלק זעגען פאַראַן מיסיאָנערען, וועלכע ווער־בירען נפשות און אַגיטירען פאַר זייער אמונה. אידען אָבער נויטיגען זיך נישט אין קיין מיסיאָנערען, די אידישע מיסיע בעשטעהט פון „והייתם קדושים״, איהר זאָלט זיין הייליג, פיהרען אַ ריין זויבער לעבען, און נישט מיט ווערטער, נאָר מיט דער הייליגקייט פון אייער אויפפיהרונג זאָלט איהר איבערצייגען די מענשען אינ׳ם אמת פון דער אידישער אמונה.

און דאָס איז די כונה: „והייתם קדושים — מכאן שמקבלים גרים״, דער אופן און דרך מקבל צו זיין ביי אידען גרים זאָל זיין דורכן „והייתם קדושים״...

ואיש אשר ינאף את אשת איש אשר ינאף את אשת רעהו... (כ. י.)

פאַרוואָס ווערט עס צוויי מאָל איבערגעחזר׳ט: „אשר ינאף את אשת איש״ און דאַן נאָכאַמאָל: „אשר ינאף את אשת רעהו״?

נאָר דער פשט איז: „ואיש אשר ינאף״, אויב אַ מענש וועט זינדי־גען, „את אשת איש״, מיט דער פרוי פון אַ מאַן, „אשר ינאף את אשת רעהו״, וואָס אויך ער, דער דאָזיגער מאַן, איז בעגאַנגען די זעלבע זינד מיט אַ פרוי פון זיין חבר... אין אַזאַ פאַל וואָלט דאָך אַלזאָ געקענט זיין אַ הוה־אַמינא, אַז קוים איז דער מאַן פון דער דאָזיגער פרוי בעגאַנגען די זעלבע זינד, פאַר וועלכע ער איז חייב מיתה, האָט ער דעם דין פון אַ גברא קטילא וממילא איז שוין די פרוי נישט קיין אשת־איש און מען דאַרף איהר, ווי אויך דעם מענש, וואָס האָט מיט איהר געזינדיגט, דן זיין, גלייך ווי זי וואָלט געווען אַ פנויה... און דערויף קומט די אזהרה: „מות יומת הנואף והנואפת״!...

(מקרי דרדקי)

אֱמוֹר

ואשה גרושה מאישה לא יקחו... (כא. ז.)

עס איז געווען אמאל א מעשה מיט א געוויסען גאליציאנער רבי׳ן, צו וועלכען עס איז געקומען א פרוי מיט א „קוויטעל״, ער זאל פאר איהר מתפלל זיין. דעם רבי׳ן, וועלכער איז דאן געווען אנ׳אלמן, איז די פרוי געפע־לען געווארען און ער האט דאן געשיקט צו איהר דעם משמש און גע׳פועל׳ט, זי זאל זיך גט׳ן מיט׳ן מאן און דער רבי האט מיט איהר חתונה געהאט.

מיט דער דאזיגער געשיכטע האט דאמאלס געקאכט גאנץ גאליציען און רבי יצחק שמעלקיש, דער לעמבערגער רב, האט דאן געזאגט, אז איצט ווערט איהם פערשטענדליך, פארוואס מען האט ארויסגעגעבען אנ׳איסור אויף די כהנים, אז „ואשה גרושה מאישה לא יקחו״. דאס איז מסתמא דערפאר, ווייל צום כהן פלעגען קומען א סך פרויען מיט זייערע קרבנות, פונקט ווי זיי קומען היינט צום רבי׳ן מיט פדיונות און קוויטלעך, און בכדי עס זאל נישט פאסירען מיט׳ן כהן אזא עהנליכע געשיכטע, ווי עס האט פאסירט מיט׳ן גאליציאנער רבי׳ן, אז איינע פון די פרויען זאל איהם געפעלען ווערען און ער זאל זי אביידען פון מאן, האט דעריבער די תורה געווארענט און שטרענג אנגעזאגט: „ואשה גרושה מאישה לא יקחו״!...

והכהן הגדול מאחיו... (כא. י.)

„בנורבכת בעושר ובחכמה ובשנים״ (תנחומא)

דעריבער — האט דערויף געזאגט באראן בנימין זאב ראטשילד — איז געווען נויטיג, אז ער זאל אויך זיין רייכער פון אלע אנדערע כהנים, ווייל דער כהן גדול, אלס העכסטע אויטאריטעטע פערזאן, האט געדארפט זיין פאלקאם זעלבסשטענדיג און אונאבהענגיג פון קיינעם, און ער וואלט

דאס נישט געקענט זיין, אויב עס וואלט זיך געפינען צווישען די כהנים אַ גרעסערער עושר פון איהם, ווייל אַן־עושר איז מען געוועהנט צו חנפ׳נען, פאַר אַן־עושר האבען אַלע דרך־ארץ...

ועל כל נפשות מת לא יבא... (כא. יא.)

דער כהן־גדול דאַרף זיין אויסגעטהון פון זיין אייגענער משפחה, ער דאַרף זיך אויפהויבען העכער פון די דאזיגע בעגרענעצטע ד׳ אמות און אין זינען האבען דעם כלל און טראַכטען נאר וועגען כלל. און דעריבער: „ועל כל נפשות מת לא יבא, לאביו ולאמו לא יטמא״, ער טאר זיך נישט פיהלען נעהנטער צו זיינע פאַמיליען־קרובים, ווי צו יעדען אַנדערען איד...

(רבי מענדעלי קאָצקער)

ושמרו את משמרתי ולא ישאו עליו חטא... (כב. ט.)

דער בעוואוסטער משכיל, יוסף ראָזענטאַל, האָט זיך אַמאָל געטראָפען מיט רבי יאָשע בער בריסקער און ער האט איהם געפרעגט:

— ווי אַזוי ערלויבט איהר זיך, רבנים, ארויסצוגעבען יעדעס מאָל אַלץ פרישע חומרות און סיגים, צו וועלכע עס נעהמט גאר קיין סוף נישט. דאס איז דאך געגען די ת׳ורה, וואו עס שטעהט בפירוש: „לא תוסיפו״?

האט איהם רבי יאשע בער געענטפערט:

נאך די ווערטער „ושמרו את משמרתי״, פון וועלכע עס ווערט גע־דרש׳נ׳ט: „עשו משמרת למשמרתי״, ווערט גלייך צוגעגעבען אין פסוק: „ולא ישאו עליו חטא״, אַז דאס איז קיין חטא נישט, אַז ביים מאַכען אַ „משמרת למשמרת״ איז מען נישט עובר אויף „לא תוסיפו״.

דאס איז פונקט — האָט רבי יאָשע בער דערביי צוגעגעבען — ווי אַ מעדיצין, וואס מען דערלאַנגט אַ קראַנקען און מען גיט איהם דערויף טהיי נאכצוטרינקען. פון דער מעדיצין טאר מען נישט נעהמען איין טראָ־פען מעהר, ווי דער דאָקטאר האט פערשריבען; טהיי אבער מעג ער נאכ־טרינקען, וויפיעל ער וויל. די חומרות און סיגים אונזערע — דאס איז די טהיי צו דער מעדיצין...

שור או כשב או עז כי יולד והיה שבעת ימים תחת אמו... (כב. כז.)

און דאס איז דער פשט אין דער גמרא: „כי עליך הורגנו כל היום, נחשבנו כצאן טבחה וכו׳ ר׳ יהושע בן לוי אמר, זו מילה שניתנה בשמיני" (גיטין כ"ז).

די כונה איז, אז די מצות מילה האט דעם זעלבען דין, וואס „צאן טבחה", ביי וועלכען עס ווערט געזאגט: „שבעת ימים יהי׳ תחת אמו ומיום השמיני והלאה ירצה לקרבן"...

(דבש וחלב)

אין דער תפלה פון מוסף לשבת זאגען מיר: „תכנת שבת רצית קרבנותיה". וואס איז די כוונה פון „רצית קרבנותיה"? צי דען נאר די קרבנות פון שבת זענען ביים אויבערשטען בעווילינט און אלע אנדערע קרבנות נישט?

נאר אין פסיקתא, אויפ׳ן פסוק „והיה שבעת ימים תחת אמו", ווערט געזאגט:

„משל למלך שנכנס למדינה והוציא כרוז ואמר: כל אדם לא יראה פני עד שיראה פני מטרונה תחלה. כך אמר הקב"ה לישראל: אל תקריבו לפני קרבן עד שיעבור עליו השבת, שאין ז׳ בלא שבת ואין מילה בלא שבת".

און דערפאר איז „והיה שבעת ימים תחת אמו", ווייל מען טאר נישט מקריב זיין קיין קרבן, ביז ער איז נישט פריהער דורכגעגאנגען דעם שבת. און דאס, אלזא, איז דער זין: „תכנת שבת, רצית קרבנותיה", דו האסט פעסטגעשטעלט דעם שבת, אז אלע קרבנות זאלען פריהער מוזען דורך איהר דורכגעהן און נאר דאמאלס זענען זיי פאר דיר לרצון...

(רבי צדקיהו הרופא מן רומא)

אלה מועדי ד׳ מקראי קדש... (כג. ד.)

פאר די חכמים און יודעי־התורה איז די תורה דער „מקרא קדש", די לעהרע פון אלע הייליגקייטען, פאר׳ן המון אבער, פאר וועלכען די תורה איז א ספר החתום, א פערשלאסען בוך, דיענען די שבתים און ימים־

טובים אַלס „מקראי קודש", אין וועלכע זיי לייענען און בעקענען זיך מיט אַלע הייליגקייטען פון יהדות. דער שבת פאַרענט זיי, אַז השי"ת האט בעשאַפען די וועלט, פון פסח דערוויסען זיי זיך דעם ענין פון יציאת-מצרים, און אַזוי ווייטער...

(כנפי נשרים)

וספרתם לכם ממחרת השבת... (כג. טו.)

דער מלבי"ם איז אַמאָל געקומען אין אַ שטאָדט אַריין האָט מען איהם דערצעהלט, אַז עס איז פאַרהאַן ביי זיי אין שטאָדט אַן אַלטער אפיקורס, וועלכער האָט אָבגעדרוקט א חבור געגען די דברי-חז"ל און אין דער הסכמה צום חבור ווינצעלט ער זיך און שרייבט, אַז דערפאַר האָט ער אָבגעוואַרט מיט'ן דרוקען דאָס ווערק ביז איצט, ווען ער איז שוין אויף דער עלטער, ווייל אין די מיטעלע יאָהרען, ווען ער האָט געהאַט טעכטער חתונה צו מאַכען, האָט ער מורא געהאַט אַריינצופאַלען אין לייטענס מיילער, איצט אָבער, ווען ער האָט שוין אַלע קינדער אויסגעגעבען, האָט ער שוין דערפאַר קיין מורא נישט...

שבת האָט דער מלבי"ם געהאַלטען אין שוהל אַ פייערדיגע דרשה און צווישען אַנדערעס האָט ער געזאָגט: מיר געפינען אין דער גמרא, אַז די בייתוסין האָבען געהאַלטען, אַז שבועות דאַרף שטענדיג געפייערט ווערען אום זונטאָג, ווייל דעם פסוק „וספרתם לכם ממחרת השבת" האָבען זיי נישט געטייטשט: צומאָרגענס נאָך יום-טוב, נאָר בוכשטעבליך: צומאָרגענס נאָך שבת. האָט זיי רבי יוחנן בן זכאי געפרעגט: „שוטים מנין לכם? ולא היה אדם אחד שהיה משיבו חוץ מזקן אחד שהיה מפטפט כנגדו" (מנחות ס"ה). איז אייגענטליך, פאַרוואָס האָט בלויז איין זקן זיי גערעדט אַנטקעגען? דער תירוץ איז: באמת זענען זיי אַלע געווען כופרים גמורים, נאָר זיי האָבען מורא געהאַט צו ריידען, ווייל זיי האָבען מסתמא געהאַט טעכטער חתונה צו מאַכען און, פונקט ווי דער אפיקורסישער מחבר פון אייער שטעדטעל, האָט זיך דערויף ערלויבט בלויז אַזעלכער, וועלכער איז שוין געווען אַ זקן...

שבע שבתות תמימות תהיינה... (כג. טו.)

דערויף ווערט געזאָגט אין מדרש: „אימתי הן תמימות"? בשעה שישראל עושים רצונו של מקום".

וואָס ווערט געמיינט דערמיט?

נאָר ביים עומר איז דער דין: „קצירה וספיחה בלילה והבאה ביום" (מנחות ס"ו), נאָר אויב עס האָט זיך געטראָפען אַ סיבה און די קצירה האָט נישט געקאָנט פּאַרקומען ביינאַכט, מעג מען עס בדיעבד דורכפיהרען ביי טאָג, הגם דאַמאָלס זענען שוין די אָבגעצעהלטע ניין און פיערציג טעג נישט קיין תמימות, קיין שלמות.

צווישען די „עשרה נסים שנעשו לאבותינו בבית המקדש", ווערט אויך אויסגערעכענט, אַז „ולא נמצא פסול בעומר", און דערויף ווערט געזאָגט אין מדרש, אַז די דאָזיגע נסים האָבען פּאַסירט נאָר דאַן, ווען די אידען האָבען געטהון רצונו של מקום.

און דאָס אַלזאָ איז די כוונה: „אימתי הן תמימות? — בשעה שישראל עושים רצונו של מקום", וואָרום אין געגענפאַל האָט געקענט טרעפען, אַז די קצירה פון עומר זאָל אויפגעהאַלטען ווערען צוליעב אַ פסול און דאַן זענען שוין די זיעבען וואָכען נישט געווען קיין תמימות...

(רבי ר' העשיל)

אויף אַן'אַנדער אופן:

בזמן המקדש איז שבועות, פונקט ווי יעדער אַנדער יום-טוב, געווען נאָר איין טאָג, אין גלות דאַגעגען פּראַווען מיר צוויי טעג משום ספיקא דיומא, ווייל מיר ווייסען נישט, צו דער ערשטער טאָג שבועות איז באמת דער פופציגסטער טאָג, ווי דער דין איז, אָדער ערשט דער צווייטער טאָג שבועות. ווי אַזוי אַלזאָ עס זאָל נישט זיין זענען מיר אַלץ נישט אין אָרד-נונג: איז דער ערשטער טאָג שבועות דער ניין און פיערציגסטער — קומט דאָך אויס, אַז מיר האָבען נישט געצעהלט קיין ספירה אין דער ריכטיגער צייט און ס'זענען נישט געווען קיין „שבע שבתות תמימות", וואָרום מיר האָבען דאָך אויפגעהערט צו צעהלען ספירה מיט אַ טאָג פריהער, אינ'ם אַכט און פיערציגסטען טאָג. איז ווידער דער ערשטער טאָג שבועות דער פופ-ציגסטער טאָג, דאַן איז דאָך דער צווייטער טאָג שבועות דער איין און פופציגסטער, און ווי אַזוי קענען מיר דעם דאָזיגען טאָג, צוויי טעג שפּע-טער נאָך די שבע שבתות, פייערען אַלס שבועות?

און דאָס, אַלזאָ, בעמערקט דער מדרש: „שבע שבתות תמימות תהיינה, אימתי הן תמימות? — בשעה שישראל עושים רצונו של מקום", איידער זיי זענען צוליעב זייערע זינד פערטריבען געוואָרען פון ארץ-ישראל, וואָרום

שפעטער, אין גלות, וואו עס ווערען געפראוועט צוויי טעג יום-טוב, איז מען מעהר נישט זיכער, צי מען צעהלט טאקי „שבע שבתות תמימות"...

(ארוחת תמיד)

און דערמיט, ווערט דערויף צוגעגעבען, ווערט ממילא אויך פערענטפערט די סתירה אין פסוק, וועלכער הויבט זיך אן מיט די ווערטער: „שבע שבתות תמימות תהיינה", אז צעהלען דארף מען נאר שבע שבתות, זיעבען וואכען, ניין און פיערציג טעג, און ענדיגט זיך מיט „עד ממחרת השבת השביעית תספרו חמשים יום", אז מען זאל צעהלען גאנצע פופציג טעג. ווי איז עס מעגליך?

נאר „שבע שבתות תמימות תהיינה, אימתי? בשעה שישראל עושים רצונו של מקום", בזמן המקדש, דאגעגען ווען אבער אמאל קומען אנ׳אנ-דערע צייט, דער זמן הגלות, ווען עס ווערט זיין „תספרו חמשים יום"...

(עיר דוד)

ועניתם את נפשותיכם וכו׳... (כג. כז.)

פאסטען אליין איז ווייניג. דער הויפט-צוועק און הויפט-זין פון יעדען תענית איז תשובה און צדקה, „הלא פרוס לרעב לחמך ועניים מרודים תביא בית" און „אגרא דתעניתא — צדקתא", ווארום אנדערש וואלט דאך אויס-געקומען, אז ער פערדיענט גאר מיט דעם פאסטען, אייגבּרענגענדיג זיך א טאג עסען...

די תורה ווארענט אונז אלזא: „ועניתם את נפשותיכם — וכל מלאכה לא תעשו בעצם היום הזה", זאלסט נישט מאכען קיין מלאכה, קיין ריוח, פונ׳ם נישט עסען אינ׳ם דאזיגען טאג...

(ארץ צבי)

וכל מלאכה לא תעשו וכו׳ כי כל הנפש אשר לא תעונה בעצם היום הזה ונכרתה מעמיה... (כג. כח. כט.)

וואס פאר א צוזאמענהאנג האט די מלאכה צום תענית. אז דערפאר איז „וכל מלאכה לא תעשו", ווייל „כי כל הנפש אשר לא תעונה וכו׳"?

נאָר יום-כפור איז אַ'אויסנאַהם פון אַלע ימים-טובים, אין וועלכע עס איז מותר צו טהון אַ מלאכה, וואָס איז נויטיג לצורך אוכל נפש, אום יום-כפור איז אויך די דאָזיגע מלאכה פערבאָטען: „וכל מלאכה לא תעשו בעצם היום הזה", קיין שום מלאכה אפילו לצורך אוכל נפש. פאַרוואָס? און דע-רויף ערקלערט דער פסוק: ווייל „כי כל הנפש אשר לא תעונה בעצם היום הזה ונכרתה מעמיה", יום־כפור טאָר מען נישט עסען, און אויב מען טאָר נישט עסען, איז דערפאַר אויך פערבאָטען יעדע מלאכה, וועלכע איז נויטיג צום עסען, לצורך אוכל נפש...

(דובנער מג"ד)

כל מלאכה לא תעשו חקת עולם לדורותיכם... (כג לא.)

פאַרוואָס ווערט נישט דער „חקת עולם" געזאָגט אויפ'ן „ועניתם את נפשותיכם", נאָר בלויז אויפ'ן „כל מלאכה לא תעשו"?

נאָר אויפ'ן פסוק „וייעש שלמה בעת ההיא את החג" (מלכים א'. ח.) זאָגען די חז"ל: „אותה שנה לא עשו ישראל את יום הכפורים" (מועד קטן ט'), אַז בימי שלמה האָט מען אין די טעג פון חנוכת בית המקדש מבטל געמאַכט דעם תענית פון יום-כפור, און פון דער גמרא דאַרט איז צו זעהן, אַז בלויז דעם תענית האָט מען מבטל געמאַכט, דאַגעגען קיין מלאכה האָט מען אינ'ם דאָזיגען טאָג נישט געטהון, און דעריבער ווערט דער „חקת עולם לדורותיכם" געזאָגט נאָר אויפ'ן „כל מלאכה לא תעשו", אָבער נישט אויפ'ן „ועניתם את נפשותיכם", דען עס האָט דאָך איינמאָל פּאַסירט, ווען מען האָט מבטל געווען דעם תענית...

(רבי מאיר שמחה דווינסקער)

כגר כאזרח בנקבו שם יומת... (כד. טז.)

אַז דער גר זאָל אין זיינע בירגערליכע רעכט ערגער בעהאַנדעלט ווערען און געניסען פון ווייניגער זכיות, ווי דער אזרח, וועגען דעם האָט ביי אידען, לויט דער אידישער תורה, נאָר קיין הוה-אמינא נישט געקאָנט זיין. די הוה-אמינא איז בלויז געווען, אַז מען זאָל דעם גר צוטיילען בע-זונדערע פריווילעגיעס און איהם בעפרייען פון צו טראָגען די זעלבע פליכ-טען, וואָס דער אזרח, און דערויף געפינט די תורה פאַר נויטיג אָנצוואָ-

גען : „כגר כאורח בנקבו שם יומת", אַז דער גר דאַרף געניסען נישט נאָר פון די זעלבע רעכט, נאָר ער דאַרף אויך טראָגען אויף זיך די זעלבע פליכטען.

אַט אַזוי האָט אויסגעזעהן די אידישע עטיק נאָך אין יענער צייט, מיט טויזענדער יאָהרען צוריק !...

(אמרי חן)

בְּהַר

את ספיח קצירך לא תקצור ואת ענבי נזירך לא תבצור... (כה. ה.)

דאַגעגען אין ווייטערען פסוק, ביי יובל, שטעהט: „ולא תקצרו את ספיחיה ולא תבצרו את נזריה" (כה. יא), אַ לשון נסתר.
דען אין שמיטה טאָר ער בלויז דאָס פעלד נישט בעאַרבייטען, אָבער בלייבען בלייבט דאָס פעלד ווייטער זיין אייגענטום, ווערט דעריבער געזאָגט: „את ספיח קצירך — את ענבי נזירך", אין יובל אָבער געהט אויך דאָס פעלד גופא ארויס פון זיין רשות, „בשנת היובל תשובו איש אל אחוזתו", און דערפאַר קומט דער אויסדרוק: „ולא תקצרו את ספיחיה ולא תבצרו את נזריה", נישט דיינע געוויקסען, נאָר איהרע, די ערד'ס, דען זי איז נישט מעהר דיין...

(תוספת ברכה)

וקראתם דרור בארץ לכל יושביה... (כה. י.)

געדאַרפט וואָלט דאָך אייגענטליך שטעהן: „וקראתם דרור לכל עבדיה", נישט „לכל יושביה", דען בעפרייט האָט מען דאָך בלויז די עבדים?
נאָר די גמרא זאָגט: „כל הקונה עבד עברי קונה אדון לעצמו" (קידושין כ׳), וממילא איז עס גלייכצייטיג אַ „דרור לכל יושביה": דער עבד ווערט פריי פון בעל-הבית און דער בעל-הבית — פון עבד...

(פני יהושע)

אל תונו איש את אחיו... (כה. יב.)

אַנ׳אייגענעם ברודער, אָדער אַנ׳אַנדערען נאָהנטען קרוב, איז מען זיך אָפט לייכטער מתיר צו בעשווינדלען, איידער אַ פרעמדען, טראַכטענדיג זיך דערביי: מה רעש? ער איז דאָך מיך סיי־ווי מחויב צו שטיצען, ס׳שטעהט דאָך בפירוש ״וכי ימוך אחיך והחזקת בו״ און ״מבשרך אל תתעלם״, טאָ זאָל זיך דוכטען, אַז כ׳האָב אזוי ביי איהם גענומען עטליכע גילדען... ווערט דעריבער געוואָרענט: ״אל תונו איש את אחיו״, נישט נאָר אַ פרעמדען, נאָר אפילו אַנ׳אייגענעם ברודער טאָר מען אויך נישט אָבנאַרען!...

(כפלים לתושיה)

ולא תונו איש את עמיתו... (כה. יז.)

אַפילו ווען יענער איז עמיתך, דיין חבר אין רמאות, אזאַ רמאי ווי דו — אַפילו אזעלכען טאָרסטו נישט אָבנאַרען...

(אַלשיך)

ולא תונו איש את עמיתו ויראת מאלקיך... (כה. יז.)

דו זאָלסט איהם נישט נאַרען מיט דיין פרומקייט, איינרעדענדיג איהם, בכדי צו געווינען זיין צוטרוי, אַז דו ביזט אַ ״ויראת מאלקיך״, אַ ירא־שמים...

(רבי ברוך מעזשיבוזשער)

אָהן דעם ״ולא תונו איש את עמיתו״ קאַן נישט זיין קיין ״ויראת מאלקיך״, האָט דאָס פרומקייט און מכלומר׳שטע יראת־שמים קיין שום ווערט נישט...

(אמרי נועם)

דער שטרענגער איסור פון אונאה בעציהט זיך נישט־נור אין בעצוג פון איין איד צום צווייטען, נאָר בנוגע צו יעדען איינציגען מענש, אהן אונטערשיד פון אמונה און נאַציע.

אין רמב״ם (פירוש המשנה למס׳ כלים, פרק י״ב משנה ז׳) ווערט וועגען דעם דייטליך געזאָגט: ״וכן אסור הבדוי והתחבולה ומיני הרמאות

והאונאות והעקיפים על בני האומות השונות, ואלו הרעות כולן השי"ת יתעב אותן ואת עושיהן, וכמאמר הכתוב (שופטים כה. טז.): „כי תועבת ד' כל עושה עול".

און דאס זעלבע אין ספר חסידים (סימן תתרצ"ד): „אל יעשה אדם עול לאיש מאומות העולם כמו לישראל, ומעשה עול כזה מורידין את האדם ואין הצלחה בנכסיו, ואם השעה עומדת לו — יהי' נפרעים מזרעו".

און אין מהרש"א (כתובות ס"ז): „ויש שמקבצין עושר שלא באמונה ובחלול השם ואח"כ מנדבים מאותו ממון ואין זה אלא מצוה הבאה בעבירה ואין לעושר זה קיום".

און אין באר-הגולה (חשן משפט סימן שמ"ח) הערט געזאגט: „ואני כותב זאת לדורות, שראיתי מי שהעשירו מן טעות של גוים וסופם הי' שירדו נכסיהם לטמיון ולא הניחו אחריהם ברכה, ורבים אשר קדשו את השם והחזירו טעות בני אומות העולם בדבר חשוב, גדלו והצליחו והניחו יתרה לעולליהם".

דערביי איז כדאי צו בעמערקען, אז דער מחבר פון „באר הגולה", רבי משה רבקש, האט אליין איבערגעלעבט די מורא'דיגע פאגראמען פון גזירת ת"ח ות"ט און איז אנטלאפען בעירום ובחוסר כל, אנקומענדיג נאך לאנגע וואגלענישען קיין אמסטערדאם. פון זיין גאנץ פערמעגען — שרייבט ער אין דער ערשטער הקדמה צום „באר-הגולה" — האט ער ארויסגעראטעוועט און מיטגענומען מיט זיך בלויז א לוח'ל, א קאלענדאר, בכדי צו וויסען אויף זיין וואנדער-וועג דעם סדר הזמנים... און דאך האט ער נאך דעם אלעם געהאלטען פאר זיין פליכט צו ווארענען, אז מען טאר חלילה קיין גוי נישט אבנארען...

(הרב ברוך עפשטיין)

ויראת מאלקיך...

חסידים דערצעהלען:

דער סאקאלאווער רבי האט אמאל געפרעגט דעם רבי'ן פון גער: וואס איז דער פשט אין דער גמרא: „אין הקב"ה נותן חכמה אלא למי שיש בו חכמה שנאמר יהב חכמתא לחכימין" (ברכות נ"ה). אויב חכמה גיט מען נור דעם, וועלכער איז שוין פריהער א חכם, טא פונוואנען האט דער חכם גענומען די ערשטע חכמה?

דערויף זאל איהם דער גערער רבי האבען געענטפערט: „ראשית

חכמה — יראת ד׳... דאס איז די סאמע ערשטע חכמה און דערצו קאן מען שוין אליין דערגרייכען, דען „הכל בידי שמים חוץ מיראת שמים"...

וישבתם על הארץ לבטח וכו׳ ואכלתם לשובע וישבתם לבטח עליה... (כה. יח. יט.)

נאכדאס שטעהט עפיס צוויי מאל: „וישבתם על הארץ לבטח" און „וישבתם לבטח עליה"?

נאר פערשידען זענען די געפאהרען, אויף וועלכע א לאנד איז אפטמאל אויסגעשטעלט. ערשטענס אין לאנד א קריזיס און הונגער, דראהט דאן די געפאהר פון מהומות און אויפשטאנדען מצד דער אינערליכער בעפעל־קערונג גופא, צווישען וועלכער עס וואקסט די אונצופרידענהייט און פער־ביטערונג. הערשט ווידער אין לאנד א זאטקייט און וואוילשטאנד, דאן לעבט די בעפעלקערונג גופא צווישען זיך בשלום, דערפאר אבער איז דאמאלס די געפאהר גרויס מצד די אויסערליכע שכנים, ביי וועלכע עס דערוועקט זיך די קנאה און דער חשק איינצושלינגען דאס זאטע און רייכע לאנד.

די הבטחה ווערט אלזא געגעבען איןביידע פאלען: ערשטענס, „וישבתם על הארץ לבטח ונתנה הארץ פריה ואכלתם לשובע", עס וועט אין לאנד זיין א גערעטעניש, אלע וועלען עסען צו דער זעט, וממילא וועט דאן הערשען אנ׳אינערליכע רוהיגקייט און אלגעמיינע צופרידענהייט. גלייכצייטיג אבער, כאטש דאס לאנד וועט זיך אויסצייכענען מיט איהר וואוילשטאנד און רייכטום, וועט אייך אויך נישט דראהען קיין געפאהר מצד די אויסערליכע שכנים און — „וישבתם לבטח עליה"...

(כתב סופר)

וכי תאמרו מה נאכל בשנה השביעית... (כה. כ.)

געדארפט וואלט דאך אייגענטליך שטעהן: „מה נאכל בשנה השמינית", די שאלה דארף דאך זיין וועגען אכטען יאהר, ווארום אויפ׳ן זיבעטען יאהר זענען זיי דאך פערזארגט מיט דער נייער תבואה פונ׳ם זעקסטען יאהר? — דערויף ענטפערט דער רמב״ן (ווי אויך די בעלי־התוספות), אז

די ווערטער אינ'ם דאזיגען פסוק דארפען ווערען איבערגעשטעלט, מען דארף לייענען, גלייך ווי עס וואלט געשטאנען: „וכי תאמרו בשנה השביעית מה נאכל" און די פראגע פון „מה נאכל" בעציהט זיך טאקי אויפ'ן שפעטערדיגען, אכטען יאהר.

דאגעגען בעמערקען איניגע אנדערע מפרשים, אז נאך די ווערטער „מה נאכל" קומט א הפסקה און נעמליך: „וכי תאמרו מה נאכל, בשנה השביעית הן לא נזרע ולא נאסוף את תבואתנו", אין זיבעטען יאהר וועלען מיר דאך נישט זייהען און נישט איינזאמלען קיין תבואה, טא וואס וועלען מיר עסען אין אכטען יאהר?...

ואיש כי ימכור בית מושב עיר חומה וכו'... (כה. כט.)

פארוואס ווערט גראד ביי בית מושב עיר חומה געמאכט אנ'אויסנאהם, אז אויב מען לייזט עס נישט אויס במשך פונ'ם ערשטען יאהר, בלייבט עס ביים קונה לצמיתות און עס איז נישט חל דערויף דער יובל?

ווייל די ערי חומה, אלס פעסטונגס-שטעדט, האבען געדינט אלס שוץ פאר דער בעפעלקערונג געגען א מלחמה-בעלאגערונג. אין א פעסטונגס-שטאדט ווערען די הייזער געבויט לויט א ספעציעלען סיסטעם צוגעפאסט צו א מלחמה-צייט, מיט אונטערערדישע בעהעלטענישען און געהיימע אויס-גענג, מיט וועלכע עס זענען בעגוי בעקאנט נאר די שטענדיגע אלט-געזעסע-נע איינוואוינער. ווען, אלזא, די הייזער פון א עיר-חומה זאלען אין א יובל-יאהר צוריקגעהן צו די אמאליגע אייגענטימער פון צעהנדליגער יאהרען צוריק, וואלט די שטאדט מיט איינמאל בעזעצט געווארען מיט נייע מענ-שען, וועלכע וואלטען ביי א פלוצליגען מלחמה אויסברוך נישט געוואוסט פון די אלע איינגעאָרדענטס שוץ-מיטלען, ווי אזוי צו פערטיידיגען די שטאדט, און דעריבער האט די תורה געמאכט אנ'אויסנאהם, אז אויף די הייזער פון אזעלכע שטעדט זאל דער יובל נישט חל זיין...

(רבי מאיר שמחה מדווינסק)

את כספך לא תתן לו בנשך וכו' אשר הוצאתי אתכם מארץ מצרים וכו'.. (כה. לז.)

דערוויטער זיך פון דער דאזיגער פרנסה, לעב נישט פון געבען

געלד אויף פראָצענט, וואָרום „אני ד׳ אלקיכם אשר הוצאתי אתכם מארץ מצרים לתת לכם את ארץ כנען״, און דאָס דאָזיגע לאַנד איז אַ זעהר גוט לאַנד, אַן׳ארץ זבת חלב ודבש, וואו דו וועסט קענען געפינען פאַר זיך אַ סך בעסערע און מעהר כשר׳ע פרנסות...

(כפלים לתושיה)

בְּחֻקֹּתַי

אם בחוקותי תלכו... (כו. ג.)

„תלכו", איהר זאָלט געהן אין די חוקות התורה. דער מענש דאַרף כסדר זיין אַ הולך, כסדר שטייגען אלץ חייטער און העכער, נישט שטעהן אויף אנ'אָרט...

(רבי ר' בונם)

„אם בחוקותי תלכו — שתהי' עמלים בתורה" (רש"י)

אויף דער געגעבענער הבטחה, אז „אם בחוקותי תלכו – ונתתי גשמיכם בעתם", פרעגען פערשידענע מפרשים (און אזוי פרעגט אויך דער כלי יקר): מיר האָבען דאָך א כלל, אז „שכר מצוה בהאי עלמא ליכא"? און דערויף ענטפערט דער מהרש"א, אז דער „שכר מצוה בהאי עלמא ליכא" איז נור געזאָגט געוואָרען בנוגע דעם קיום פון דער מצוה גופא, דאגעגען פאר דער טרחה, וואָס מען האָט ביים מקיים זיין די מצוה, אָדער פאַר דער שמחה של מצוה, דערויף בעקומט מען יאָ דעם שכר בהאי עלמא.

ווי עס חייזט אויס, איז אויך רש"י'ן קשה געווען די זעלבע פראגע און דערויף קומט די בעמערקונג: „אם בחוקותי תלכו – שתהי' עמלים בתורה", אז דער שכר פון „ונתתי גשמיכם בעתם וכו'" וועט געגעבען ווע-רען, נישט פאר'ן מקיים זיין די מצוות גופא פון דער תורה, נאָר פאר'ן „שתהיו עמלים בתורה", פאר דער טרחה של מצוה...

(שערי שמחה)

ואכלתם לחמכם לשובע וישבתם לבטח בארצכם... (כו. ה.)

ווען עס איז נישטאָ קיין פרנסה איז מען געצוואונגען צו נעהמען דעם וואַנדער-שטעקען און צו עמיגרירען: „כי תעבוד את האדמה לא תוסיף תת כחה לך — נע ונד תהי׳ בארץ״ (בראשית ד. יב.) און „ויהי רעב בארץ — וילך אברם מצרימה לגור שם״, און דאָס, אַלזאָ, איז דער זין פון דער געגעבענער הבטחה: „ואכלתם לחמכם לשובע — וישבתם לבטח בארצכם״, איהר וועט האָבען ברויט צו דער זעט און אידהר וועט קענען פעסט און זיכער זיצען אין לאַנד, איהר וועט נישט דאַרפען אויס-וואַנדערען...

(תוספת ברכה)

„ואכלתם לחמכם לשובע—אוכל קמעא והוא מתברך במעיו״ (רש״י)

אויב — האָט געפרעגט דערויף דער ביאַלער רבי, רבי משה מיכל — די תורה איז מבטיח, אַז מען וועט זיין געבענשט מיט כל טוב, טאָ נאָכ-וואָס איז דערביי נויטיג די ברכה פון „אוכל קמעא והוא מתברך במעיו״, ער האָט דאָך אַ ברירה צו עסען וויפיעל ער וויל?

איז דערפון — האָט ער געענטפערט — דאַרף מען זיך טאָקי אָראָב-לערנען, אַז אפילו ווען מען האָט פון אַלעם גוטען, דאַרף מען אויך נישט זיין אַריינגעלאָזט צופיעל אין אכילה ושתיה און צופיעל שטאָפען דעם חומר...

רבי ישראל ריזשינער איז געווען אַ זעהר קנאַפּער עסער, מעהר ווי איין לעפעל פלעגט ער נישט עסען, דערביי פלעגט ער דאָס מאכל פריהער אַזוי פערזאַלצען, אַז קיינער האָט דערנאָך נישט געקאָנט עסען דערפון.

ויהי היום, איז זיך דער ריזשינער איינמאָל צונויפגעקומען מיט זיין מחותן, דער קאָסאָווער רבי און מען האָט געפּראַוועט פאַר זיי, ווי דער שטייגער איז, אַ סעודה. דער קאָסאָווער רבי האָט געגעסען כדרך כל האדם, דער ריזשינער אָבער האָט פון יעדען מאכל בלויז עפּעס טועם געווען.

— פאַרוואָס עסט איהר גאָרנישט, מחותן? — פרעגט איהם דער קאָ-סאָווער.

— איידער מיר זענען אַראָב אויף דעם עולם — ענטפערט איהם דער ריזשינער — האָבען מיר אויסגענומען מיט אונזער גוף אַ תנאי, אַז מיר

קענען זיך מיט איהם אַנדערש נישט מתחבר זיין, סיידען ער וועט מסכים זיין צו זיין אַ מסתפק במועט, צו געניסען ווי אַמווענינגסטען פון די נויטי־גע צרכי הגוף, דער גוף האָט דערויף מסכים געווען און די גאַנצע צייט איז ער דעם תנאי מקיים.

דנרהערענדיג די דאָזיגע ווערטער האָט דער קאָסאָווער רבי אוועק־געלעגט דעם לעפעל, אָבגערוקט דעם טעלער און אויפגעהערט צו עסען.

— און איהר, מחותן — פרעגט איהם דער ריזשינער — פאַרוואָס עסט איהר נישט? צי האָט אויך אייער גוף גענומען אויף זיך די זעלבע התחייבות?

— ניין — ענטפערט דער קאָסאָווער מיט אַ שמייכעל — אונזער גוף האָבען מיר קיין שום תנאי נישט געשטעלט און דערפאַר זענען מיר זיך נוהג צו געבען איהם צו עסען וויפיעל ער דאַרף, אָבער איצט איז מיר פער־ענטפערט געוואָרען אַ־ענין, וואָס איך האָב קיינמאָל נישט רעכט פערשטאַנען. כידוע איז פרייטאָג אויף דער נאַכט, בשעת אַ איד קומט אַהיים פון שוהל, בעגלייטען איהם צוויי מלאכים, וועלכע ער איז מקבל פנים מיט אַ „שלום עליכם מלאכי השרת", מיט זמירות און תהלות ותשבחות, אָבער תיכף ומיד פער־טיגט ער זיי אָב און רופט אויס: „צאתכם לשלום מלאכי השלום!" ער הייסט זיי געהן געזונדערהייט... איז דאָך קשה: פאַרוואָס שיקט ער זיי עפעס אַזוי גיך אַוועק, פאַרוואָס לאָזט ער זיי נישט זיצען בשעת'ן עסען?...

נאָר דער תירוץ איז: אַ מענש קאָן נישט עסען, בשעת עס זיצען בעבען איהם מלאכים וואָס עסען גאָרנישט...

ונתתי שלום בארץ ושכבתם ואין מחריד... (כו. ו)

בשעת עס איז קיין שלום נישטאָ און עס הערשט צווישען די מענשען קנאה ושנאה, ווערט זיי דער שלאָף געשטערט, ווי ס'ווערט געזאָגט אין פסוק: „מתוקה שנת העובד אם מעט ואם הרבה יאכל והשובע לעשיר איננו מניחו לו לישון" (קהלת ה. יא). אַז די קנאה לאָזט דעם מענש נישט שלאָפען. בעת אָבער עס וועט זיין „ונתתי שלום בארץ", אַז עס וועט הערשען ביי אייך שלום, דאַן — „ושכבתם ואין מחריד", וועט איהר קאָ־נען שלאָפען במנוחה...

(כתב סופר)

וישן מפני חדש תוציאו... (כו. י.)

דער דין איז: „אין מוציאין פירות מארץ ישראל דברים שיש בהם חיי נפש, כגון יינות שמנים וסלתות" (בבא בתרא צ'). די שפע אין ארץ-ישראל וועט אבער זיין אזוי גרויס, אז „וישן מפני חדש תוציאו", אז איהר וועט זיך קענען און מעגען ערלויבען ארויסצופיהרען און צו עקספארטירען תבואה קיין חוץ-לארץ, זאגאר „מפני חדש", אין דער צייט פאר'ן חדש, פאר'ן שניט פון פרישען גערעטעניש, וואס דאמאלס פיהלט זיך געוועהנליך אין יעדען לאנד א מאנגעל אין תבואה...

(ספורנו)

ורדו בכם שונאיכם.. (כו. יז.)

„ורדו בכם שונאיכם, שאעמיד עליכם מכם ובכם, שבזמן שאומות העולם עומדין על ישראל אין מבקשין אלא בגלוי וכו' ובזמן שעומדין עליהן מישראל אין מחפשין אלא אחר מטמוניות" (רש"י)

די גרעסטע צרות זענען מיר תמיד אויסגעשטאנען פון די אינערליכע שונאים, פון די משומדים און פעררעטער, וועלכע פלעגען ביי אונז ענט-דעקען אזעלכע „מטמוניות", אזעלכע אויסטערלישע בעהאלטענע פערברעכענס און ווילדע בלבולים, וואס עס וואלט קיין שום גוי נישט געקאנט איינ-פאלען...

ויספתי לְיַסְּרָה אתכם שבע על חטאתיכם... (כו. יח.)

דער מספר „שבע" — בעמערקט דערויף דער רשב"ם — ווערט נישט געמיינט אין בוכשטעבליכען זין, נאר עס ווערט בלויז בענוצט אלס אויס-דרוק פון א גרעסערע צאהל.

דעם דאזיגען מספר געפינען מיר אין זעהר פיעל פסוקים, ווי: „כי שבע יפול צדיק וקם" (משלי כד. טז.), „והחזיקו שבע נשים באיש אחד" (ישעי' ד. א.), „ובשבעה דרכים ינוסו מפניך" (דברים כח. ז.), „אשר הוא טובה לך משבעה בנים" (רות ד. טו.), „שבע ביום הללתיך" (תהלים קי"ט), „כי שבע תועבות בלבו" (משלי כו. כה.), „על אבן אחת שבעה עינים" (זכרי' ג. ט.), און אין פיעל, פיעל אנדערע ערטער.

וזכרתי את בריתי יעקב וכו׳ והארץ תעזב מהם .. (כו. מב. מג.)

וואס פאר א צוזאמענהאנג איז פאראן צווישען די דאזיגע פסוקים און מיט וואס ערקלערט זיך עס, וואס נאכ׳ן דערמאהנען ביים ענדיגען די תוכחה דעם זכות-אבות ווערט באלד אין ווייטערען פסוק ווידעראמאל איבער-געגאנגען צו די דברי-תוכחה?

נאר מיר געפינען אין מדרש איכה (פרשה ד׳): „מזמור לאסף, אלקים באו גוים בנחלתך. אמרו לו לאסף, הקב״ה החריב היכל ומקדש ואתה מזמר? אמר להם, מזמר אנכי על ששפך חמתו על העצים ועל האבנים ולא על ישראל״ און דער זין איז פונ׳ם דאזיגען ענטפער, אז הרוב איז בלויז גע-ווארען דאס לאנד, די בנינים פון עצים ואבנים, אבער נישט חלילה דאס פאלק ישראל, און הרוב׳ע בנינים קאן מען צוריק אויפשטעלען און צוריק אויפבויען.

און דאס איז אויך דער זין און צוזאמענהאנג פון די דאזיגע פסוקים: „וזכרתי את בריתי יעקב ואף את בריתי יצחק״ וכו׳, און בעשטעהן וועט דער זכות-אבות אין דעם, וואס — „והארץ תעזב מהם ותרץ את שבתותיה בהשמה מהם״, בלויז דאס לאנד וועט חרוב ווערען, דאס פאלק אבער וועט ווייטער בלייבען עקזיסטירען און מיט דער צייט וועט עס זיך צוריק אומ-קעהרען און צוריק אויפבויען דאס הרוב-געווארענע לאנד...

(תוספת ברכה)

„וזכרתי את בריתי יעקב ואף את בריתי יצחק ואף את בריתי אברהם אזכור״.

פארוואס ווערען דא די אבות אויסגערעכענט לויט׳ן פערקעהרטען נישט גלייכען סדר: אברהם, יצחק ויעקב?

דען — האט געזאגט דערויף רבי שמעלקי ניקעלשבורגער — „על שלשה דברים העולם עומד, על התורה ועל העבודה ועל גמילות חסדים״, דאס זענען די דריי הויפט-יסודות, אויף וועלכע עס האלט זיך דער קיום פון פאלק ישראל, און יעדער פון די אבות האט זיך אויסגעצייכענט מיט איינע פון די דריי הויפט-מצות. תורה — איז זכות יעקב, וועלכער האט געלערענט תורה ביי שם ועבר, עבודה — איז זכות יצחק, וועלכער האט זיך צוליעב עבודת השם געלאזט פיהרען צו דער עקידה, גמילות-חסדים — איז זכות אברהם, וועלכער האט זיך אויסגעצייכענט מיט זיין הכנסת אורחים, און דער פסוק רעכענט אלזא אוי׳ס די זכותים, א דאנק וועלכע די אידען

וועלען קענען איבערטראָגען די שווערסטע תוכחה־צייטען, לויט׳ן סדר פון די שלשה דברים: תורה ועבודה וגמילות־חסדים...

(אמרי פז)

ואף גם זאת בהיותם בארץ אויביהם לא מאסתים ולא געלתים לכלותם... (כו. מד.)

פארהאן פעלקער, וואס זייער שטאם איז געבליבען, אָבער זייער נאָמען עקזיסטירט נישט מעהר. נישטאָ מעהר קיין פאָלק מיט׳ן נאָמען פלשתים, קיין פאָלק עמלק, קיין עמון, מואב, בבל א. א. וו. דאַגעגען ווידער זענען פארהאן פעלקער, וואס זייער נאָמען איז פארבליבען, אָבער זייער שטאם עקזיסטירט נישט מעהר, ווי למשל, מצרים, וועלכע איז במשך פון עטליכע חורבנות פולשטענדיג פערניכטעט געוואָרען און דאָס לאנד איז בעזעצט געוואָרען דורך אנדערע, וועלכע האָבען נישט קיין שום געמיינזאַמעס מיט די אַמאָליגע מצריים. אידען אָבער איז געגעבען געוואָרען די הבטחה, אַז „כאשר השמים החדשים והארץ החדשה אשר אני עושה עומדים לפני נאום ד׳ כן יעמד זרעכם ושמכם״ (ישעי׳ ס״ו), סיי אייער שטאַם, אייערע קינדער, סיי אייער נאָמען, וועלען אייביג עקזיסטירען...

(העקרים פרק מ״ב)

ואף גם זאת בהיותם בארץ אויביהם...

אַ פאָטער וואָס זיין זוהן איז צוליעב אַ שווערען חטא פערשיקט געוואָרען קיין סיביר, האָט געשיקט דעם זוהן אַ גרעסערע סומע געלד און איהם געשריבען, ער זאָל זעהן פאַר דעם געלד זיך איינצוואָרדנען און זיך נעהמען דאָרט צו עפעס אַ מסחר. האָט דער זוהן, דערהאַלטענדיג דאָס געלד, זיך צעוויינט און אָבגעענטפערט דעם פאָטער: ביז איצט האָב איך כסדר געלעבט מיט דער האָפנונג, אַז די שטראָף וועט מיר געשענקט ווערען און איך וועל זיך קאָנען אומקעהרען צוריק אַהיים, איצט אָבער, וויבאַלד דו שיקסט מיר געלד און דו שרייבסט, אַז איך זאָל מיך דא איינאָרדנען, זעה איך, אַז איך בין שוין אַ פערפאַלענער...

די אידען, דערהערענדיג די הבטחה, אַז „ואף גם בהיותם בארץ אויביהם לא מאסתים ולא געלתים לכלותם להפר ברית אתם״, אַז השי״ת איז

זיי מבטיח, אַז ער וועט זיי אין גלות נישט פערלאָזען און אַז ער וועט דאָרט זאָרגען פאַר זיי, קענען זיי דאָך מיינען אַז אויב אַזוי, ווי באַלד מען געהט זיי דאָרט איינאָרדנען, איז עס חלילה אַ בעווייז, אַז זיי וועלען שוין בלייבען דאָרט שטענדיגע תושבים, אַז זיי וועלען שוין קיינמאָל פון גלות נישט אַרויס, ווערט דעריבער נאָכ׳ן דאָזיגען פסוק צוגעגעבען אַ צווייטע הבטחה: „וזכרתי להם ברית ראשונים וכו׳", אַז דאָס איז נישט חלילה אויף שטענדיג...

(רבי אליהו גרײדיצער)

ואף גם זאת בהיותם בארץ אויביהם...

„...די השגחה העליונה, וועלכע האָט בעשטימט, אַז ישראל זאָל זיי׳ן נע־ונד אין פערשידענע לענדער, ביז עס וועט ווערען ראוי די צייט פאַר׳ן ריכטיגען קץ, האָט אויך געזאָרגט דערפאַר, אַז די אידישע אומה זאָל קע־נען איבערטראָגען די אַלע שטורמדיגע כוואַליעס און נישט אַסימילירען זיך צווישען די פעלקער. דאָס איז אויך געווען די אויפגאַבע פון אַלע גדולי־האומה, וועלכע האָבען צו דעם צוועק אונז בעוואָרענט מיט פערשידענע גדרים און סייגים. דער ערשטער איז געווען אונזער פאָטער יעקב, וועל־כער האָט דערזעהען, וואָס עס וועט פאַסירען באחרית הימים מיט זיינע קינדער, וועלכע זענען אין אַ צאָהל פון ס"ה זיבעציג נפשות פערוואָגעלט געוואָרען קיין מצרים, צווישען אַזאַ גרויסע און מעכטיגע אומה, דורך וועל־כער זיי קענען חלילה זעהר לייכט איינגעשלונגען ווערען, האָט ער דערי־בער געזאָרגט קודם־כל, אַז זיי זאָלען וואוינען צוזאַמען אין אַן אָבגעזונדערט ווינקעל, אין גושן, וואו זיי זאָלען לעבען אָבגעזונדערט מיט זייער שפראַך, מיט זייערע נעמען און מיט זייערע מלבושים און דערצו האט ער זיי שטרענג אנגעזאגט, אַז נאך זיין טויט זאלען זיי איהם אריבערפיהרען קובר זיין אין ארץ־כנען, בכדי זיי זאלען נישט פערגעסען און זיך נישט מייאש זיין און וויסען, אז דער יחוס פון אידען איז פערבינדען אויסשליסליך מיט׳ן דאָזיגען לאַנד, און דאָס איז דער פשט: „ויגר שם, מלמד שלא ירד יעקב אבינו להשתקע אלא לגור שם". די כונה איז: „מלמד", ער האָט זיי געלערנט, דאָס איז געווען אַ לימוד לדורות, אויף אַלע צייטען, אין יעדען גלות זאָלען אידען געדענקען, אַז זיי זענען נישט געקומען אַהין חלילה „להשתקע, אלא לגור שם"... און די זעלבע צוואה האָט אויך איבערגעלאָזט יוסף און אַלע זיינע ברידער, און דאָס איז דער פשט: „ויקוצו מפני בני ישראל", די מצריים האָבען געזעהען, אַז די אידען זענען מיט זייער אויפ־פיהרונג און אָבגעזונדערטקייט געגליכען צו קוצים, דערנער, וועלכע לאָזען

זיך נישט מרכיב זיין מיט קיין שום אַנדערע בוימער און פלאַנצונגען... און דעריבער איז אויך דער דרך-ההשגחה, אַז נאָכדעם, ווי די אידען זענען אָב אין אַ לאַנד אַ לענגערע צייט, עטליכע הונדערט יאָהר, וואו זיי ווערען איינגעוואָרצעלט עקאָנאָמיש און גייסטיג און זיי הערען אויף צו פיהלען אַז זיי זענען פרעמדע אין דאָזיגען לאַנד, ברעכט דאַן אויס פלוצים אַ שטורם-ווינד, וואָס רייסט זיי אויס פונ'ם איינגעוואקסענעם שורש און דער־מאָהנט זיי, ווער און וואָס זיי זענען און צווינגט זיי אויסצווואַנדערען אין אַנ'אַנדער לאַנד און אָנצוהויבען פון דאָס-ניי אַ ריין אידיש לעבען... ביז עס געהט אַריבער אַ לענגערע צייט און זיי פערגעסען ווידער ווער זיי זענען, האַלטענדיג זיך פאַר איינגעזעסענע בירגער, איבערנעהמענדיג די קולטור, די שפראַך און די מנהגים פון לאַנד און בערלין פערנעהמט ביי זיי דאָס אָרט פון ירושלים, דאַן ברעכט-אויס נאָכאַמאָל אַ פיעל-שטאַרקערער שטורם, וואָס רייסט זיי אַרויס פון אָרט, און אַזוי חוזר'ט זיך עס איבער כסדר אין דער אידישער געשיכטע... און דאָס איז דער פשט: „ואף גם זאת בהיותם בארץ אויביהם לא מאסתים ולא געלתים לכלותם להפר בריתי אתם", איך האָב זיי נישט פערמיאוסט און נישט אויסגעשפיגען פון איין אָרט אויפ'ן אַנדערען, כדי חלילה זיי אומצוברענגען און איבערצורייסען מיין פערבינדונג מיט זיי, נאָר פערקעהרט, דער „מאָסתים" און דער „געלתים" איז נויטיג, כדי זיי זאָלען נישט ווערען אומגעברענגט, כדי זיי זאָלען נישט ווערען אויסגעמישט און פערשלינגען צווישען די פרעמדע פעלקער, כדי צו דער־האַלטען זייער עקזיסטענץ אַלס אידען און צו דערמאָהנען זיי, אַז „כי אני ד' אלקיהם"...

דער דאָזיגער וואונדערליכער מאמר (פון וועלכען מיר ברענגען נור אַ קיצור) איז גענומען פון ספר „משך חכמה", פון דווינסקער גאון, רבי מאיר שמחה. אינ'ם דאָזיגען מאמר, ווי עס איז צו זעהען, ווערט ווי ברוח־נבואה פאָראויסגעזאָגט די טראַגעדיע פון די דייטשע אידען, וועלכע האָבען בעטראַכט בערלין אַלס ירושלים... געדרוקט איז געוואָרען דאָס ספר אין יאָהר תרפ"ז, אַ יאָהר נאָך זיין פטירה...

לא יחליפנו ולא ימיר אותו טוב ברע או רע בטוב...

(כז. י.)

„חליפין" בעדייט אין לשון קדש, ווען מען בייט אויס אַנ'אַנדערע זאַך

אויף אַ בעסערע, ווי „ויחלף שמלותיו" (בראשית מא. יד.), אַז מען האָט די אַלטע ביליגע תפיסה-קליידער אויסגעביטען אויף נייע, אָדער „וקווי ד' יחליפו כח" (ישעי' מ. לא.), אנשטאָט דעם שוואַכען כח וועלען זיי ווערען געקרעפטיגט מיט שטאַרקערע כחות, דאַגעגען „תמורה" בעדייט פערקעהרט, ווען מען בייט אויס אַ בעסערע זאַך אויף אַן ערגערע, און דערפאַר ווערט אַ משומד, למשל, אָנגערופען אין תלמוד מיט'ן נאָמען „מומר"...

(הכורם)

וכל מעשר בקר וצאן, כל אשר יעבור תחת השבט, העשירי יהי' קדש... (כז. לב.)

„כשבא לעשרן מוציאן בפתח זה אחר זה והעשירי מכה בשבט צבועה בסיקרא להיות ניכר שהוא מעשר" (רש"י)

אויב נאָר צוליב דעם סימן — האָט געפרעגט דער אָסטראָווצער רבי-טאָ פאַרוואָס איז גראָד געקומען צו שלאָגען דאָס צעהנטע, דאָס אויסדער-וועהלטע הייליגע שעפסעלע? מען האָט דאָך געקענט דעם זעלבען סימן מאַכען פערקעהרט אויף די אַנדערע ניין, אַז די, וואָס וועלען האָבען אויף זיך דעם צייכען פון דער געפאַרבטער רויט זענען נישט קודש?

נאָר אַזוי איז שוין דער בעשטימטער גורל פון שטענדיג אָן: שמייסען שמייסט מען דעם קודש, דער קודש בעקומט די קלעפ...